YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv19i09

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 19 Issue 9
September 1937

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 19, Iss. 9)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/633

217

SEP 8 '37

GERECHTIGKEIT (Justice)

גערעכטיגקייט

Vol. XIX. No. 9. Jersey City, N. J., September, 1937 Price: 10 Cents

ער מאַכט שוין פון אים דעם ריכטיגען תכלית...

Homan in The Wilmington News

באַלטימאָר ווערט יוניאָניזירט

ענדליך קומט אויך באַלטימאָר אין די רייהען און שטעלט זיך אונ־אונטער דער פאָן פון דער אינטער־נעשאַנעל.

באַלטימאָר איז געווען פאַר א צייט מיט יאָרען א שווארצער פלעק אויף דער לאַנד־קאַרטע פון דער אינ־טערנעשאַנעל. עס איז געווען די שטאָט פון סוועט־שאָפּ צושטאַנד אין דעם קלאוק און דרעס טרעיד. און אָט דער צושטאַנד האָט זיך דארטען אזוי פעסט איינגעוואָר־צעלט, אז ניט קוקענדיג אויף דעם וואס באַלטימאָר איז אין פארגלייך א קליינער צענטער אין דעם קלאוק און דרעס טרייד איז עס דאָך פאַר דער אינטערנעשאַנעל א לאַנגע צייט געווען שווער איינצונעמען.

עס פארשטעהט זיך, אז ווען די אינטערנעשאַנעל וואָלט קיין אנדער ארבייט ניט געהאַט ווי איינצונעמען באַלטימאָר און וואָלט אויף איר קאָנצענטרירט אירע כחות וואָלט זי שוין לאַנג מיט איר פארטיג געווארען. די אינטערנעשאַנעל האָט איינגענומען גרעסערע און שטאַרקערע סוועט שאָפּ פעסטונגען ווי באַלטימאָר. אָבער טאַקע דערפאַר, וואס זי איז געווען פארנומען מיט די גרעסערע און שטאַרקערע האָט זי קיין פיל כחות פאַר באַלטימאָר ניט געקענט אָפּגעבען און זי האָט איר אי־בערגעלאָזען פאַר א מאָמענט, ווען זי וועט איר קענען שענקען מער אויפמערקזאַמקייט. און דער מאָמענט איז ענדליך געקומען. צוערשט האָט מען זיך גענומען אָרגאַ־ניזירען דעם דרעס טרעיד און דערנאָך איז מען אריבער צו דעם קלאוק טרעיד.

די ארבייט צו אָרגאַניזירען דעם קלאוק טרעיד אין באַלטימאָר איז אָנגעפאנגען געווארען קורץ נאָך דער קאָנווענשאָן אין אַטלאנטיק סיטי, אויף וועלכער עס איז באשלאָסען געווארען, אז אויך באַלטימאָר מוז געשטעלט ווערען אונטער דער פאָן פון דער אינטערנעשאַנעל. פּרעזידענט דובינסקי האָט פאַר דער אויפגאבע באשטימט ברודער מאיר פערלשטיין, וועלכער האָט זיך אויסגעציי־כענט מיט זיין ערפאָלגרייכער אָרגאַניזאציאָנס ארבייט אין דער סאוטה־וועסט, און ער, צוזאמען מיט וויס־פּרע־זידענט טשארלעס קריינדלער, וואס האָט בלויז געקענט אָפּגעבען א טייל פון זיין צייט פאַר באַלטימאָר, האָבען זיך גענומען ענערגיש פאַר דער ארבייט צו אָרגאַניזי־רען דעם קלאוק טרייד און עס האָבען זיך באלד אָנ־געפאנגען ווייזען רעזולטאַטען. אין אָנפאנג אויגוסט האָט מ. פערלשטיין אָנגעזאָגט די פרעהליכע בשורה, אז ער האָט אונטערגעשריבען א יוניאָן־אָפּמאַך מיט דער „לואיס מארקוס קאָרפּאָריישאָן", וועלכע איז די גרעסטע קלאוקס־פירמע אין באַלטימאָר. זי באַשעפטיגט נעמליך אָרום 4 הונדערט ארבייטער. דאָס איז געווען אָן אָנזאָג, אז די אָנטי־יוניאָן פעסטונג אין באַלטימאָר איז געבראָכען גע־וואָרען. אין קנאַפּע צוויי וואָכען ארום איז אָנגעקומען פון פערלשטיינ'ען א צווייטע פרעהליכע בשורה, אז די פיר־מע „סילווערשטיין און שלאָסער" האָט אונטערגעשריבען אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן. די פירמע איז ניט אזא גרוי־סע, זי באַשעפטיגט בלויז 50 ארבייטער אָבער א גאַנץ וויכטיגע אין טרעיד, ווייל זי פּראָדוצירט א בעסערען גראַד ארבייט און זי האָט אַ לאַנגע צייט געקעמפט מיט אלע אירע כוחות געגען דער יוניאַן און זי האָט אויך זיך גע־קענט באַרימען, אז פאַר די לעצטע זעקס יאָר האָט זיך איר איינגעגעבען ניט צו דערלאָזען די יוניאָן צו איר שאָפּ. און צו לעצט די גוטע נייעס, אז די פירמע „פּאַיאָ־ניר קאָמפּאַני", די צווייטע גרעסטע קלאוקס פירמע אין באַלטימאָר, וועלכע באַשעפטיגט 300 ארבייטער, האָט אונטערגעשריבען אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן.

און ווי עס זעהט אויס פון די לעצטע באריכטען פון קאַמפּס־פעלד איז עס גאַנץ נאָהנט די צייט, ווען דער קלאוק־טרעיד אין באַלטימאָר וועט זיין אין גאַנצען אָר־גאַניזירט און זי וועט פון אַן אָנטי־יוניאָן פעסטונג פאַר־וואַנדעלט ווערען אין א יוניאָן פעסטונג פאַר דער אינ־טערנעשאַנעל.

דער שטענדיגער קאַמף און פאָרטשריט פון דער אינטערנעשאַנאַל

די אינטערנעשאַנעל האָט די לעצטע עטלי־כע וואָכען ווידער גע־האַט א ביזי צייט. סטרייקס און סעטעל־מענטס ; אגרימענטס, לאַדענישען, „דיך־תורה'ס" און וואָס ניט. אָט גיט נאָר א קוק אין דער אָפּטיילונג אין „גערעכטיגקייט" „וואָס הערט זיך אין דער אינטערנעשאַנעל" און איר וועט זעהן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אלע עקען און ברע־גען פון לאַנד, וואו נאָר די אינטערנעשאַנעל האָט פאַר־פלאַנצט איר פאָן.

מיר האָבען דאָ אויבען דערמאָנט באַלטימאָר, וואו עס ווערען איצט אָרגאַניזירט די קלאוק שעפּער. דאָס

קלאָוקמאַכער, היט אָפּ אייערע געווינסטען

פון איזידאָר נאַגלער

רזשענעראַל מענעדזשער דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן.

(אַ רוף צו ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער)

ברידער קלאָוקמאַכער:

די פאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי בתים איז פאַרענדיגט. דער נייער אגרימענט אין קלאָוק טרייד איז אונטערגעשריבען. אייערע פאַרטרעטער ביי די קאָנפערענצען האָבען מיט אייער הילף, אייניגקייט און דיסציפּלינירטקייט געוואונען וויכטיגע און באַדייטענדע פאַרבעסערונגען. איצט ליגט עס אין אייערע אייגענע הענט אָנצוקלײדען די געשריבענע ווערטער פון דעם אגרימענט אין פלייש און בלוט. איר דאַרפט פאַרוואַנדלען דעם אונטערגעשריבענעם דאָקומענט אין אַן אינסטרומענט צו באַשיצען אייערע ארבייטס און לעבענס־מעגליכקייטען, צו פאַרבעסערן אייערע באַדינגונגען.

די אויסבעסערונגען אין דעם נייעם אגרימענט זיינען וויכטיגע. די שכירות פון די וואָך ארבייטער איז געהעכערט געוואָרען מיט פינף דאָלאַר אַ וואָך; די פרייזען פאַר שטיק־ארבייטער איז געהעכערט מיט צען פראָצענט. עס ווענדעט זיך אָן אייך, אז איר זאָלט אָט די העכערונגען קריגען אין אייערע פּעי ענוועלאָפּס.

דער קלאָוק טרייד איז די ערשטע באַדייטענדע אינדוסטרי אין אמעריקא, וואָס האָט דורך דעם אגרימענט זיך דערשלאָגען אַ צוויי און דרייסיג אַ האַלב שטונדיגע ארבייטס־וואָך. די פאַרקירצונג גייט אריין אין קראַפט יוני, 1939.

וואָס איז נאָך וויכטיגער, איז די פאַרפעסטיגונג פון דעם יוניאָן קאָנטראָל איבערן טרייד, וואָס מיר האָבען געקראָגען דורך די אויסבעסערונגען אין דעם אגרימענט. מיר האָבען געקראָגען די מעגליכקייטען צו פאַרשטאָפּען די לעכער דורך וועלכע אַ גרויסער טייל פון אונזערע געווינסטען פלעגען אויסרינען אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער פאַרבאָט פאַר דזשאָבערס אָנצוהאַלטען קאַטינג טעיבעלס סיידען ער האָט אַן אינסייד שאָפּ; דער אויסדריקליכער פאַרבאָט ארויסצוגעבען „מעניש סטיילס" אָדער אנדערע סאָרטען קלאָוקס צו שעפּער וואָס שטייען נישט אונטערן קאָנטראָל פון אונזער דזשאָינט באָארד; די שאַדען־ערזאַץ, וואָס אַ באָס מוז צאָלען זיינע ארבייטער ווען ער גיט ארויס ארבייט צו ניט־יוניאָן קאָנטראַקטאָרס און וועלכע זיינען ניט באַשטימט פאַר אים; דער פאַרבאָט ארויסצופירען שעפּער פון מאַנהעטען און די באַגרענעצונג געגען ארויספירען שעפּער פון ברוקלין אוט אָו טאַון, אָט די אלע נייע פּונקטען אין דעם אגרימענט פאַר וועלכע מיר האָבען געמוזט שווער און ביטער קעמפען ביי די קאָנפערענצען און צוליב וועלכע איר האָט אָפּגעשטעלט די ארבייט, גיבען אונז די מעגליכקייט צו פאַרהיטען, אַז די „באַנדלאָך" זאָלען זיך ניט קענען אוועק קייקלען פון די ניו יאָרקער קלאָוק שעפּער אין פלעצער וואו זיי ווערען געמאַכט אונטער ערגערע באַדינגונגען.

ברידער קלאָוקמאַכער: איר טאָרט אָבער פאַר איין מינוט ניט פאַרגעסען, אַז דער בעסטער אגרימענט איז ניט מער ווי אַ וועקסעל. די פאַרפליכטונגען וואָס די בעלי בתים נעמען אויף זיך ביים אונטערשרייבען אַן אגרימענט, ברייגען ערשט דעמאָלט נוצען די ארבייטער ווען דער וועקסעל ווערט איינגעקאַסירט; ווען די בעלי בתים קומען נאָך אָט די פאַרפליכטונגען; ווען די העכערונג אויף די שכירות און פרייזען געפינען זיך אין אייערע פּעי־ענוועלאָפּס ביים סוף וואָך; ווען די שטונדען וואָס איר האָט אָפּגעקירצט פאַרברייגנט איר אין רו און פאַרוויילונג אנשטאָט אין שאָפּ ביים מאַשין און פּרעס־אייזען; ווען די באַנדלאָך וואָס טאָרען ניט ארויסגעגעבען ווערען, פאַרבלייבען טאַקע אויפצומאַכען ביי אייך אין די שעפּער.

אונזער יוניאָן וועט זיכער טאָן אַלץ וואָס איז מענשליך מעגליך אָפּצוהיטען די געווינסטען. אונזערע בעאַמטע וועלען וואַכען און היטען, אַז די פאַרשריפטען פון אגרימענט זאָלען ניט פאַרלעצט ווערען. די הויפּט אויפּפּאַסער מוזט איר אַליין אָבער זיין. איר, קלאָוק קאַטערס, אָפּערייטאָרס, פינישערס, פּרעסערס, בעיסטערס, עקזאַמינערס, איר אַלע וועלכע זיצען ביי די ניי־מאַשינען, שטייען ביי די קאַטינג און פּרעסינג טייבעלס, איר וועלכע פּראָדוצירט די קלאָוקס, איר מוזט זיין כסדר אויף דער וואַך אַרום זען, אַז די באַדינגונגען פון דעם אגרימענט זאָלען דורכגעפירט ווערען אין לעבען.

קלאָוקמאַכער: דערלאָזט ניט אַז אייערע געווינסטען פאַר וועלכע איר האָט אַזוי מוטיג געקעמפט זאָלען פאַרבלייבען בלויז אויפן פּאַפּיר. היט אָפּ די ארבייטס שטונדען ווי אַן אויג אין קאָפּ. די שטרייגגע אָפּהיטונג פון דער 35 שטונדען וואָך איצטער וועט גרינגער מאַכען דאָס איבערגיין אויף דער 32½ שטונדען וואָך אין 1939; עס איז שוין צייט די יוניאָן זאָלניט דאַרפען ספּעציעלע מענשען צו היטען קלאָוקמאַכער ניט צו ארבייטען אומגעזעצליכע שטונדען. די העכערונג פאַר די וואָך ארבייטער און די צען פּראָצענט העכערונג אויף די פּרייזען מוזט איר באַקומען; ווען איר געפינט אויס אַז אייער ארבייטס געבער פאַרלעצט דעם אגרימענט, אַז ער גיט ארויס ארבייט אין שעפּער וואו ער האָט קיין רעכט ניט ארויסצוגעבען, אינפאָרמירט גלייך דער יוניאָן. איבערהויפּט איז עס דער חוב פון די שאָפּ טשערלייט און קאָמיטעס צו שטיין אויף דער וואַך און זען, אַז יעדער פּונקט פון דעם אגרימענט זאָל שטרייגג אָפּגעהיט ווערען.

ברידער קלאָוקמאַכער: אייערע פאַרטרעטער האָבען געטאָן זייער חוב, האָבען דערפילט די פליכטען וואָס איר האָט אויף זיי ארויפגעלייגט און געקראָגען פאַר אייך באַדייטענדע געווינסטען. אייערע בעאַמטע זיינען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס זיי קענען די דאָזיגע באַדינגונגען צו ענפאָרסען. טוט איר אייער פליכט צו זיך, צו דער יוניאָן און צו אייערע ברידער ארבייטער און היט אָפּ אייערע געווינסטען. לאָזט זיך ניט פאַרפירען פון פאַלשע פאַרשפּרעכענס פאַר מער ארבייט אָדער אנדערע גליקען. פאַסט אויך אויף די שוואַך־מוטיגע און זעט אַז די פאַרשריפטען פון אגרימענט זאָלען אָפּגעהיט ווערען. אייער ברויט, אייער ארבייט, אייערע לעבענס באַדינגונגען זיינען אין אייערע הענט.

גרופּען אין לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאַנעל מוזען אויפגעלייזט ווערען אין זעכציג טעג צייט

אויף דעם אויפטראַג פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, ביי איר לעצטען מיטינג, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטען אין מאָנטריאָל, האָט פּרעזידענט דובינסקי געלאָזט וויסען אַלע מיטגלידער און בעאַמטע פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן דורך אַ צירקולאַר־בריף אויפצולייזען אַלע „קלובען" און „גרופּען", וועלכע האָבען ביז איצט פונקציאָנירט אין מאַנכע לאָקאַלס אלס פּאָליטישע פאַראיינען אָפּגעזונדערט פון רעגולערע אינסטיטוציעס פון דער יוניאָן. דער בריף איז ווי פאָלגט:

„צו אַלע מיטגלידער, בעאַמטע און אַלע לאָקאַל יוניאָנס און דזשאָינט באָארדס פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן. זייט געגריסט:

„אין איינקלאַנג מיט דעם באַשלוס פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, אָנגענומען ביי איר ערשטען פערטעל־יערליכען מיטינג אין מאָנטריאָל, פון 21טען ביז 25טען יוני, 1937, ווערט אייער אויפמערקזאַמקייט געצויגען אויף די פאַרשריפטען פון ארטיקעל 8 אָפּטייל 16 און ארטיקעל 10 אָפּטייל 13 פון דער קאָנסטיטוציע פון דער א. ל. ג. וו. יו. ווי זי איז אויסגעבעסערט געוואָרען ביי דער 23טער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען לעצטען מאַי אין אטלאַנטיק סיטי. (אַ קאָפּיע פון די אָפּטיילונגען ווערט דאָ איינגעשלאָסען).

„די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט בעשלאָסען ביי דער זיצונג, אַז די קאָנסטיטוציע ווי אַמענדירט ביי דער לעצטער קאָנווענשאָן זאָל גלייך דורכגעפירט ווערען און אַלע קלובען און גרופּען אין די לאָקאַל יוניאָנס זאָלען אויפגעלייזט ווערען אין משך פון זעכציג טעג פון דעם דאַטום. אין אנקלאַנג דערמיט ווערען אלע בעאַמטע און מיטגלידער, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין קלובען און גרופּען אינערהאַלב די אָרגאַניזאַציעס צו וועלכע זיי באַלאַנגען אויפגעפאָדערט זיי אויפצולייזען און זיך צוריקציהען און צוריקהאַלטען פון באַטייליגען זיך אין טעטיגקייטען פון אַזעלכע קלובען און גרופּען אלס אומגעזעצליכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פאַרבאָטען דורך דער קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

„מיטגלידער פון אַזוינע קלובען און גרופּען, וואָס וועלען פאַרפעלען אויסצופאָלגען די פאַראָרדנונג אין משך פון זעכציג טעג וועלען זיין אונטערוואָרפען די שטראָפען וואָס זיינען פאַרגעשריבען אין דער קאָנסטיטוציע פאַר אַזאַ פאַרלעצונג.

„אין אנקלאַנג מיט דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן ווערט דער באַפעל ניט אָנגעווענדעט אויף מיטגלידער,* וועלכע פאַראייניגען זיך מיט אנדערע מיטגלידער אין אַ פּעריאָדע פון דריי מאָנאַטען פאַר עלעקשאָנס, פאָרצושלאָגען אָדער שטיצען די קאַנדידאַטור פון אַ מיטגליד אָדער מיטגלידער, וואָס זוכען ערוויילט צו ווערען צו אַן אַמט אין דער א. ל. ג. וו. יו.

„אַ ספּעציעלע קאָמיטע באַשטייהענד פון די וויס־פּרעזידענטען איזידאָר נאַגלער, יוסף ברעסלאָו, לואיס ליווי, סעמיועל פּערלמוטער, טשאַרלס זימערמאַן, מאָריס ביאַליס און מאַקס קאָהען איז בשטימט געוואָרען פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד דורכצופירען דעם אויבען דערמאָנטען באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן און די פאַראָרדנונג ווערט דערמיט ארויסגעגעבען לויט דעם אויפטראַג פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד.

ברידערליך אייערער,

דוד דובינסקי,

פּרעזידענט, גענעראַל סעקרעטער".

אויסצוגען פון דער קאָנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאַנאַל

ארטיקעל 8 סעקשאָן 16: — קיין לאָקאַל יוניאָן, דזשאָינט באָארד, מיטגליד אָדער גרופּע מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. יו. זאָל אָרגאַניזירען גרופּען אָדער קלובען אין אָדער אויסערהאַלב דער יוניאָן. אויב מיטגלידער, גרופּען אָדער לאָקאַל יוניאָנס אָדער דזשאָינט באָארדס געפינען עס פאַר נויטיג צו אָרגאַניזירען אַזוינע גרופּען פאַר דעם נוצען פון דער יוניאָן זאָלען זיי פריהער אריינשיקען אַזאַ פאַרלאַנג צו דער ג. ע. ב. און בלויז ווען די ג. ע. ב. באַוויליגט דעם פאַרלאַנג זאָלען זיי אָרגאַניזירען אַזאַ גרופּע.

עס זאָל ניט באַטראַכט ווערען אלס פאַרלעצונג פון דעם פאַרשריפט פאַר אַ מיטגליד פון דער א. ל. ג. וו. יו. דורך אַ פּעריאָדע פון דריי מאָנאַטען, באַלד איידער עס קומען פאָר וואַלען, צו פאַראייניגען זיך מיט אנדערע מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. יו. צו פאָרמירען אָדער באַטייליגען זיך אין דער טעטיגקייט פון אַ קאָמיטע, וועלכע נעמט זיך די אויפגאַבע פאָרצושלאָגען אָדער שטיצען אַ מיטגליד אָדער מיטגלידער, וועלכע זוכען ערוויילט צו ווערען צו אַן אַמט אין דער א. ל. ג. וו. יו. די באַטייליגונג אין די טעטיגקייטען פון אַזאַ קאָמיטע פריהער פון דריי מאָנאַטען פאַר עלעקשאָנס אָדער דאָס פאָרטזעצען די טעטיגקייט נאָכדעם ווי די עלעקשאָנס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען זאָל אָבער באַטראַכט ווערען אלס דירעקטער פאַרברעכען געגען דער קאָנסטיטוציע און דער מיטגליד אָדער מיטגלידער, וואָס טוהען עס זאָלען זיין אונטערוואָרפען אַ משפּט פאַר דער ג. ע. ב.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIX. No. 8. 200 August, 1937

Entered as Second Class matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

פון צייט צו צייט

פון צביון.

די צייטונגען, אַפילו די, וואָס פלירטעווען אָפט מיט ליבעראַליזם, האָבען אין די לעצטע עטליכע חדשים אַ סך דערציילט זייערע לעזער וועגען די גוואַלד-טאַטען, וואָס ווערען באַגאַנגען אין די סטרייקס וואָס קומען פאָר אין די פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד. און עס פאַרשטייט זיך, אַז די גוואַלד-טאַטען זיינען שטענדיג באַגאַנגען די סטרייקער. די באַריכטען פון די צייטונגען האָבען געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די סי. אַי. אָ., וועלכע האָט עס אָנגעפירט די אַלע סטרייקס, איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבויט אויף גוואַלד-טאַט און שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. נו, האָט די „אַמעריקען סיוויל ליבערטיס יוניאָן" געמאַכט אַן אונטערזוכונג אויסצוגעפינען אויף וויפיל די באַריכטען אין די צייטונגען וועגען די גוואַלד-טאַטען זיינען ריכטיג און געגען וועמען זיי ווערען באַגאַנגען.

די „אַמעריקען סיוויל ליבערטיס יוניאָן" האָט אויסגעפונען, אַז אין פאַרשיידענע ערטער זיינען אין דער צייט פון די סטרייקס ווירקליך פאָרגעקומען גוואַלד-טאַטען און עס זיינען אויך געווען טויטע און פאַרוואונדעטע. אָבער אויף וועמעס זייט?

פון ערשטען יאַנואַר ביז'ן ערשטען אויגוסט, — דערצעהלט דער באַריכט פון דער „אַמעריקען סיוויל ליבערטיס יוניאָן", — זיינען אין די פאַרשיידענע סטרייקס איבער'ן לאַנד 25 מענשען געהאַרגעט געוואָרען און 751 פאַרוואונדעט. פון די 25 געהאַרגעטע זיינען געווען 24 סטרייקערס, אָדער, וואָס האָבען געהאָלפען די סטרייקערס. פון די 751 פאַרוואונדעטע זיינען 490 געווען סטרייקער, 70 פאָליסלייט, 31 סקעבס און 140 אונבאַשטימט.

די ציפער ווייזען, אַלזאָ, קלאָר, אַז די גוואַלד-טאַטען ווערען הויפטזעכליך באַגאַנגען געגען די סטרייקענדע אַרבייטער. די פאָליציי, די לאָקאַלע רעגירונגס-מאַכט האָט זיך געשטעלט אין די סטרייקס, וואָס זיינען פאָרגעקומען, אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים און געגען די אַרבייטער. אין דעם קאַמף איז אומעטום פאַרגאָסען געוואָרען די בלוט פון די אַרבייטער און ניט פון די באַלעבאַטים.

די גוואַלד-טאַטען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען אין די סטרייקס, זיינען ווירקליך אַ געפאַר פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און פאַר די אַמעריקאַנער פרייהייטען. עס איז די ברוטאַליטעט פון דער פאָליציי און די רעאַקציאָנערע באַלעבאַטים, וועלכע זיי דינען, וואָס פאַרשאַפען אָט די געפאַר.

* * *

דזשאָן לואיס איז ארויסגעקומען מיט שאַרפע ווערטער געגען די דעמאָקראַטען אין קאָנגרעס, וועלכע האָבען מיט זייערע האַנדלונגען פאַרראַטען די פאַרשפרעכונגען פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין דער צייט פון די וואַלען, און ניט ווייניגער שאַרף איז ער ארויסגעטראָטען געגען דער פירערשאַפט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וועלכע האָט ניט ארויסגעוויזען די נויטיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט אויסצופירען דאָס, וואָס די פאַרטיי האָט אין איר פראָגראַם צוגעזאָגט. ער האָט זיך ספעציעל אָפגעשטעלט אויף דעם בלעק-קאָנערי געזעץ-פראָיעקט וועגען אַ מאַקסימום אַרבייטס-וואָך און מינימום אַרבייטס-לוין וואָס איז דערשטיקט געוואָרען אין אַ קאָמיטע.

און אין דעם פרט האָט דזשאָהן לואיס געהאַט די פולסטע שטיצע פון וויליאַם גרין, וועלכער האָט זיך וועגען דעם געזעהן מיט פרעזידענט רוזוועלט. גרין האָט געפאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך ניט פאַנאַנדערגעהן ביז עס וועט פון איהם ניט אָנגענומען ווערען דער געזעץ-פאָרשלאַג וועגען דער מאַקסימום אַרבייטס-וואָך און מינימום אַרבייטס-לוין.

נאָר וואָס וועט מען טאָן די דעמאָקראַטען אין קאָנגרעס, וואָס פאַרראַטען די פאַרשפרעכונגען פון זייער פאַרטיי? און וואָס פאַר אַ שטראָף וועט מען געבען דער פירערשאַפט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וואָס פאַסט ניט אויף, אַז אירע פאַרשפרעכונגען זאָלען דורכגעפירט ווערען?

די צייטונגען פראָבירען אריינטייטשען אין לואיסעס שאַרפע קריטיק געגען דער פירערשאַפט פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי אַ וואָרנונג, אַז ער וויל זיך מיט איר גט'ן. זיי געהען נאָך ווייטער און זאָגען, אַז אין לואיסעס ווערטער איז געווען אַן אָנצוהערעניש וועגען אַ נייער פאַרטיי אין די וואַהלען פון 1940.

נו, אויב מען וויל קען מען לואיסעס ווערטער אַזוי אויסטייטשען, נאָר אויב מען וויל ניט, קען מען אין זיי בלויז געפינען אַ פראָטעסט, אָט אַזוי ווי אין וויליאַם גרינ'ס. און גרינען קען מען דאָך זיכער ניט באַשולדיגען, אַז ער סטראַשעט מיט אַ נייער פאַרטיי. פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבייטער פאַרטיי האָט די פירערשאַפט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר דאַכט זיך ניט ווייניגער מורא ווי פאַר אינדוסטריעלע יוניאָנס.

נאָר מען דאַרף דאָך מאַכען אַן אונטערשייד צווישען דאָס בייזערען זיך פון דזשאָן לואיס און פון וויליאַם גרין. ערשטענס איז לואיס דער פאָרזיצענדער פון דער „נאָן פאַרטיזאַן לייבאָר ליג", וואָס קען לייכט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ נייער פאַרטיי. צווייטענס רעדט מען שוין לענגער אין וואַשינגטאָן, אַז צווישען לואיסען מיט דער איצטיגער דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַציע איז עפעס דורכגעלאָפען אַ שוואַרצע קאַץ און אַז די באַציהונגען זיינען אָנגעשטרענגטע. דריטענס האָט לואיס ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטען שוין פיל פריהער געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער טראַכט וועגען אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבייטער פאָליטיק.

* * *

עס וועט אָבער דאָך זיין זיכערער אָפצוואַרטען אַביסעל מיט פאַראויסזאָגען, ווייל מען דאַרף אויך פראָבירען טרעפען וואָס פרעזידענט רוזוועלט קלייבט זיך צו טאָן געגען די דעמאָקראַטען פון קאָנגרעס, וואָס האָבען פון איהם געמאַכט אַזאַ תכלית, אַז עס איז איינפאַך אַ סקאַנדאַל. זיי האָבען איהם נאָך ערגער באַהאַנדעלט ווי ער וואָלט געווען אַ פרעזידענט פון אַן אַנדער פאַרטיי. די דעמאָקראַטישע מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס אין די לעצטע צוויי יאָר פון הואווער'ס אַדמיניסטראַציע האָט וואָוער'ן באַהאַנדעלט איידעלער און מיט מער איינזעהעניש, ווי דער איצטיגער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס האָט באַהאַנדעלט רוזוועלט'ן. די שאַרפע באַליידיגענדיגע שפראַך, וואָס די דזשודישערי קאָמיטע האָט געברויכט ביים צוריקוויזען רוזוועלט'ס פאָרגעשלאָגענע רעפאָרמען פאַר'ן העכסטען געריכט איז אַ גוטער ביישפיל. אָבער עס איז ניט בלויז די באַליידיגענדיגע באַציהונג. פיל מער איז, וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך אין די מייסטע וויכטיגע פראַגען געשטעלט אין דער אָפאָזיציע צו רוזוועלט'ן. אָט טאַקע דער דערמאָנטער געזעץ-פראָיעקט וועגען אַ מינימום אַרבייטס-לוין און מאַקסימום אַרבייטס-וואָך איז דאָך געווען אַ וויכטיגער פראָגראַם פונקט ביי רוזוועלט'ן. אָט דער געזעץ-פאָרשלאַג האָט עס געדאַרפט באַשיצען די שוואַכסטע פון די שוואַכע און די אָרימסטע פון די אָרימע פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער מאַסען, וואָס ווערען אַזוי שענדליך עקספלואַטירט, אַז זיי האָבען ניט גענוג צו באַפרידיגען אַפילו זייערע עלעמענטאַרסטע באַדערפענישען. פאַר זיי איז דאָס אריינגעבראַכט געוואָרען דער געזעץ-פאָרשלאַג אין קאָנגרעס, וואָס פאַרלאַנגט אַ 40-שטונדיגע אַרבייטס-וואָך און 40 סענט אַ שטונדע אַרבייטס-לוין. עס הייסט אַ פאַרדינסט פון 16 דאָלער פאַר אַ פולער וואָך אַרבייט. אָט די נידערטרעכטיגע שענדליכע עקספלואַטאַציע האָט עס רוזוועלט געהאַט אין זינען אין זיין רעדע אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַ דריטעל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט נאָך ניט גענוג צום עסען און וואָס אָנצוטאָן. אָבער דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס, וואָס איז דערוועהלט געוואָרען דורך רוזוועלט'ס פאַרשפרעכונגען, אַז זיין קאַמף האָט זיך איצט אָנגעפאַנגען, האָט אַפילו ניט געוואָלט באַוויליגען אַן אַרבייטס-לוין פון 40 סענט אַ שטונדע, וואָס איז אַפילו אין דער געבענשטער סאַוטה ניט מער ווי אַ הונגער-לוין. און וואָס פאַר אַ תכלית דער קאָנגרעס האָט עס געמאַכט פון דעם האָוזינג ביל!

ווען רוזוועלט זאָל איצט דאַרפען ארויסקומען פאַר זיינע וועהלער, וואָס האָבען איהם געשאָנקען אַזאַ גוואַלדיגען צוטרויען, וואָלט ער זיך געדאַרפט אַביסעל שעמען זיי צו קוקען גראַד אין די אויגען. די וועהלער האָבען איהם געגעבען אַ קאָנגרעס מיט אַ ריזיגער דעמאָקראַטישער מאַיאָריטעט, אַז ער זאָל קענען דורכפירען אומגעשטערט זיין פראָגראַם און זיינע פאַרשפרעכונגען. וואָס ער האָט געגעבען אין דעם וואַהל-קאַמף. אָבער וואו זיינען איצט די פאַרשפרעכונגען? וואָס האָט דער קאָנגרעס מיט זיי געטאָן? דער קאָנגרעס האָט דאָס יאָר געשטופט דעם וואָגען מער אויף צוריק ווי פאָראויס.

רוזוועלט קען זאָגען, אַז עס איז ניט זיין שולד, נאָר די שולד פון אַ גרופע רעאַקציאָנערע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וואָס האָבען איהם געלעגט שטיינער אין וועג. אָבער איז דאָך רוזוועלט דער באַנער-טרעגער פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי און איז דאָך די דעמאָקראַטישע פאַרטיי פאַראַנטוואָרטליך צו די וועהלער, טאָ פאַר וואָס האָט מען געלאָזען אָט די רעאַקציאָנערע גרופע אין קאָנגרעס אַזוי באַלעבאַטעווען? און וואָס דענקט רוזוועלט צו טאָן ווייטער? וועט ער דערלאָזען, אַז אויך ווייטער זאָל אַזוי אָנגעהן ווי אין דעם ערשטען יאָר פון זיין צווייטען טערמין?

עס איז לייכט פאַראויסצוזאָגען, אַז עס מוז קומען אַן איבערברוך אין דער אַמעריקאַנער פאָליטיק. אָבער עס איז שווער צו זאָגען אין וואָס פאַר אַ פאָרם אָט דער איבערברוך וועט קומען. עס קוקט געוויס אויס צו זיין גאַנץ לאָגיש, אַז די „נאָן פאַרטיזאַן לייבאָר ליג" זאָל ווערען אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער פאַרטיי. אָבער אויב לאָגיק וואָלט שוין אין אַמעריקע לאַנג געדאַרפט זיין אַן אַרבייטער פאַרטיי.

* * *

אין די צייטונגען און זשורנאַלען האָט מען פראָבירט אונטערציהען אַ סך הכל פון דעם יאָר אַרבייט פון דער סי. אַי. אָ.

אייגענטליך עקזיסטירט די סי. אַי. אָ. שוין נאָהנט צו צוויי יאָר. זי איז געגרינדעט געוואָרען נאָך דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין אַטלאַנטיק סיטי. אָבער עס איז דאָך בלויז אַ יאָר ווי זי איז געוואָרען טעטיג אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב.

אין אלגעמיין זיינען די אַמעריקאַנער צייטונגען

באַלעבאַטים, ווי די ארבייטער. פאַר די באַלעבאַטים איז עס דער יום טוב מיט וועלכען זיי שליסען אָפ דעם סעזאָן, וואָס זיי האָבען פאַרבראַכט אין די זומער פלעצער און מען לאָזט זיך דעריבער אין די לעצטע פאַר טעג באַזונדערס וואוילגיין. אָבער וואָס איז פאַר די אַרבייטער? בלויז אַ קליינער טייל פון זיי, די בעסער באַצאָלטע, מאַכען זיך אַ יום טוב און פאָרען ארויס פאַר „לעיבאָר דעי" ערגעץ אין אַ זומער פלאַץ. וואָס אָבער מיט די מיליאָנען?

און עס איז אייגענטליך ניט די פראַגע פון ארויספאָרען ערגעץ און זיך לאָזען דאָרטען וואוילגיין. עס רעדט זיך וועגען פייערען „לעיבאָר דעי" ווי אַמאָל, אין די גאַסען, מיט פאַראַדען, מוזיק א. אַז. וו., מען זאָל זעהן, אַז עס איז אַ יום טוב פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט, אַ דעמאָנסטראַציע פון ווילען און מאַכט פון די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבייטער מאַסען.

דער ערשטער מאַי, זאָגט מען, איז ניט אַמעריקאַניש, דאָס האָבען די אויסלענדער אריבערגעבראַכט אַהער דעם אינטערנאַציאָנאַלען יום טוב, אָבער „לעיבאָר דעי" איז דאָך עכט אַמעריקאַניש, טאָ פאַר וואָס פייערען איהם ניט די אַמעריקאַנער אַרבייטער? עס איז דאָך דער איינציגער אַרבייטער יום טוב, וואָס זיי האָבען.

צום נייעם אידישען יאר

דאָס אידישע נייע-יאָר — ראש השנה — האָט דאָס מאָל די געלעגענהייט צו זיין אַ געזעצליכער יום-טוב, ווייל עס פאַלט אויס אום „לעיבאָר דעי". עס וועט דעריבער זיין אַ דאָפעלטער יום טוב.

דאָס אידישע נייע-יאָר ווערט געוואוינליך באַנוצט אונטערצוציהען דעם סך-הכל פון אידישע צרות אין דער וועלט פאַר'ן פאַרגאַנגענעם יאָר און צו ווינשען אַל-דאָס-גוטס פאַר'ן קומענדיגען יאָר. מיר וועלען אָבער דאָס ערשטע דאָ ניט טאָן. דער צעטעל פון אידישע צרות אין דער וועלט פאַר'ן פאַריגען יאָר איז אַ צו לאַנגער, אַז מיר זאָלען איהם דאָ קענען אויסרעכענען. אגב, וואָס קומט ארויס פון צעהלען די צרות? לאָמיר בעסער טראַכטען וועגען דעם, אַז די אידען דאָ אין אונזער לאַנד זיינען אין אַ בעסערען צושטאַנד און אַז עס ליגט דעריבער אויף זיי אַ חוב צו העלפען די אידען אין די אַנדערע לענדער, וואו זיי נויטיגען זיך אין הילף. דערפאַר אָבער וואָלטען מיר וועלען אויסנוצען דאָס אידישע נייע-יאָר פאַר די בעסטע וואונשען. זאָל עס זיין אַ גוט יאָר און אַ גליקליך יאָר.

איז די איינציגע שטאָדט אין אמעריקע, וואו די קלאוק אינדוסטריע איז געבליבען ביז איצט ניט אָרגאַניזירט. משמעות, אז ניט בלויז אין דער נאָטור באַגעגענט מען מאַנכעס מאָל א „פריק", א מין טשיקאווע באשעפעניש אָדער פארזעהעניש, נאָר אז דאָס קען אויך אמאָל טרעפען אין דער ארבייטער באוועגונג. אומעטום, איבער גאַנץ אַמעריקע, אין די פּאַרוואָרפענסטע געגענדען זיינען די קלאוקמאכער שוין לאנג אָרגאַניזירט, נאָר אין באלטימאָר זיינען זיי געבליבען די לעצטע. באלטימאָר האָט אויסגעקליבען צו זיין דער „פריק" אין דער אינטערנעשאַנעל. אין אלע אַנדערע שטעט און שטעטלאך פון אמעריקע אָבער איז די אינטערנעשאַנעל באַשעפטיגט מיט אָרגאַניזירען די אַנדערע טיילען פון דער פרויען-קליידער אינדוסטריע: קאָטען דרעסעס, ניט-גודס, אַנדערוועאר א. אַז. וו. און עס קומען צו יעדען חודש נייע רעקרוטען, עס קומען צו אויף דער לאנד-קאַרטע פון דער אינטערנעשאַנעל נייע יוניאָן-שעפער אין פארשידענע טרעידס. עס וואַקסט באַזונדערס שטאַרק די אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָטען-דרעס טרעיד און פון ניט-גודס. צוויי טרעידס, וועלכע זיינען ביז ניט לאנג צוריק געווען אנטי-יוניאָן פעסטונגען און זייערע באַלעבאַטים זיינען פעט געוואָרען פון דער עקספּלואַטאַציע פון ניט-יוניאָן ארבייט. דער קאַמף מיט זיי איז דעריבער א שווערערער, אָבער ער גייט פאָרווערטס און איז ערפאָלגרייך.

אין קליוולאנד זיינען ליידער געקומען פארטרעטער פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען די שענדליכע אויפגאבע צו ברעכען די סטרייקס, וואס די אינטערנעשאַנעל האָט ערקלערט אין די דאָרטיגע ניט-גודס שעפער, אָבער די אינטערנעשאַנעל האָט געהאַט דאָס פארגעניגען צו באַזיגען די פעדערײשאָן סטרייק-ברעכער אין צווי ניט-גודס שעפער ביי דער אָפּשטימונג, וואס אין זיי איז גענומען געוואָרען דורך דער נעשאַנעל לעיבאָר ריליישאָנס-באָארד.

עס האָט דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר פון קיין שום שטאַנדפּונקט, אפילו צוליב טאָן להכעיס, זיך ניט געלוינט אונטערצונעמען אָט די סטרייק-ברעכעריי אין קליוולאנד. זי האָט זיך ניט בלויז געמאכט א שלעכטען נאָמען נאָר זי האָט אויך ארויסגעוויזען איר שוואכקייט.

אָבער ווען מען איז אין א גרויסען קאַמף פארגעסט מען די קליינע אומאַנגענעמע אינצידענטען און מען געהט ווייטער. און די רעזולטאַטען פון דעם קאַמף זיינען דערפרייענדע. כמעט יעדען טאָג קומט אָן א גוטע בשורה פון א נייעם זיג, פון א נייער איינגענומענער פעסטונג.

עס איז נאָך פאראַן א סך ארבייט. עס זיינען נאָך אלץ פאראַן א סך אונאָרגאַניזירטע, וואָס דארפען אָרגאַניזירט ווערען און זיי וועלען אויך אָרגאַניזירט ווערען. די ארבייט געהט אָן און עס איז א קאַמף וואס וועט ניט אויפהערען ביז דער זיג וועט זיין אין גאַנצען פול.

* * *

דער וואַל-קאַמף אין ניו יאָרק און די ארבייטער פּאַרטיי

די ארבייטער פּאַרטיי אין וועלכער אונזער יוניאָן האָט אַזאַ גרויסען חלק, האָט שוין אויף א גאַנץ ברייטען אופן אָנגעפאַנגען דעם וואַהל-קאַמף פאר דער ווידער-ערוועהלונג פון מעיאָר לאַגוואַרדיא און פאר דער ערוועהלונג פון א נייער פּראָגרעסיווער שטאָט-פארוואַלטונג אין וועלכער עס זאָלען אויך זיין פאַרטרעטער פון דער ארבייטער פּאַרטיי.

לאַגוואַרדיא האָט זיך פאַרדינט געמאכט ביי די ארבייטער פון ניו יאָרק, אז זיי זאָלען זיין פאַראינטערעסירט אין זיין ווידערערוועהלונג. ער האָט ניט בלויז געגעבען דער שטאָט ניו יאָרק א גוטע פארוואַלטונג, פון וועלכער עס זיינען ניט פאַרזען געוואָרען אויך די קוואַרטאַלען, וואו עס לעבט די ארימערע באַפעלקערונג. נאָר ער האָט פערזענליך ביי יעדער געלעגענהייט זיך ארויסגעוויזען צו זיין פריינדליך צו די ארבייטער.

לויט דעם סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען, וואָס לאַגוואַרדיא האָט געהאָלפען איינפירען פאר דער שטאָט-פארוואַלטונג פון ניו יאָרק, איז עס מעגליך געוואָרען, אז די ארבייטער פּאַרטיי זאָל קענען ערוועהלען איינינגע פון אירע מיטגלידער אין דער שטאָט-פארוואַלטונג. און דאָס וועט זיין א באַזונדערס גרויסער געווינס. דאָס וועט ניט בלויז געבען די ארבייטער זייערע אייגענע פאַרטרעטער אין דער שטאָט-רעגירונג, נאָר דאָס וועט פיל פארגרעסערען דעם פּרעסטיזש פון דער ארבייטער פּאַרטיי און וועט מיטהעלפען איר אויפבוי.

די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנעל האָבען זיך אין די לעצטע פּרעזידענטען-וואַהלען ארויסגעוויזען פאר גוטע קאַמפּיינער און באַגייסטערטע אָנהענגער פון דער ארבייטער פּאַרטיי. מיר זיינען זיכער, אז די וועלען אין דעם איצטיגען שטאָטישען וואַהל-קאַמף נאָך מער אַקטיוו זיך באַטייליגען און וועלען זייער טעטיגקייט אין און פאַר דער ארבייטער פּאַרטיי נאָך שטאַרקער מאכען. דער וואונש צו ווידערערוועהלען לאַגוואַרדיא'ן און צו נידערשטימען דעם רעאַקציאָנערען קאַנדידאַט פון טעמעני האָל דאַרף דאָפּעל סטימולירען די ארבייטער צו נעמען א באַזונדערס אַקטיווען אַנטייל אין דעם איצטיגען וואַהל-קאַמף.

סענאַטאָר קאָופּלאַנד, דעם קאַנדידאַט פון טעמעני, קומט א דאַנק, וואס ער האָט דעם וואַהל-קאַמף פאר דער שטאָט פארוואַלטונג פון ניו יאָרק אוועקגעשטעלט אלס א קאַמף פון פאר און געגען דעם „ניו דיל" פון פּרעזידענט רוזוועלט. אין דעם מעג ליגען א גרויסע שטיק דעמאַגאָגיע פון דעם טעמעני קאַנדידאַט, כדי צו געווינען רעפּובליקאַנער שטימען, ווייל אין דער ווירקליכקייט קען די פראַגע פון „ניו דיל", וואָס איז שייך צום גאַנצען לאַנד, אין קיין פאַל, ניט אויסגעקעמפט ווערען אין שטאָטישע וואַהלען. אָבער עס איז דאָך גוט, וואס סענאַטאָר קאָופּלאַנד ווייזט ארויס זיין ריכטיגען קאָליר און פאָדערט דערמיט אויף יעדען פּראָגרעסיווען מענשען צו קעמפען געגען אים. קאָופּלאַנד האָט ביטער באַקעמפט אין סענאַט יעדע פּראָגרעסיווע רעפאָרמע, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט פאָרגעשלאָגען, און יעדער ארבייטער, יעדער פּראָגרעסיווער מענש דאַרף באַטראַכטען ניט בלויז פאר זיין פליכט אים צו באַקעמפען, נאָר דאַרף עס אויך האַלטען פאר א פארגעניגען.

* * *

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון דעם באַקליידונגס-ארבייטער פאַרבאַנד

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די באַקליידונגס-ארבייטער, וואָס איז סוף פון דער דריטער וואָך אין אויגוסט אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קאָפּענהאַגען, דענעמאַרק, האָט זיך געקענט באַרימען מיט א גרויסען וואוקס פון איר מיטגלידערשאַפט אין די לעצטע דריי יאָר.

דער צושטאַנד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקליידונגס-פאַרבאַנד אויף זיין קאָנגרעס אין 1934, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין לאָנדאָן, איז געווען גאָר ניט קיין פרעהליכער. אויסער וואָס דער פאַשיסטישער פּאָגראָם אויף דער ארבייטער באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער האָט באַדייטענד פאַרקלענערט די צאָל מיטגלידער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון די באַקליידונג-ארבייטער, האָט אויך זיין טייל געטאָן דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז באַפאַלען די מייסטע לענדער פון דער וועלט. אין 1936 איז די צאָל מיטגלידער פון פאַרבאַנד געפאַלען אזוי קליין ווי 230 טויזענד. צו דעם איצטיגען קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען אָבער איז ער געקומען מיט איבער 600 טויזענד מיטגלידער!

דער גרויסער צוואוואוקס איז געקומען ניט בלויז פון דעם, וואָס די אינטערנעשאַנעל אונזערע האָט געוואונען אין די לעצטע דריי יאָר א סך מיטגלידער, און וואָס די אמעריקאַנער אַמאַלגאַמייטעד קלאָטהינג וואָירקערס, וועלכע איז פריהער ניט געווען אין פאַרבאַנד, האָט זיך לעצטענס אָנגעשלאָסען אָן אים, נאָר אויך דערפון וואָס די באַקליידונג ארבייטער יוניאָנס אין די אייראָפּעיאישע לענדער זיינען באַדייטענד געוואַקסען און שטאַרקער געוואָרען אין די לעצטע פאַר יאָר.

די באַקליידונג-אינדוסטריע אין די אייראָפּעיאישע לענדער איז ווייט ניט אזוי אַנטוויקעלטע ווי אין אמעריקע. דאָרטען איז זי נאָך ביז היינט א קליינע אינדוסטריע מיט קליינע שעפער און מיט א באַדייטענדער צאָל ניט-אָרגאַניזירטע. אפילו ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס זיינען אזוי באַרימט אין דער באַקליידונגס-אינדוסטריע — די ערשטע אין מענער קליידער און די צווייטע אין פרויען קליידער — קענען ביידע צוזאַמען זיך ווייט ניט פאַרגלייכען מיט אמעריקע. ווען מען זאָל דעריבער אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקליידונגס-פאַרבאַנד צעהלען די שטימען לויט די מיטגלידער וואָס זיינען אין אים פאַרטראָטען פון יעדען לאַנד און לויט דער גרויס פון דער באַקליידונגס-אינדוסטריע אין יעדען לאַנד, וועט אמעריקע אריבערוועגען אַלע איבריגע לענדער צוזאַמען. ברודער דזשוליוס האָכמאַן, וואָס איז דער דעלעגאַט פון דער אינטערנעשאַנעל צו דעם קאָנגרעס, וואָלט אליין כמעט געווען א מאַיאָריטעט. אָבער אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען ווערען די שטימען ניט אזוי געצעהלט. עס הערשט דער פּרינציפּ פון פעדעראַציע און איין גרויס לאַנד קען דעריבער ניט אריבערוועגען עטליכע קליינע, אָט אזוי ווי אין וואַשינגטאָנער סענאַט קען ניו יאָרק, דער גרעסטער שטאָט אין אמעריקע לויט זיין באַפעלקערונג, ניט אריבערוועגען עטליכע פון די קליינע שטאַטען, וואָס אַלע צוזאַמען האָבען א קלענערע באַפעלקערונג פון ניו יאָרק.

די אינטערנעשאַנעל האָט א גאַנץ באַזונדערס גרויסען חלק אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקליידונגס-פאַרבאַנד. עס איז ניט נאָר, וואָס זי איז אין אים די גרעסטע און וויכטיגסטע יוניאָן, נאָר אויך צוליב דעם וואָס זי איז געווען איינע פון די ערשטע יוניאָנס, וואָס האָט זיך אָן אים אָנגעשלאָסען און וואָס האָט אים אין זיינע קריזיס-יאָרען פיל געהאָלפען אויפצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ. און דער אינטערעס פון דער אינטערנעשאַנעל אין דעם פאַרבאַנד איז אַלע מאָל געווען בלויז אַן אידעאַלישער, די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער סאָלידאַריטעט.

אין דעם איצטיגען קאָנגרעס אָבער האָט די אינטערנעשאַנעל געהאַט א ספּעציעלען אינטערעס. עס האָט געדאַרפט באַקעמפט ווערען אויף אים א שעדליכע רעזאָלוציע, וואס די באַקליידונגס-ארבייטער יוניאַן אין בעלגיען האָט אָנגענומען אומגעפער מיט א יאָר צוריק אויף איר קאָנווענשאָן. אין דער רעזאָלוציע ווערען געמאַכט געוויסע באַשרענקונגען פאר אויסלענדער וועגען פאַרנעמען אַן אַמט אין דער יוניאַן. דערביי ווערען באַזונדערס דערמאָנט אידישע אויסלענדער. די עקזעקוטיווע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקליידונגס-פאַרבאַנד האָט אויף דער אויפפאָדערונג פון פּרעזידענט דובינסקי און מאַרטין פלעטעל פאַרלאַנגט פון דער בעלגישער יוניאַן, אז זי זאָל די רעזאָלוציע צוריקציהען. אָבער די בעלגישע פאַרטרעטער האָבען זיך שטאַרק געדונגען און די פּראַגע איז אָפּגעלעגט געוואָרען פאר דעם קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען. דזשוליוס האָכמאַן האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצופירען אַן ענערגישען קאַמף צו צווינגען די בעלגישע יוניאַן, אז זי זאָל איר רעזאָלוציע צוריקציהען, און, ווי האָכמאַן טיילט מיט, איז ער געווען ערפאָלגרייך אין זיין קאַמף. די בעלגישע פאַרטרעטער אויפ'ן קאָנגרעס האָבען פאַרשפּראָכען, אז דער באַשלוס, וואָס די בעלגישע יוניאַן האָט אָנגענומען וועגען אויסלענדער, וועט אָפּגעשאַפט ווערען.

* * *

לעיבאָר דעי

ליידער איז די חשיבות פון דעם אמעריקאַנער ארבייטער יום טוב „לעיבאָר דעי" ניט געוואַקסען מיט זיין עלטער. מען האָט געדאַרפט דערוואַרטען, אז וואָס עלטער „לעיבאָר דעי" וועט ווערען, אַלץ מער יום טוב וועט ער זיין ביי די אמעריקאַנער ארבייטער. ווייל אזוי איז עס שוין, אז א יום-טוב ווערט הייליגער וואָס עלטער ער ווערט. מיט „לעיבאָר דעי" איז עס גראָד אומגעקערט. ער איז ביי די ארבייטער געווען א סך א גרעסערער און א חשוב'ערער יום טוב אין זיינע יונגע יאָרען, ווי ער איז עס היינט, ווען ער איז עלטער געוואָרען.

ווען „לעיבאָר דעי" איז נאָך געווען יונג פלעגט ער פון די ארבייטער אין פאַרשידענע שטעט פון לאַנד געפייערט ווערען מיט גרויסע אימפּאָזאַנטע פּאַראַדען אין די גאַסען. יוניאַנס פלעגען מאַרשירען מיט זייערע פאָנען אונטער די טענער פון מוזיק, עס פלעגען פאָרקומען מאַסען-פאַרזאַמלונגען, מען פלעג האַלטען רעדעס און עס האָט זיך געפילט, אז עס איז א יום טוב ביי די ארבייטער.

די אידישע ארבייטער האָבען גראָד פיל ניט געהאַלטען פון „לעיבאָר דעי". זיי האָבען אים באַטראַכט פאַר א צו פרידליכען יום טוב אין פאַרגלייך מיט'ן ערשטען מאַי, דעם רעוואָלוציאָנערן ארבייטער יום טוב. צו זיי האָט אויך ניט אַפּעלירט די אָפיציעלקייט פון „לעיבאָר דעי". וואָס פאַר א פּנים האָט אַן ארבייטער-יום-טוב, ווען די רעגירונג פון די באַלעבאַטים האָט ארויפגעלייגט אויף דעם איר שטעמפּעל און האָט אים געמאַכט פאַר א געזעצליכען יום טוב? נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ביי די אידישע ארבייטער איז „לעיבאָר דעי" ניט געווען פאַררעכענט פאַר א יום טוב, האָבען זיי אים אָבער דאָך זייערע יוניאַנס אָנגענומען, אלס אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט די אמעריקאַנער ארבייטער. ניט נאָר אין די אידישע טרעיד יוניאַן צייטונגען, נאָר אויך אין די אידישע סאָציאַליסטישע צייטונגען האָט מען אָנגעפאַנגען מאַכען פּראָפּאַגאַנדע, אז די אידישע ארבייטער דאַרפען אָנערקענען „לעיבאָר דעי" פאַר דעם יום טוב פון דער גאַנצער אמעריקאַנער ארבייטערשאַפט. נאָר וואָס האָט עס געקענט העלפען, ווען די אמעריקאַנער ארבייטער האָבען אָנגעפאַנגען אָפּגעקילט ווערען פון דעם יום טוב. זיי האָבען זיך פון אים, פאַרשטעהט זיך, ניט אָפּגעזאָגט און וועלען זיכער ניט לאָזען, אז מען זאָל אים פון זיי אוועקנעמען, אָבער זיי האָבען אים אויפגעהערט צו פייערען אלס זייערען א יום טוב. ער טראָגט בלויז דעם נאָמען „לעיבאָר דעי", אָבער עס פייערען אים גיכער די

ניט־דערפילטע דערוואַרטונגען

פון ש. יאַנאָווסקי

דער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסען און מען קען דריבער אונטערפירען א סך־הכל וואָס ער האָט אויפגעטאָן. דער סך־הכל איז א קורצער — ניט נאָר א גרויסער נול, נאָר נאָך וועניגער.

און דאָך, גראָד פון דעם קאָנגרעס האָבען דאָך מענשען אזוי פיל ערוואַרט. לאָמיר אייך דערמאָנען איניגע פון די וויכטיגסטע אומשטענדען, וועלכע האָבען ארויסגערופען צום לעבען אָט דעם איצטיגען קאָנגרעס.

ענדע יאָר 1936 זיינען ווידער פאָרגעקומען וואַלען פאַר פרעזידענט און פאַר אונזערע קאָנגרעסלייט. די גרויסע רעאַקציע אין דער געשטאַלט פון דער רעפובליקאַנער פאַרטיי און פון אַלץ־וואָס איז רעאַקציאָנער, כאָטש עס זעגעלט ניט אונטער דעם רעפובליקאַנער פלעג, ווי דאָס איז למשל, די „ליבערטי ליג", מיט דעם אמאָליגען ליבעראַל, אל סמיטה, אַלס איר פירער; ווי קאָגלינ'ס פאַרטיי פאַר ניט קיין קלענערע זאַך ווי „סאָציאַלע גערעכטיגקייט", און נאָך אַנדערע רעאַקציאָנערע כחות, וועלכע עס פעלען ניט אין קיין לאַנד, און אין אונזער לאַנד אויך ניט, — זיי אַלע האָבען געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך געווען צו ברײנגען אַ נידערלאַגע פאַר רוזוועלט'ן, וואָס איז געלאָפען אַ צווייטען מאָל פאַר דעם פרעזידענט־אַמט און פאַר זיין גאַנצען ניו דיעל און פאַר אַלע זיינע רעפאָרמען וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

עס איז געווען אַ זייער הייסער קאַמפּיין, אַ קאַמפּיין, אין וועלכען עס איז ווירקליך שווער געווען צו זיין אַ נביא און פאָראויסזאָגען, ווער עס וועט ארויסקומען דער זיגער, צי רוזוועלט, צי די רעפובליקאַנישע ליאַלקע מיטן נאָמען לענדאָן. דער פאַקט איז, דאָס אַלע זאָגענאַנטע שטרוי־וואָוטס האָבען פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע ביטערע נידערלאַגע פאַר רוזוועלט'ן און פאַר אַלע זיינע „ניו דיעל"־פּלענער. אויסגעלאָזען האָט זיך עס פונקט קאַפּויר. רוזוועלט איז דערווײלט געוואָרען מיט דער גרעסטער מאַיאָריטעט, וואָס אַ פרעזידענט־קאַנדידאַט האָט אַמאָל געקראָגען. בלויז צוויי פאַרהעלטניסמעסיג קליינע שטאַטען האָבען געשטימט פאַר זיין געגנער־קאַנדידאַט. די איבעריגע 46 שטאַטען האָבען געשטימט פאַר רוזוועלט'ן מיט אַ גאַר גרויסער מאַיאָריטעט.

דער סוד פון אָט דעם רוזוועלט־זיג איז איצט ניט מער קיין רעטעניש. עס האָבען געשטימט פאַר אים די מיליאָנען, וועלכע זיינען געוויינליך גאַנץ שטיל אין לעבען, צי דערפאַר, ווייל זיי האָבען ניט די מעגליכקייט צו לאָזען פון זיך הערען, אָדער ווייל זיי האָבען טאַקע פיינט צו מאַכען דעם גרויסען גערויש. אין אַנדערע ווערטער: לעצטען נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אַ רעפערענדום־וואָוט איבער גאַנץ אַמעריקע וועגען רוזוועלט'ן און אַלע זיינע פּלענער, און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט אין זיין גרויסער מערהייט געלאָזט וויסען דער וועלט, אַז רוזוועלט מיט אַלע זיינע רעפאָרמען דריקט אויס דעם גרויסען וואונש פון דעם גאַנצען אַמעריקאַנער פאָלק, און דערפאַר מוזען אַלע געגנערישע כחות, אויב זיי זיינען ווירקליך דעמאָקראַטען און האַלטען פון דעם פּרינציפּ, מאַדזשאָריטי רולס, זיך אונטערוואַרפען און לאָזען רוזוועלט'ן דורכפירען אַלע זיינע רעפאָרמען.

דאָס און קיין אַנדער זאַך האָט געמיינט די ערווײלונג פון רוזוועלט'ן. רוזוועלט אין דער צייט פון קאַמפּיין האָט ניט געמאַכט קיין סוד, ווי דאָס איז דער שטייגער פון פילע אַנדערע פּאָליטישענס, פון זיינע אידייען און זיינע אַבזיכטען. פאַרקערט, ער האָט בפירוש ערקלערט, אַז דאָס וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן און צוגעזאָגט צו טאָן, איז בלויז אַן אָנהויב. ער וועט ערשט אָנפאַנגען זיין גרויסען קאַמף.

און די קאָנגרעס־לייט, וועלכע זיינען אויסערווײלט געוואָרען, און נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבען ערקלערט דאָס זיי זיינען מיט לייב און לעבען פאַר אַלץ וואָס רוזוועלט שטעלט מיט זיך פאָר, האָבען אזוי צו זאָגען געגעבען זייער שבועה צום אַמעריקאַנער פאָלק, אַז זיי וועלען טאָן אַלץ וואָס ער, דאָס פאָלק, פאַרלאַנגט. אין אַנדערע ווערטער — זיי וועלען זיין די ריכטיגע רעפּרעזענטאַנטען פון די, וועלכע האָבען זיי אויסערווײלט.

די שטימע פון פאָלק איז געווען אזוי קלאָר, אַז אַפילו דער סופרים קאָורט האָט זיך געמוזט צוהערען צו איר, און, אָה וואונדער, ער, וואָס איז אין אַלע זיינע פריעריגע אנטשיידונגען געווען אזוי צוריקגעשטאַנען, איז מיט אַמאָל געוואָרען גאַנץ פּראָגרעסיוו, און האָט געכשר'ט דעם וואַגנער־געזעץ, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געפּסל'ט געוואָרען פון אים, אַלס טריף, אַלס ניט־קאָנסטיטוציאָנעל.

היינט אויב דער סופרים קאָורט אַליין האָט זיך איבער־נאַכט אזוי אומגעוואַנדעלט, טו ווער האָט געקענט גאָר גלויבען, אַז דאָס מאָל וועט דער דעמאָקראַטישער פּראָגרעסיווער קאָנגרעס ניט ערפילען גאָר ביז צו אַ גרויסער מאָס אַלעס, וואָס מען האָט פון אים ערוואַרט, און אפשר נאָך איבערטרעפען פילע ערוואַרטונגען? אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך די זאַך גאַנץ אַנדערש, ניט נאָר האָט דער קאָנגרעס ניט אויף וואָס אָנצואווייזען, נאָר גאָר פאַרקערט; מיט אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, האָט ער געשפּיגען אין פּנים פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. דער קאָנגרעס האָט שענדלאַך פאַרלייקענט זיין געגעבענעם וואָרט.

נאַטירליך, ווען די גאַנצע געזעצגעבונג, וואָס רוזוועלט האָט געוואָלט, וואָלט געקראָגען איר נידערלאַגע דורך די קאָנגרעס־לייט, וועלכע זיינען באַקאַנט אַלס קאָנסערוואַטיווע, אַלס פיינט פון דעם גאַנצען רוזוועלטישען פּראָגרעסיוויזם, וואָלט דאָס געווען ניט אַזאַ ווייטאָג. דאָס וואָלט דאָך געווען גאַנץ נאַטירליך. אָבער די רעאַקציאָנערען אַליין האָבען ניט געקאָנט אויספירען זייערע פינסטערע פּלענער. זיי זיינען אין קאָנגרעס און סענאַט גאָר אַן אומבאַדייטענדע מינאָריטעט. רוזוועלט און אַלע זיינע רעפאָרמען זיינען געטויט געוואָרען פון דער גרויסער מאַיאָריטעט דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען אָפּגענאַרט סיי דעם גרויסען אַמעריקאַנער עולם און סיי רוזוועלט'ן אַליין מיט דעם וואָס זיי האָבען פאַר אַ ווילע ארויפגעשלעפּט אויף זיך די נויטיגע „ניו דיעל" מאַסקע, און האָבען איר אַראָפּגעוואָרפען, ווען זיי האָבען דערזען, אַז רוזוועלט מיינט עס טאַקע גאַנץ ערנסט מיט זיין „ניו דיעל".

זאָל דאָ געזאָגט ווערען, אַז דאָס איז אויך גאַנץ נאַטירליך. פּאָליטישענס, ווי זיי אַלע זיינען, האָבען זיי אָפּגעשאַצט רוזוועלט'ן מיט זייער אייגענער מאָס. זיי האָבען ניט גערעכענט, אַז רוזוועלט זאָל אין דער אמת'ן וועלען עטוואָס אויפטאָן, וואָס זאָל געבען אַ היבשען טרייסעל דעם גאַנצען איצטיגען פאַראַנדעק. זיי האָבען געמיינט, אַז רוזוועלט וועט זיך באַנוגענען מיט זיינע שיינע פראַזען און מיט אַ גאָרניט מיינענדער לאַטע דאָ אָדער דאָרט. אָבער אַז זיי האָבען איינגעזען, אַז דער פּרעזידענט מיינט עס טאַקע ערנסט מיט זיינע רעפאָרמען, האָבען זיי געקראָגען דעם נויטיגען מוט צו פאַרראַטען אים און צוזאַמען מיט אים דעם גאַנצען אַמעריקאַנער פאָלק.

רוזוועלט'ס פּלאַן פאַר דער רעפאָרמירונג פון דעם סופרים קאָורט, דאָס הייסט פאַר אומשעדליך מאַכען די סאַמע אינסטיטוציע, וואָס איז ביז איצט געווען די גרעסטע שטערונג צום פּראָגרעס, דאָס איז עס געווען דער שטרוי, וואָס האָט געבראָכען דעם קעמעל'ס רוקען. יע, האָבען אָט די „ניו דיעלערס" ערקלערט: מיר זיינען באַרייט צו לעגען פון צייט צו צייט אַ לאַטע אויף אונזער טייערער סיסטעם, אָבער גאָר גיין אויפען לעבען פון דער סאַמע קאָנסטיטוציע און פון איר באַשיצער און אויפהאַלטער, דעם סופרים קאָורט, — דאָס קאָנסטו ביי אונז ניט פועל'ן. און דער גאַנצער רוזוועלט־פּלאַן וועגען אַ שטיקעלע ענדערונג אין דעם געבוי פון סופרים קאָורט, איז פאַרניכטעט געוואָרען פון קאָנגרעס מיט אַ געוואַלדיגער מאַיאָריטעט.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלען דעם גרויסען יובעל אין דעם לאַגער פון דער רעאַקציע. די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע, די זאָגענאַנטע ליבעראַלע פּרעסע ניט אויסגעשלאָסען, האָט מיט דער גרעסטער שמחה אויפגענומען די האַנדלונג פון קאָנגרעס; פון אַלץ, וואָס איז פאַרדאָרבען און פאַרקויפט, איז דער קאָנגרעס באַגריסט געוואָרען פאַר זיין מוטיגער טאַט, און דער גרויסער עולם איז געבליבען אויך דאָס מאָל דער גרויסער שווייגער, ווי דאָס איז אייביג דער פאַל. ער איז ניט ארויסגעקומען אין זיינע מיליאָנען און צוגענאַגעלט צום שאַנד־קלאָץ זיינע פאַררעטער. און אָט די פאַררעטער האָבען געקראָגען נאָך מער מוט און האָבען פאַרקריפּעלט אַלע אַנדערע רוזוועלט־פאָרשלעגע צום קאָנגרעס.

נעמט, למשל, דעם ווידזש־ און שעה־פאָרשלאַג, וואָס רוזוועלט האָט פאָרגעשלאָגען. ערשטענס איז ער פון די הענט און מיילער פון דעם סענאַט ארויסגעקומען אַן אמת'ע פאַרזעעניש. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידען. דאָך איז אָנגענומען געוואָרען, אַז דער מינימום־לוין זאָל זיין ניט ווייניגער ווי 40 סענט אַ שעה און ניט מער ווי 40 שעה אַרבייט אַ וואָך פאַר אַלע די אַרבייטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין פּראָדוצירען סחורות פאַר דעם צווישען־שטאַטליכען האַנדעל אין גאַנץ אַמעריקאַ.

נו, קיין גרויסע מציאה וואָלטען די אַרבייטער ניט געכאַפּט. אַפילו ווען די אַרבייטער וואָלטען שוין געהאַט אַרבייט פאַר אַ גאַנצער וואָך, וואָלטען זיי דאָך אַלץ מער ניט פאַרדינט, ווי 16 דאָלאַר אַ וואָך, און מיט אַזאַ ווידזש קאָן אַ גאַנצע פאַמיליע ניט לעבען מער אָדער ווייניגער אָנשטענדיג אַפילו אין דער סאָוטה.

פון דעסטוועגען אַז מען נעמט אין אַנבאַטראַכט, אַז אין דער סאָוטה צאָלט מען אָפּט 50 סענט פאַר אַ גאַנצער טאָג אַרבייט, און אַז מען אַרבייט גאָר אָן אַ שיעור שטונדען, וואָלט שוין אויך דער געזעץ, אַפילו אָן דעם אַמענדמענט געגען קינדער־אַרבייט, געווען אַ געוויסער שריט פאָרווערטס. אָבער, פּאַוואָליע, עס איז דאָ אַ קאָנגרעס, און אָט דער קאָנגרעס האָלט אויך דעם געזעץ אין באַגראָבען.

רוזוועלט האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג פאַר אַ געזעץ, דורך וועלכען די סלאַמס, די ווירקליכע שאַנדע פון דער שטיין־רייכער אַמעריקאַ, זאָל אָפּגעשאַפט ווערען און אויף זייער פּלאַץ זאָלען אויפגעבויט ווערען הייזער, אין וועלכע די אַרבייטער זאָלען ניט דאַרפען האָבען אייביגע מלחמות מיט אַלערליי אינזעקטען, וואָס פרעסען זיי אויף לעבעדיגערהייד. אָבער דאָ האָבען די לענדלאָרדס וועלכע צאַפּען אָפּ פון די אַרבייטער דאָס לעצטע ביסעל בלוט, וואָס זייערע אַרבייטס־געבער לאָזען זיי איבער, ארויסגעקומען מיט אַ געשריי, אַז מען גייט זיי רואינירען. און די קאָנגרעס־לייט זיינען ווידער זיי געקומען צו־הילף, און אָט דער הויז־ביל איז ארויסגעקומען אַזאַ קריפּעל, אַז זיינע באַשעפער אַליין קענען אים גאָרניט דערקענען.

בקיצור, פון די הויפּט־פאָרשלאָגען פון רוזוועלט'ן צו פאַרוואַנדלען דעם וואָרט „ניו דיעל" אין אַ פאַקט, אין עטוואָס ממשות'דיגעס אין לעבען, איז גאָרניט, גאָרניט געוואָרען.

און עס שטעלט זיך פאַר יעדען ערנסטען מענשען די גרויסע, שווערע פראַגע: אויב אַפילו רוזוועלט מיט זיין גאַנצען פּרעסטיזש קאָן גאָרניט אויפטאָן און קאָן ניט אַ רוק טאָן אונזער גאַנצע מיזעראַבעלע אָרדנונג אויף איין וויכטיגען שריט פאָראויס, טו וואָס איז פאָרט צו טאָן, פון וואַנען פאָרט וועט קומען די פיל־געגאַרטע ענדערונג?

עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז רוזוועלט זאָל זיך לאָזען איינבעטען און לויפען אַלס אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט פאַר אַ דריטען טערמין. נו, לאָמיר אָננעמען, אַז כאָטש ער האָט ערקלערט גאַנץ אָפען אַז מיט דעם טערמין ענדיגט זיך זיין פּרעזידענטשאַפט, וועט ער דאָך זיך לאָזען איינבעטען און לויפען אַ דריטען מאָל און ער וועט ווידער ערווײלט ווערען מיט אַזאַ גרויסער מאַיאָריטעט, און די קאָנגרעסלייט, וועלכע דאַרפען ערווײלט ווערען, וועלען זיין גאַנץ שפּאָגעל־נייע, וועלכע וועלען זיין מיט לייב און לעבען פאַר זייער פירער, און אַלע זיינע פּלענער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די אַלע איצטיגע רוזוועלט־קאָנגרעסמען. ווער אָבער קאָן גאַראַנטירען, אַז זיי וועלען ניט האַנדלען פונקט אַזוי ווי זייערע פאָרגענגער, און ווער קאָן אונז גאַראַנטירען, אַז אַפילו רוזוועלט אַליין וועט בלייבען דער זעלבער, און ווייטער אָנגיין מיט זיין קאַמף פאַר דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע פון „מאַדזשאָריטי רול", וואָס דערמיט פּראָבירט ער זיך פאַרענטפערען געגען די, וועלכע האָבען אויף אים אויסגעטראַכט דעם נאַרישען בלבול, אַז ער, רוזוועלט, שניידט זיך פאַר אַ דיקטאַטאָר?

⁂

די טעג האָט רוזוועלט געהאַלטען אַ רעדע לכבוד דער ערשטער ווייסער מיידעל, וואָס איז געבאָרען געוואָרען מיט 350 יאָר צוריק אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען.

נו, געוויס זיין רעדע איז געווען אַזוי שיין ווי שטענדיג. אָבער, ווי מיר דוכט זיך, האָט געפעלט אין

און זשורנאַלען, מיט ווייניג אויסנאַמען, גאַנץ אונפריינדליך צו דער סי. אַי. אָ. אויב ניט אַלע מאָל אין ווערטער איז עס אין טאָן. פון אָנפאַנג איז געווען א גוטער אויסרייד — די זיץ־סטרייקס די באַלעבאַטישע צייטונגען האָבען די זיץ־סטרייקס ניט געקענט פאַרדייען. עס איז געגען אַלע געזעצען פון פריוואַט אייגענטום, האָבען זיי געשריען. און וואָס ווירקזאַמער די זיץ־סטרייקס זיינען געוואָרען, אַלץ העכער און בייזער האָבען די צייטונגען פון די באַלעבאַטים געשריען. אָבער איצט זיינען קיין זיץ־סטרייקס אין אַלגעמיין מער ניטאָ. די סטרייקס, וואָס די סי. אַי. אָ. פירט, זיינען אין די מייסטע פאַלען אויף דעמזעלביגען אופן ווי סטרייקס זיינען אַלע מאָל געפירט געוואָרען אין אמעריקע. נאָר עס טויג אַלץ ניט. ווייל אין דער אמת'ן איז דער הויפט כעס אויף דער סי. אַי. אָ. ניט צוליב דעם אופן ווי זי פירט אָן די סטרייקס, נאָר פאַר וואָס זי פירט איבערהויפט סטרייקס. עס איז אַן אָרגאַניזאַציע וואָס רוהט ניט. כסדר זי קעמפט און כסדר זי מאַכט טראָבעל. דאָ אין איין אינדוסטריע און דאָ אין א צווייטער. שוין איבער צוויי מיליאָן אונאָרגאַניזירטע ארבייטער אָרגאַניזירט און עס איז איר ניט גענוג. זי זוכט אַלץ מער און מער און האַלט די באַלעבאַטים פון אונאָרגאַניזירטע ארבייטער אין א שטענדיגער אויפרודערונג אָדער פשוט אין שרעק.

פּראָבירען די באַלעבאַטישע צייטונגען זיך טרייסטען, אז דער גרויסער אָנשטורם פון דער סי. אַי. אָ. איז שוין אַריבער, אז איצט האָט זי שוין אָנגעפאַנגען צו געהן אויף צוריק אָנשטאָט פאָרווערטס. זיי געפינען זייער טרייסט אין די קאַמפען וואָס די סי. אַי. אָ. האָט לעצטענס פאַרלאָרען. אין אָנפאַנג, עס הייסט מיט אַ יאָר צוריק, האָט די סי. אַי. אָ. געוואונען יעדען קאַמף וואָס זי האָט אָנגעפאַנגען. גלאָז, ראָבער, אויטאָמאָבילס, שטאָל, טראַנספּאָרט א. אַז. וו. כסדר געוואונען. עס איז געגאַנגען איין זיג נאָכ'ן צווייטען ווי דורך א צויבער. לעצטענס אָבער האָט די סי. אַי. אָ. ניט בלויז געוואונען נאָר אויך פאַרלאָרען.

נאָר ווען מען לייענט אויפמערקזאַם זעהט מען, אז די וואָס טרייסטען זיך פילען, אז די טרייסט זייערע איז א צווייפעלהאַפטע. אַנדערע שעמען זיך עס אויך ניט אויסצוזאָגען. אמת, מען האָט טאַקע לעצטענס געזעהן, אז קיין צויבער קראַפט האָט ניט די סי. אַי. אָ., אז אויך זי קען אַמאָל פאַרלירען א שלאַכט. אָבער ווען מען גיט אַ קוק וואָס זי האָט אין איין יאָר אויפגעטאָן, קען מען ניט בלייבען רוהיג. זי האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ מיליאָן מיטגלידער און איצט האָט זי ארום דריי מיליאָן מיט אַ פערטעל! און דאָס אין איין יאָר צייט! אמת טאַקע, אז זי האָט די לעצטע צייט אויך מאַנכע שלאַכטען פאַרלאָרען, אָבער איר מיטגלידערשאַפט האַלט דאָך אין איין וואַקסען און איר אַגרעסיווע טעטיגקייט ווערט ניט אָפּגעשטעלט אויף א מינוט.

און נאָך אַ צרה איז מיט דער סי. אַי. אָ. זי האָט מיט איר אגרעסיווקייט און מיליטאַנטישקייט אויך אויפגעוועקט די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר, אז זי זאָל ווערען טעטיג און זיך נעמען אָרגאַניזירען די אונאָרגאַניזירטע. און נויט ברעכט אייזען, זאָגט מען. די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר האָט אין איר קאַמף געגען דער סי. אַי. אָ. אפילו פאַרגעסען איר שטאַרקע פיינדשאַפט צום אינדוסטריעלען יוניאָניזם און זי אָרגאַניזירט אינדוסטריעלע יוניאַנס, וואו זי קען נאָר צוקומען און פאַרלויפען דעם וועג פאַר דער סי. אַי. אָ. און אויף אזא אופן איז איצט אין אמעריקע פאַראַן נאָהענט צו 7 מיליאָן אָרגאַניזירטע ארבייטער, בעת פריהער איז געווען קוים א העלפט דערפון.

אמת, אין דעם קאַמף צווישען דער אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר און די סי. אַי. אָ. זיינען פאַרגעקומען זאַכען, וואָס איז גאָר ניט קיין כבוד פאַר דער אָרגאַניזירטער ארבייטערשאַפט. און אין מאַנכע פאַלען האָבען דערפון די באַלעבאַטים דירעקט פּראָפיטירט, אָבער די באַלעבאַטים וואָלטען דאָך אַ סך באַצאָלט, ווען זיי וואָלטען קענען פטור ווערען פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. האָבען דאָך די אונאָפּהענגיגע שטאָל קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען פאָרליפיג אָפּגעשלאָגען דעם אָנגריף פון דער סי. אַי. אָ. ניט איינגעלאַדען די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר, אז זי זאָל קומען אָרגאַניזירען זייערע ארבייטער און אונטערשרייבען א יוניאָן אָפּמאַך. און ווען די אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר וואָלט פּראָבירען קומען אָהן אַן איינלאַדונג, וואָלט זי קריגען פון די באַלעבאַטים דיזעלביגע „פריינדליכע" אויפנאַמע, וואָס די סי. אַי. אָ. איך מיין דערמיט צו זאָגען, אז הגם דער קאַמף צווישען דער אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר און דער סי. אַי. אָ. מעג שטאַרק הנאה טאָן די באַלעבאַטים. אָבער קיין טרייסט פאַר זיי קען ער דאָך ניט זיין, ווייל אין ענד רעזולטאַט האָט דער קאַמף דאָך געפירט דערצו, אז ארום דריי מיליאָן ניט־אָרגאַניזירטע ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען און דאָס איז דאָך פאַר די באַלעבאַטים דאָס ערגסטע.

* * *

עס וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר דער סי. אַי. אָ. ווען אירע ערשטע ערפאָלגען וואָלטען ניט געווען אזוי סענסאַציאָנעל. די ערשטע ערפאָלגען פון דער סי. אַי. אָ. זיינען געווען אזוי גרויס און אזוי וואונדערליך, אז עס האָט זיך געשאַפען אַן אילוזיע, אז אין איר ליגט באַהאַלטען עפּעס א מין איבערנאַטירליכע קראַפט און עס איז ניטאָ קיין אַנטי־יוניאָן פעסטונג וואָס זאָל זיין אזוי שטאַרק, אז זי זאָל איר ניט קענען איינעמען. און ווען עס האָט שפּעטער געטראָפען, אז די סי. אַי. אָ. האָט איר קאַמף מיט די אונאָפּהענגיגע שטאָל קאָמפּאַניעס ניט געקענט געווינען, האָט מען געפילט א גרויסע אַנטוישונג. מען האָט זיך אזוי צוגעוואוינט, אז די סי. אַי. אָ. מוז כסדר זיגען, אז עס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אז זי קען אויך פאַרלירען. און אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט כסדר אין זיגען, פאַנגט אויך אַליין אָן קריגען אילוזיעס, אז זי איז אונבאַזיגבאַר. און אויב אין קאַמף איז גוט א זיכערקייטס־געפיל איז אָבער אַן איבערזיכערקייטס־געפיל שוין גאָר ניט קיין מעלה, ווייל דאָס פירט צו דער אונטערשאַצונג פון דעם געגנער'ס כוחות און צו א ניטגעניגענדער צוגרייטונג צום קאַמף.

אָבער ווען מען גיט דאָך א קוק אויף דער אונטערשטער שורה און מען זעהט וואָס פאַר א גרויסע צאָל געווינסען זי האָט געהאַט, וואָס פאַר א ריזיגן ערפאָלג זי האָט אין אזא קורצער צייט דערגרייכט, קען מען בלויז האָבען פאַר איר באַוואונדערונג.

* * *

עפּעס האָט מען אין דער לעצטער צייט ווידער אַמאָל געהערט שטימען וועגען פרידען. עס זיינען דערמאָנט געוואָרען די נעמען סענאַטאָר בערי און מעקגריידי, אָבער בלויז גרויסע אָפּטימיסטען קענען גלויבען, אז א שלום צווישען דער אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר און דער סי. אַי. אָ. איז נאָהענט.

עס וואָלט ווירקליך געווען א העכסט וויכטיגע פּאַסירונג אין דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג, ווען שלום וואָלט געשלאָסען געוואָרען צווישען דער א. פ. אָוו ל. און דעד סי. אַי. אָ. א פאַראייניגטע ארבייטער אָרגאַניזאַציע מיט אזאַ גרויסער מיטגלידערשאַפט וואָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך א ריזיגע מאַכט און זי וואָלט געוואַקסען אַלץ גרעסער. פאַר אַ פאַראייניגטער אָרגאַניזאַציע וואָלט געווען א סך לייכטער צו אָרגאַניזירען די איבערגעבליבענע מיליאָנען אונאָרגאַניזירטע. מיט אזא גרויסער פאַראייניגטער מאַכט וואָלט זיך אויך דער קאָנגרעס א סך מער גערעכענט.

אָבער ליידער זעהט עס ניט אויס, אז א שלום איז נאָהענט.

אייגענטליך דאַרף מען אפילו ניט זיין קיין פּעסימיסט צו זעהן מער צייכענס פון א ווייטערדיגער פאַרשאַרפטער מלחמה ווי צייכענס פון א נאָהנטען פרידען. עס איז אַן אַלטע געשיכטע, אז אַ מלחמה איז לייכט אָנצופאַנגען, אָבער שווער אָפּצושטעלען.

פאַבלען

(נאָך קרילאָוו) פון נחום י.

אַן עצה

אין דער אַלט־גריכישער באַרימטער שטאָט אַתונה,
וואו ס'האָבען זיך די קליגסטע לייט פון לאַנד געפונען,
איז צו א פילאָזאָף א מאַן געקומען,
און האָט געבראַכט די כתבים פון זיין זון
דעם דענקער אויף מבינות צו באַווייזען.
אַ פאָטער — האָט ער נחת פיל געהאַט דערפון,
און נישט באַמערקט די נאַרישקייט דאָרט און די גרייזען...
דער פילאָזאָף האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט
די כתבים וואָס דער פאָטער האָט געבראַכט:
— „ווי אַלט איז אייער זון, זייט מוחל?" —
אַ פרעג געטאָן האָט אים דער דענקער מיט אַ שמייכעל.

— „מיין זון איז נאָך ניט אַלט קיין פערצען יאָר"...
— „ניט מער? נו, זאָג איך אייך ווי אַ געניטער,
אַז העלפען וועלען אים נאָך . . . ריטער!
דעריבער ראַט איך דאָ אייך פשוט, קלאָר,
אַז טאַקע גאָר ניט אויף צו־פּלייסען,
זאָלט איר אים שמייסען, שמייסען, שמייסען!"...

עס דוכט זיך מיר, אַז אויך אין איצטערדיגער צייט
אָפט טרעפט מען צווישען שריפטשטעלער אַזוינע לייט,
וואָס דאַרפען וויסען,
אַז ווייניג האָט מען זיי געשמיסען...

•

דער וואָלף און די פאַסטוכער

אַ וואָלף וואָס האָט פון ווייטען צוגעזען אַמאָל
ווי פאַסטוכער אין טאָל
געטרייבערט האָבען אַ באַראַן אַ שיינעם,
גאָר ניט קיין מאָגערען און טאַקע ניט קיין קליינעם...
און אַלע הינט אַרום, ניט געבענדיג קיין ביל,
געלעגען זיינען שטיל
ווי טויבען, —
האָט אין פאַרביטערונג באַמערקט: — „און קוקט נאָר אָן,
וואָס פאַר אַ טומעל, פריינד, איר וואָלט דאָ אויפגעהויבען,
ווען איך וואָלט דאָס געטאָן!"...

די גרופּען וואָס באַקעמפן דעם שטונדען־שכירות געזעץ און זייערע מאָטיוון

פון ה. סיימאָן

דער „בלאַק־קאַנערי" געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער זוכט צו באַגרעניצן די אַרבייטס־שטונדען און איינשטעלען א מינימום געהאַלט פאַר אַרבייטער אין דער אינדוסטריע, איז באַגראָבען געוואָרען אין דער רולס־קאָמיטע פון קאָנגרעס. מעגליך, אַז דער קאַמף ארום דעם געזעץ זאָל באַנייט ווערען אין דער קומענדער סעסיע פון קאָנגרעס אין יאַנואַר.

פאַראַן מיינונגען צווישען די אַמעריקאַנער אַרבייטער־פירער, אַז עס איז ניטאָ זיך וואָס צו ערגערען איבער דעם. ראַדיקאַלען אַזוי גוט ווי קאָנסערוואַטיווע פירער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג האָבען אויסגעדריקט די מיינונג, אַז נאָכדעם ווי דער פּראָיעקט איז ארומגעשאָרען געוואָרען אין סענאַט, באַגרענעצענדיג די מאַקסימום שטונדען צו ניט ווייניגער ווי פערציג א וואָך און די מינימום־שכירות צו ניט מער ווי פערציג סענט א שטונדע, קענען די אַמעריקאַנער אַרבייטער־מאַסען גאַנץ ווייניג נוצען האָבען פון דעם געזעץ אַפילו ווען ער זאָל דורכגיין אין דער איצטיגער פאָרמע. מען ווייזט אויף אַן אַז לויט די אַמענדמענטס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אין סענאַט, וועלען דוקא די שיכטען אַרבייטער וועלכע וואָלטען אַם מערסטען געהאַט נוצען פון דעם געזעץ, אויסגעשלאָסען ווערען פון זיינע פאַרשריפטען. אַזוי, למשל, ווערט געמאַכט אַן אויסנאַמע מיט בעלי בתים וועלכע באַשעפטיגען ווייניגער ווי צען געדונגענע אַרבייטער, און עס איז דאָך באַוואוסט אַז די לענגסטע שטונדען און קלעגליכסטע ווידזשעס קריגען דוקא די אַרבייטער וועלכע אַרבייטען אין די קליינינקע סוועט־שאַפּקעס; אין געוויסע אינדוסטריען וועט אויך אָט די אויסנאַמע פאַר קליינע פאַבריקלאָך פירען צו דער צעברעקלונג פון דער אינדוסטריע און דאָס איינשטעלען די קאָנטראַקטינג און היים־אַרבייט סיסטעמען.

דער אמת איז אָבער, אַז די וועלכע נעמען אַזאַ שטעלונג, זיינען אומגערעכט. אודאי איז דער שטונדען און שכירות געזעץ אין זיין איצטיגער פאָרמע ווייט ניט גענוג; עס איז אמת, אַז די סטאַנדאַרדס וואָס דער געזעץ זוכט איינצושטעלען זיינען פיל נידעריגער ווי די וואָס עקזיסטירען אין די מערסטע אָרגאַניזירטע טריידס און וועלכער איז שוין איינגעפירט אין פילע ניט־אָרגאַניזירטע אָפּטיילונגען. דאָך, מיט אַלע זיינע חסרונות, איז דער געזעץ אַ זייער נוצליכער. און ניט בלויז פאַר די אַרבייטער וועלכע אַרבייטען נאָך איצטער אונטער ערגערע באַדינגונגען, לענגערע שטונדען פאַר קלענערע שכירות (און אַזוינע זיינען נאָך פאַראַן גענוג אין אַמעריקאַ), נאָר אויך אַפילו פאַר די אַרבייטער, אָרגאַניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע, וועלכע האָבען זיך שוין דורך זייערע אייגענע כחות דערשלאָגען בעסערע באַדינגונגען. ווייל וואָס העכער עס ווערען די אַרבייטס־סטאַנדאַרדס פון די ערגער־באַצאָלטע אַרבייטער, אַלץ קלענער ווערט זייער קאָנקורענץ און אַלץ זיכערער ווערען די פּאָזיציעס פון די אַרבייטער אין די בעסער־באַצאָלטע טריידס און געגענדען.

עס איז דער אלף־בית פון דער עקאָנאָמיק, אַז אַלע טיילען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע זיינען ענג צוזאַמענגעבונדען צווישען זיך און באַווירקען זיך געגענזייטיג. די שכירות, שטונדען און אַרבייטס־באַדינגונגען אין אַ געוויסער אינדוסטריע ווירקען דירעקט אויף די פּרייזען פון דער סחורה און דורך דעם אויף דעם פאַרברויך אָדער אויף דער מאָס אַרבייט וואָס עס איז דאָ. ווען דער עקאָנאָמישער באַלאַנס ווערט געשטערט דורך דעם וואָס די אַרבייטער אין אין געוויסען טרייד האָבען זיך אָרגאַניזירט און זיך דערשלאָגען פיל בעסערע באַדינגונגען, און ניט האָבענדיג קיין קאָנטראָל איבערן פּרייז, פאַראורזאַכט אַז דער פּרייז פון דעם אַרטיקעל וואָס זיי באַשאַפען זאָל שטאַרק אויפגעהויבען ווערען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סחורות, וועט דער פאַרברויך פון דעם אַרטיקעל אומפאַרמיידליך פאַרקלענערט ווערען. דאָס איז אמת ניט נאָר אין לוקסוס־אַרטיקלען, אַן וועלכע דער עולם קען זיך באַגיין, נאָר אַפילו אויך אין נויטיגע געברויך־אַרטיקלען ווי שפּייז און קליידונג. ווען שפּייז ווערט טייערער, עסט מען ווייניגער אָדער ביליגערע שפּייז, ווען די פאַרדינסטען פון דעם וואָס קויפט די שפּייז האָט זיך ניט געהעכערט אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע. ווען קליידער ווערען טייערער, קויפט מען ווייניגער אָדער ביליגערע סאָרטען קליידער. דאָס מיינט אַז עס איז דאָ ווייניגער אַרבייט. אין אַזוינע אַרטיקלען ווי צירונג, אויטאָמאָבילען, מעבעל, טעאַטער און פאַרווילונגען איז עס זיכער דער פאַל, אַז ווען זייער פּרייז הויבט זיך און די פאַרדינסטען פון די אַנדערע אַרבייטער וועלכע זיינען די פאַרברויכער פון די אַרטיקלען בלייבט שטיין אויף איין פלאַן, וועט ווייניגער געקויפט ווערען און ממילא ווייניגער פּראָדוצירט ווערען. דאָס הייסט, עס וועט זיין ווייניגער אַרבייט פאַר די אַרבייטער אין די פאַכען.

ווער רעדט ווען דער באַלאַנס ווערט געשטערט ניט בלויז צווישען צוויי פאַרשיידענע אינדוסטריען נאָר אויך צווישען אָפּטיילונגען אין דער זעלביגער אינדוסטריע אין פאַרשיידענע שטעט אָדער געגענדען פון לאַנד, דאַן איז דאָך זעלבסט־פאַרשטענדליך אַז די פאַבריקען וואָס צאָלען ווייניגער שכירות און באַשעפטיגען זייערע אַרבייטער לאַנגע שטונדען, וועלען גאָר גיך דורך זייער קאָנקורענץ פאַרנעמען דעם מאַרק און אַרויסטרייבען פון ביזנעס די אונטערנעמונגען וואָס זיינען געצוואונגען צו צאָלען העכערע שכירות פאַר ווייניגער שטונדען אַרבייט.

נאַטירליך גייען אַריין אין דער קאָנקורענץ־פעאיגקייט פון אַ געוויסער אונטערנעמונג אויך פילע אַנדערע איינגענשאַפטען אויסער די שכירות און שטונדען פון די אַרבייטער. פיל האָט צו טאָן דערמיט די פעאיגקייט אָדער אומפעאיגקייט פון דער פאַרוואַלטונג, די געשיקטקייט און פּראָדוקטיוויטעט פון די אַרבייטער, די נאָענטקייט אָדער ווייטקייט פון די רויע מאַטעריאַלען און פון אָפּזאַץ־מאַרק וואו די פאַרטיגע סחורה דאַרף צוגעשטעלט ווערען, די קאָסטען פון טראַנספּאָרט און רענט און פילע אַנדערע פאַקטאָרען וואָס גייען אַריין אין די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון דעם אַרטיקעל. אַ דאַנק דעם איז מעגליך, אַז אַן אינדוסטריע זאָל זיך האַלטען אויך אין פּלעצער וואו די שכירות זיינען העכערע און די שטונדען קירצערע, טראָץ דער קאָנקורענץ פון מאַרקעטס מיט ערגערע אַרבייטס־באַדינגונגען. די ווירקונג אָבער פון די פאַקטאָרען האָט אַ באַשטימטען גרענעץ. די הויפּט אויסגאַבען, וואָס באַשטימען דעם פּרייז פון פּראָדוקט, איז דער פּרייז פון די רויע מאַטעריאַלען, די אַרבייטס־קאָסטען און די פּראָפיטען פון די אונטערנעמער. אָננעמענדיג, אַז די פּרייזען פון רויען מאַטעריאַל און דער פּראָצענט פון פּראָפיט איז אומגעפער דער זעלבער, קען דער אונטערשייד אין אַרבייטס־קאָסטען אויסהאַלטען בלויז אַ געוויסען פּראָצענט און ניט מער. דעריבער איז עס אַזוי וויכטיג פאַר אַלע אַרבייטער, אַז די שטונדען און שכירות אויך פון די ערגסט־באַצאָלטע אַרבייטער זאָלען זיין באַפעסטיגט און ניט אין גאַנצען אָפּהענגיג פון דעם גוטען ווילען פון אַרבייטס־געבער און די נאָכפראַגע אויף און דער אָנבאָט פון אַרבייטער. דער בלעק־קאַנערי געזעץ, ניט צופרידענשטעלענד ווי ער איז, שאַפט אַזאַ גרענעץ העכער פון וועלכע די שטונדען קענען ניט פאַרלענגערט ווערען און נידעריגער פון וועלכע די שכירות קענען ניט אַרונטערזינקען. דערמיט וועט עס באַפעסטיגען אויך די אַרבייטס־באַדינגונגען פון די אַרבייטער וועלכע האָבען זיך מיט אייגענע כחות דערשלאָגען בעסערע באַדינגונגען ווי די וואָס דער געזעץ פאַרזיכערט.

כאָטש ניט אַלע אַרבייטער באַגרייפען עס און פילע פון זיי אין די בעסער באַצאָלטע טריידס ווייזען דעריבער ארויס אַזאַ באַדויערענסווערטע גלייכגילטיגקייט צו דעם געזעץ, פאַרשטייען עס אָבער די בעלי בתים אויסגעצייכענט און זייער שטעלונג צום געזעץ איז פּעסט באַשטימט לויט דער אינדוסטריע און די אומשטענדען אין וועלכע זיי געפינען זיך. מיר זעען דעריבער, אַז געוויסע בעלי בתים, הויפּטזעכליך די פון די אָרגאַניזירטע טריידס און וועלכע האָבען זייערע פאַבריקען אין די אינדוסטריעלע צענטערס, זיינען פאַר דעם געזעץ צו באַגרענעצען די אַרבייטס־שטונדען און איינשטעלען מינימום שכירות פאַר אַלע אַרבייטער. דאַגעגען, זיינען די אַרבייטס־געבער פון די ניט־אָרגאַניזירטע טריידס און די וועלכע האָבען זייערע פאַבריקען אין די צוריקגעשטאַנענע געגענדען פון לאַנד, געגען דעם געזעץ, און זיי טוען אַלץ וואָס זיי קענען ניט צו דערלאָזען אַז דער געזעץ זאָל אָנגענומען ווערען.

אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע פון דעם באַוואוסטזיין פון זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען אַנשטאָט דעם אַלגעמיין אָנגענומען „קלאַסען באַוואוסטזיין" וואָס די בעלי בתים און זייערע פאַרטרעטער אין קאָנגרעס האָבען ארויסגעוויזען, האָט מען געקענט זען ביי די פאַרהערען איבער דעם געזעץ־פּראָיעקט, ביי דער אָפּשטימונג און ביי די דעבאַטען אין סענאַט און אין דער קאָנגרעס־קאָמיטע.

כאָטש דער געזעץ איז אריינגעבראַכט געוואָרען פון דער דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַציע האָבען זיך דאָך די סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט ניט צעטיילט לויט זייער פּאַרטיי אָנגעהעריגקייט אין זייער שטעלונג צו דעם געזעץ. מאַנכע רעפּובליקאַנער האָבען געשטימט און זיינען ארויסגעטראָטען פאַר דעם וואַגנער־קאָנערי ביל און אַ גאַנצע רייע דעמאָקראַטען זיינען ארויסגעטראָטען געגען דעם געזעץ־פּראָיעקט. די צעטיילונג איז גיכער געווען לויט דעם געגענד וועלכע די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען האָבען פאַרטראָטען און לויט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און אַרבייטס־באַדינגונגען אין דעם געגענד.

אַזוי זעען מיר אַז די פאַרטרעטער פון דער סאָוטה זיינען כמעט אַלע געווען געגען דעם ביל מיט זייער ווייניגע אויסנאַמען. אַזוי זיינען אויך געווען די פאַרטרעטער פון די אַגריקולטורעלע געגענדען וועלכע מען האָט אַריבערגעוואונען בלויז דורך דעם אָפּמאַך צו שטיצען זייערע פאַרם־בילס ווען זיי וועלען צושטימען צו דעם שטונדען־ און שכירות־געזעץ. די אורזאַכע איז לייכט צו פאַרשטיין. די אינדוסטריע אין דער סאָוטה האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אַנטוויקלען נאָך דעם בירגער־קריג, ווען אין די מזרח־שטאַטען איז שוין געווען אַ גוט איינגעפונדעוועטע אינדוסטריע. די סאָוטה האָט געהאַט געוויסע פאַרצוגען פאַר איניגע אינדוסטריען, ווי צום ביישפּיל די נאָענטקייט צום קוואַל פון רויען מאַטעריאַל, ווי באַוואָל פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אייזען און קוילען פאַר דער שטאָל־אינדוסטריע, געהילץ פאַר דער אינדוסטריע פון בוי־מאַטעריאַלען און פּאַפּיר און ענליכע. אָבער די פאַרצוגען אַליין זיינען ניט געווען גענוג בייצוקומען דעם מאַנגעל אין געלערענטע אַרבייטער און די קאָסטען פון נייע פאַבריק־געביידען, מאַשינען און איינריכטונגען און אַנדערע אויסגאַבען וואָס זיינען נויטיג ביים אויפבויען אַן אינדוסטריע אין אַ נייעם, ניט אַנטוויקעלטען געגענד. עס איז אָבער געווען איין וויכטיגער פאַקטאָר אין דער סאָוטה, וועלכער האָט איבערגעוואויגען די אַלע שוועריגקייטען. דאָס איז געווען דער גרענעצלאָזער רעזערוואואַר פון ביליגער אַרבייט. מיליאָנען פון דער פאַראָרעמטער באַפעלקערונג וועלכע זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען פון יעדען קוואַל פון חיונה דורך דער באַפרייאונג פון די נעגערען און די פאַראָרעמונג פון די גוטס־באַזיצער. נאָך ערגער איז די לאַגע געוואָרען ווען מען האָט אויסגעהאַקט די וועלדער און אויך די לאַמבער־אינדוסטריע האָט זיך געמוזט אַריבערקלייבען נאָך דער וועסט און ווען דער פּרייז פון באַוואָל וועלכער איז געווען דער איינציגער געלט־אַריינברייניגענדער פּראָדוקט איז שטאַרק געזונקען אין פּרייז צוליב דער שאַרפער קאָנקורענץ פון ניי־אַנטוויקעלטע קאַטאָן־פעלדער אין אַנדערע לענדער. די הונגעריגע, ניט־אָרגאַניזירטע און נידערגעשלאָגענע באַפעלקערונג איז גרייט געווען צו אַרבייטען פאַר אַבי וועלכען פּרייז אַבי צו פאַרדינען אויף ברויט. אָט דער אומשטאַנד האָט ניט פאַרפעלט אָנצולאָקען די פאַבריקאַנטען וועלכע האָבען געזוכט אַ קוואַל פאַר ביליגע אַרבייט ספּעציעל נאָכדעם ווי די אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

האָט טאַקע די אינדוסטריע אין דער סאָוטה אויפגעבליט אויפ'ן חורבן פון דער אינדוסטריע אין די מזרח־שטאַטען. כמעט די גאַנצע קאַטאָן טעקסטיל אינדוסטריע פון די ניו ענגלאַנד שטאַטען האָט אויסגעוואַנדערט נאָך דער סאָוטה. עס האָבען זיך דאָרט געעפענט אייזען גיסערייען און שטאָל מילען. דער גרעסטער טייל פון דער טאַבאַק פּאַפּיראָסען און ציגאַרען־אינדוסטריע איז אַוועק אַהין. נאָך די אינדוסטריען האָבען זיך נאָכגעשלעפּט אַנדערע. די סאָוטה האָט זיך עטאַבלירט אינדוסטריעל.

ווי מיר זעען אַלזאָ איז דער וויכטיגסטער פאַקטאָר וואָס האָט געהאָלפען דער סאָוטה זיך עטאַבלירען אינדוסטריעל געווען די נידעריגע אַרבייטס־סטאַנדאַרדס פון דער באַפעלקערונג אין דער סאָוטה וואָס האָט מעגליך געמאַכט פאַר די דאָרטיגע אונטערנעמונגען אויסצוקאָנקורירען די פאַבריקאַנטען פון אַנדערע געגענדען, און

איר דער נויטיגער פייער. גיכער האָט זיך געפילט אַ סאָרט מוטלאָזיגקייט.

אין דער אמת'ן, אין זיין רעדע האָט ער פאַרגע־וואָרפען זיינע געגנער, די רעאַקציאָנערען, וואָס זייערע רייד און זייערע טענות זיינען ניט קיין אַנדערע ווי די פון אַ געוויסען רעאַקציאָנער, לאָרד מאַקאָלעי, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אין 1857! עפּעס אַזוי ווי די רעאַקציאָנערען וואָלטען זיך דערמיט געשעמט! פאַר־קערט, זיי שטאָלצירען גאָר, וואָס זייערע טענות אין 1937 זיינען די זעלבע פון דעם חכם מאַקאָלעי מיט אַכציג יאָר צוריק. דער פּרעזידענט, וועלכער איז אַזוי שענדליך פאַרראַטען געוואָרען, ווי עס ווייזט אויס, נעמט זיך ניט זייער שטאַרק צום האַרצען פון דעם, און, ווי מיר דוכט זיך, באַהאַנדעלט ער מיט זיידענע הענטש־קעס אָט די, וועלכע האָבען אים און דאָס גאַנצע אַמע־ריקאַנער פאָלק אַזוי באַשווינדעלט און בעטראָגען.

מען מוז קומען צום שלוס, אַז די ארבייטער מוזען זיך נאָך אלץ האלטען פאר זייער אלטער, אויספּראָבירטער וואָפע פון עקאָנאָמישען קאַמף.

עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז דאָס וואָס די רעאַקציע פּלאַנעוועט איז צו באַרויבען די אַרבייטער פון זייער סטרייק־וואָפע, און מאַכען זיי אַנגעמען די אַלע פאַלשע מיטלען פון געצוואונגענער אַרביטריישאָן און אַנדערע אַזעלכע „געזעצליכע" מיטלען, מיט וועלכע אַפילו גאָר אַ גרויסער טייל פון די זאָגענאַנטע ליבעראַלען זיינען איינפאַרשטאַנען. אָט געגען דעם דאַרף די אַרבייטער־באַוועגונג קעמפען מיט אַלע אירע כחות, און אויב ביז איצט האָט באַהערשט אַ גאָר גרויסען טייל פון די אַר־בייטער בפרט און פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל די אילוזיע, די איינריידעניש, אַז ענדליך איז געקומען זייער דערלייזער אין געשטאַלט פון רוזוועלט'ן און זיין „ניו דיעל", איז נאָך דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די אַלע „ניו דיעל" געזעצע אין קאָנגרעס, דאַרף די אילוזיע זיך שטאַרק אויסרינען.

און זאָל דאָ גאַנץ קלאָר געמאַכט ווערען, אַז עס פאַלט אונז גאָרניט איין פאַר איין מאָמענט צו וואַרפען אַ פאַרדאַכט אויף רוזוועלט'ס גוטע כוונות. ניין, מיר האָבען דעם פולען גלויבען, אַז רוזוועלט מיינט עס גאַנץ ערנסט מיט זיינע „ניו דיעל"־פּלענער. עס איז פאַר מיר קיין ספק ניט, אַז ער איז אַ פּראָגרעסיווער מענש און איז אַ ביטערער געגנער פון די רעאַקציאָנערען. און נאָך מער, עס זיינען געוויס דאָ צו פּרעזידענט רוז־וועלט אַ היפּעלע מענשען, וועלכע זיינען פונקט אַזעלכע ערנסטע פּראָגרעסיווע מענשען ווי ער. און דאָך, כאָטש עס איז קיין צווייפעל ניט אַז די אָרימע און באַרויבטע זיינען ניט מער אַזוי אומוויסענד ווי אין די אַמאָליגע צייטען, ווי רוזוועלט האָט עס געזאָגט אין זיין לעצטער רעדע, דאָך דאַרף מען זיך ניט אָפּנאַרען. דער גרעס־טער טייל פון די אָרימע און באַרויבטע זיינען פאָרט שטאַרק אומוויסענד. און אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט אַנ־האַלטען, איז ווירקליך אוממעגליך צו ערוואַרטען אַ גאָר באַדייטענדע ענדערונג.

אָט דאָס דאַרף זיין די גרויסע אַרבייט. וואָס מוז געטאָן ווערען — אריינבריינגען וואָס מער ליכט, וואָס מער וויסען, וואָס מער פאַרשטאַנד און לאָגיק אין די מחנות פון דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט. די ערגסטע שונאים פון אַן אמת'ער ענדערונג זיינען די דעמאַגאָגען, וועלכע שמייכלען דעם פאָלק, דערציילען אים מעשיות וועגען זיין קלוגשאַפט און דאָס זיין „שטימע איז די שטימע פון גאָט", און דאָס ער איז פריי, ווערענד ער ווייס גאָרניט וואָס דאָס איז אַזעלכעס פרייהייט, און אַז עס איז גענוג אַז ער זאָל זיך פאַרלאָזען אויף די און די מענשען, די און די פּאַרטיי, און עס וועט שוין אַלעס זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. ניין, דאָס איז גרונד־פאַלש. ביז עס וועט ניט דערגרייכט ווערען אָט די אַלגעמיינע אויפקלערונג, וועט גאָרניט דערגרייכט ווערען.

צום קרעדיט פון רוזוועלט'ן זאָל עס געזאָגט ווע־רען, אַז כאָטש ער האָט עפּעס אַנדערעס ניט אויסגע־פירט, האָט ער אָבער דערגרייכט, אַז אַ היפּשע ביסעל מענשען האָבען אָנגעהויבען צו דענקען טיפער און ערנסטער, ווי ביז איצט; אָבער די אַרבייט, וואָס איז ביז איצט אויפגעטאָן געוואָרען אין דעם פונקט, איז ווי אַ טראָפּען אין ים אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס דאַרף ערשט אויפגעטאָן ווערען.

לידער

פון
אברהם רייזען

אין אָרעמען געגענט

(ניו יאָרקער בילדער)

1

טירען

די הייזער — הויך, אין פילע גאָרען,
איין הויז — די וואוינונגען אָהן שיעור;
און טונקעל־דומפּע קאָרידאָרען,
און טרעפּ געדרעהט — און טיר נאָך טיר...

און יעדע טיר — אַ פעסט פאַרמאַכטע,
און ס'גלאָצט אַ נומער אין דער מיט;
און יעדע טיר — אַ שטום פאַרטראַכטע
ווי ביז אַ צייט אַ סוד זי היט...

און ס'דאַכט זיך, אָט די אַלע טירען
באַלד עפענען זיך מיט געדראַנג
און וואונדער וועלען דאַן פּאַסירען,
די וואונדער, וואָס מען גאַרט שוין לאַנג.

2

די אָפיסעס

די אָפיסעס, די גרויע
אין בילדינגס, גרויס און הויך;
די ווערטערלאַך די שלויע,
דעם באָס ציגאַרען־רויך.

די ביכער, די פּאַפּירען,
די ציפער ביי דער זייט,
דאָס טרוקענע דיקטירען
וואָס קלינגט אי פרעמד אי ווייט...

די בריוו צו פירמעס טריבע,
מיט שיינקייט ניט פאַרפּוצט
און וואו אַ וואָרט פון ליבע
ווערט קיינמאָל ניט גענוצט.

די אָפיס־מיידעל איינע
אין אָט דעם גרוי אָרום,
די ליבע און די שיינע,
אָהן זון, אָהן טוי — די בלום...

●

אויף אַפּרוה אין „קאַונטרי"

זינגט, פייגעלאַך, זינגט
ביים פענסטער, ביים דאַך;
פאַרזינגט, צי וועקט־אויף —
די זעלביגע זאַך.

איך וואַך, צי איך טרוים,
איך ווייס ניט אַליין;
שוין לאַנג ניט געפיהלט
ווי ס'לעבען איז שעהן...

שוין לאַנג ניט געזעהן
אַ צווייגעל אין גרין;
שוין לאַנג ניט געהערט
אַ זינגען מיט זין...

פאַריאָגט און פאַרבליפט
אין מיה און אין שטרייט,
איך ווער איצט פאַרטיפט
אין שיינקייט, אין צייט; —

איך פיהל די מינוט,
די רגע פון זיין,
און דאָס איז שוין גוט —
די רגע איז דיין.

און וואונדערסט זיך גאָר,
וואָס ס'לעבען איז שווער;
זינגט, פייגעל, און רופט
די ברידער אַהער...

אַ מענטש

(עקספּראָמט)

ווילסט עס ניט פאַרשטעהן,
קלאָגסט זיך, דו ביזט קליין.
דו, אין רוים, אין צייט,
פרעגסט אויף דיין באַדייט.

לעבסט מיט לאַנד און ים,
און מיט יעדען שטאַם,
און מיט יעדער שפּראַך
ווי אונטער איין דאַך...

לעבסט מיט יעדען דור,
און מיט וועלט בעפאָר,
און מיט וועלט פאַראויס, —
ביזטו דען ניט גרויס?...

●

וואונדער

די פעדער אין דער האַנט
און דאָס פּאַפּיר — נאָך בלאַנק;
עס איז נאָך ניט באַקאַנט,
וואָס בויבערט זיין געדאַנק.

און נייגעריג, עס דאַכט —
אויך דאָס פּאַפּיר עס פרעגט:
וואָס ווערט אויף איהם געבראַכט,
וואָס ווערט אויף איהם אַנטפּלעקט?

צי וועלען ווערטער איהם
באַדעקען ווי אין פלאַם;
צי רוישען וועט אַ שטים
ווי כוואַליעס אויף אַ ים...

צי גאָר אַ העלד, וואָס פיהרט
צו פרייהייט און צו רעכט —
וועט רוהען אויף איהם איצט
מיט די באַפרייטע קנעכט?

צי גאָר וואָס ס'איז ניטאָ,
כאָטש זוך וועלט אויס, וועלט איין,
איצט אויסמאָלען עס דאָ
און שטענדיג וועט עס זיין...

●

פאָלקס יום־טוב

מחנות יובלען — ווילסט ניט זיין
קלינגער דאַן פון קיינעם,
און דיך ציהט די פרייד אַריין
געהן מיט זיי אינאיינעם.

קענסט ניט בלייבען דאַן אַליין,
רייד פון שכל הערען; —
ס'ציהט מיט מחנות — בונט און שעהן,
איינגעשלאָסען ווערען.

פרעגסט ניט וועלכע פאָן עס וויה'ט,
וועמעס די קאָלירען...
פלאַמיג־רויט און פלאַטער פרייד —
וועט אין ווייטען פיהרען...

און די לידער, די מוזיק!
ווערטער וואָס באַדייטען?...
געה מיט זיי און ציל דיין בליק
צו די שענסטע צייטען.

טראָט און טריט און זון און ליד
און די וועלט דערינען;
געה־אַריין אין סאַמע מיט,
וועסטו זיך געפינען...

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אינהאַלט פון פאַשיזם

פון א. אַרנאַלדי

איז באמת ביי היינטיגען טאָג נאָך נויטיג קלאָר צו מאַכען דעם אינהאַלט פון פאַשיזם?

איז דער אינהאַלט פון פאַשיזם ניט גענוג קלאָר?

עס איז גענוג באוואוסט, וואָס פאַשיזם איז, און ניט נאָר קאָנען מיר אים גוט, נאָר ער לאָזט זיך אויך גאַנץ געשמאַק פילען.

און פאָרט איז אפשר שווער צו געפינען נאָך אַזאַ באַגריף, וועגען וועלכען עס זאָל הערשען אַזאַ אומקלאָרקייט און וועגען וועלכען עס זאָלען צירקולירען אַזוי פיל און אַזוינע אין תוך ווידערשפּרעכלעכע דעפיניציעס ווי וועגען דער פראַגע, וואָס דאָס איז אַזוינס פאַשיזם.

און גראָד דערפאַר, ווייל אין דעם איצטיגען מאָמענט איז די פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכע ראָל פון פאַשיזם און דער קאַמף געגען אים אַזוי גוואַלדיג וויכטיג, איז נויטיג גענוי קלאָר צו מאַכען זיין אמת׳ן פּרצוף.

* * *

אויב ביי היינטיגען טאָג איז דער וואָרט פאַשיזם אַזוי ברייט באוואוסט, אַפילו צווישען מענשען, וואָס לייענען כמעט ניט אַ צייטונג, איז נאָך בערך גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק דער זעלבער וואָרט כמעט אינגאַנצען ניט געווען באַקאַנט — אַחוץ צווישען ענגע גרופּען פילאָלאָגען — און אויך זיין באַדייטונג איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי איצט.

דעם פירער פון דעם היינטיגען פאַשיזם מוסאָליני קומט דער גאַנצער אומבאַשטרייטבאַרער כבוד פאַר דאָס אַרויסגעפינען דעם דאָזיגען ווייניג באוואוסטען וואָרט און פאַר דאָס שאַפען דעם נייעם פּאָליטישען באַגריף, מיט וועלכען דער דאָזיגער וואָרט איז היינט פאַרבונדען.

זייט דעמאָלט איז וועגען פאַשיזם געשאַפען געוואָרען אַ ברייטע און אינטערעסאַנטע ליטעראַטור.

אָבער פאָרט איז דער דאָזיגער באַגריף נאָך ביז איצט ניט אינגאַנצען קלאָר.

אַזוי, למשל, קאָנט איר הערען, אַז רוזוועלט און זיין אַדמיניסטראַציע איז אַ פאַשיסטישע. און צו גלייכער צייט האָט די גאַנצע אַמעריקאַנער רעאַקציע און איר פּרעסע אין משך פון דעם לעצטען וואַל־קאַמפּיין פאַרשריען רוזוועלטן ווי אַ קאָמוניסט און דיקטאַטאָר.

אמת, אין די דאָזיגע באַשולדיגונגען איז פאַראַן מער פּראָפּאַגאַנדע ווי אויפריכטיגקייט.

אָבער פאָרט קאָן מען דערפון דרינגען, ווי אָפט און ווי גרינג עס איז מעגליך צו שאַפען אַ צוטומלעניש אין דער פראַגע וועגען פאַשיזם.

* * *

איז, וואָס איז אַזוינס פאַשיזם?

וואָס איז זיין פילאָזאָפיע, אידעאָלאָגיע און זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער אינהאַלט?

לאָמיר פריער ווי אַלץ זען וואָס די גרינדער און פירער פון דער דאָזיגער באוועגונג גופא זאָגען וועגען דעם.

פאַשיזם, זאָגען זיינע אידעאָלאָגען, איז אַ גייסטיגע באוועגונג.

זיי רײדען וועגען דער דאָזיגער באוועגונג אין טערמינען פון הויכער פּראַזעאָלאָגיע.

פאַשיזם רעפּרעזענטירט דעם פּרינציפּ פון „פליכט", „אָרדנונג", „אויטאָריטעט", „מלוכה", „נאַציע", „געשיכטע" א. א. וו. דעם עסענץ פון פאַשיזם פאַרבינדט מוסאָליני מיט דעם באַגריף פון „מלוכה".

„דער פונדאַמענט פון פאַשיזם", זאָגט מוסאָליני אין זיין אַרטיקעל „פאַשיזם" אין דער „ענציקלאָפּעדיא איטאַליאַנאַ", איז דער באַגריף פון מלוכה — דאָס איז זיין כאַראַקטער, פליכט און ציל. פאַר׳ן פאַשיזם איז די מלוכה פריער פון אַלץ און העכער פון אַלץ. דער איינצעלנער אָדער גרופּען האָבען אין פאַרגלייך מיט דער מלוכה נאָר אַ פאַרהעלטנישמעסיגע באַדייטונג".

ווייטער דערוויסען מיר זיך, אַז „פאַשיזם גלויבט אין הייליגקייט און העלדישקייט", אַז „פאַר פאַשיזם איז דאָס לעבען — פליכט און קאַמף", אַז „פאַשיזם באַקעמפט די גאַנצע סיסטעם פון דעמאָקראַטישער אידעאָלאָגיע", אַז „פאַשיזם גלויבט — ניט אין דער מעגלאַכקייט — ניט אין דער נוצליכקייט פון אייביגען פרידען", אַז „די פאַשיסטישע מלוכה איז דער אויסדרוק פון שטרעבען צו מאַכט", אַז „די פאַשיסטישע מלוכה איז ניט גלייכגילטיג צו רעליגיע", אַז „פאַשיזם האַלט ניט פון דעם מאַטעריאַליסטישען באַגריף וועגען אַ מעגליכקייט פון גליק" א. א. וו. א. וו.

דאָס אַלץ איז פאַר אונז מער ווי גענוג צו באַווייזען, ווי ווייניג די דאָזיגע גאַנצע הויכע פּראַזעאָלאָגיע קאָן זיין נוצליך קלאָר צו מאַכען דעם באַגריף פון פאַשיזם.

* * *

אַלע די דאָזיגע אַבסטראַקטע אַלגעמיינע באַגריפען, וואָס דאַרפען אונז באַווייזען, וואָס פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר, אונטערשיידט זיך אינגאַנצען ניט פון אַ סך אַנדערע פּאָליטיש־פילאָזאָפישע שטרעמונגען, וועלכע זיינען גאָרניט דירעקט פאַשיסטיש.

עס איז, אַחוץ דעם, אין גרונט גענומען בכלל פאַלש צו זוכען אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון פאַשיזם אין אַ געוויסער און באַשטימטער אידעאָלאָגיע.

די פירער פון פאַשיזם גופא האָבען אָפט אַליין ליב צו אונטערשטרייכען, אַז דער פאַשיזם האָט זיך אַנטוויקעלט ווי אַ פּראַקטישע באוועגונג אָן אַ באַשטימטער טעאָריע.

„אין דער צייט פון מיין מאַרש אויף רוים אין 1919 האָב איך ניט געהאַט קיין שום באַשטימטע טעאָריע", שרייבט מוסאָליני.

ערשט שפּעטער איז אַנטשטאַנען די באַדערפעניש צו באַשאַפען אַ טעאָריע, אום צו באַרעכטיגען דעם פאַקט.

* * *

אויב אַזוי, טאָ וואָס איז דער אינהאַלט פון דער דאָזיגער „פּראַקטישער באוועגונג", וועלכע האָט אין אָנהויב אַפילו ניט געהאַט קיין באַשטימטע טעאָריע און שפּילט אין דעם איצטיגען מאָמענט אַזאַ גוואַלדיגע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט?

דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון פאַשיזם קאָן קלאָר ווערען נאָר דעמאָלט, ווען מיר זאָלען אַריינדרינגען אין זיין קלאַסען־באַזיס, ווען מיר זאָלען פאַרשטיין די גאַנצע סיסטעם פון יענע קלאַסען־פאַרהעלטנישען, אין וועלכע ער אַנטוויקעלט זיך און פונקציאָנירט, און אויך זיין ראָל אין דעם היינטיגען קלאַסען־קאַמף.

נאָר דעמאָלט קאָן מען פאַרשטיין דעם אמת׳ן אינהאַלט פון פאַשיזם.

צווישען די יעניגע, וועלכע אַנאַליזירען דעם פאַ־

עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ שיף, אָבער יענע שיף איז אויך ניט אונזערע. שוועסטער א. איז אומרוהיג, איר פּנים איז רויט ווי צונטער, און זי ווישט דעם שוויס מיט איר פיצעל ווייבערשער נאָזטיכעל, וועלכע קוקט אויס אין איר האַנט ווי אַ נאַסע שטיקעל פּאַפּיראָס פּאַפּיר.

זי כאַפּט אַ קוק אויף איר האַנט זייגערל און זי וואונדערט זיך פאַרוואָס מ׳זעט נאָך קיינעם ניט. איבערהויפּט איז זי אומרוהיג פאַר וואָס זי זעט ניט שוועסטער ב., וועלכע האָט איר טיקעט. מיר פילען שרעקליך דאָרשטיג און מיר גייען צו צום איינציגען סטענד און מיר קויפען צוויי פינף סענטיגע פלעשלאַך וואַסער, וועלכע מיר טרינקען אויס און נאָך וועלכע מיר פילען אַ ווידער־טעם אין מויל און עפּעס אַ שווערקייט אין בויך, אָבער דער דאָרשט איז ניט געשטילט, נאָר נאָך מער צורייצט.

אַרום האַלב נאָך זיבען איז אָנגעקומען אונזער שיף און מ׳האָט אָנגעהויבען זען באַקאַנטע. אָט זע איך ברודער ג. ער האָט זיך זייער געענדערט פאַר דער צייט (אַרום אַ יאָר) וואָס איך האָב אים ניט געזען. ער איז אימער געווען אַן אויסגעפּילטער, מיט אַ געזונטען ראָזעווען פּנים, מיט עטוואָס אַ בייכעל, און יעצט איז ער אַזוי מאָגער, אָפּגעבליאַקירט, קיין סימן פון קיין בויך, שוין אַ ביסעל איינגעבויגען און דער עלטער זעט זיך שוין גאַנץ גוט אָן אויף אים.

אָבער אָט זאָגט מיר העלאָו ברודער ד. פון לאָקאַל איינס, וועמען איך האָב ניט געזען אַ פּאָר יאָר און וועלכער איז שוין עטליכע יאָר אין ביזנעס. איך ווער סורפּרייזט פון זיין גוטען אויסזען און ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל אימפּרואווט, ווי ער איז גאָר העכער און ברייטער געוואָרען, און אין די אויגען אַזאַ לעבעדיג, לוסטיגער בליק און איז געקליידט ווי אַ ספּאָרט, אין ווייסע הויזען, מיט ווייסע שיך און אַ זיידענע ספּאָרט העמדעל, גאָר ניט דער זעלבער ברודער, מיט וועמען איך האָב מיט צוואַנציג יאָר צוריק געאַרבייט ביי ביליגע פלושענע מאַנטלען אויף איסט בראָדוויי. דאַכט זיך, אַז דער מענש איז גאָר איינגער געוואָרען.

און אָט זאָג איך העלאָו שוועסטער ה. איר האָב איך שוין אויך ניט געזען אַ היבשע צייט, זינט זי האָט געקראָגען איר סטעדי וואָכען־דזשאָב, וועלכער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר פּנים היבשע עטליכע יאָר. הפּנים, אַז אַ סטעדי וואָכען־דזשאָב איז ניט אַזאַ ברכה פאַר אַ פלייסיגער, שנעלער דרעסמאַכערין.

און אָט איז שוועסטער ז., די געלאַסענע, רוהיגע און קריטיקירענדע יוניאָניסטקע. אַרום איר איז די אַטמאָספערע מיט אַ פּאָר גראַד נידעריגער ווי ערגעץ אַנדערש וואו. און דו ביזט זיכער צו הערען פון איר אַ שאַפּ געשיכטע, אָנגעפּיקעוועט מיט עוולות פון דער יוניע, פון שאַפּ טשערמאַן און פון די ברידער און שוועסטער. דו קענסט ניט אַרגומענטירען מיט שוועסטער ז., וועלכע איז די גוטסקייט אַליין און וועלכע זעט די אַלע עוולות בלויז דערפאַר, ווייל זי איז אַ צו פרומע יוניאָניסטקע. זי איז פאַר פולע הונדערט פּראָצענט יוניאָן קאָנדישאָנס, וואָס דאָס איז אונמעגליך.

אונזער שיף האָט זיך דערווילע פאַראַנקערט און זי האָט זיך אָנגעהויבען אויסליידיגען פון אירע בייטאָגיגע פּאַסאַזשירען, און אין דעם צווייטען זייט האָבען זיך אויסגעשטעלט אונזערע מונלייט עקסקורשאָניסטען. איך בין געווען סורפּרייזט צו זען אַזאַ מאַסע מענשען. דאַכט זיך מיט אַ ווילע פריהער איז קיינער ניט געווען. אונזער קליינע גרופּקע, פילענדיג זייער הייס, האָבען זיך ניט געוואָלט קוועטשען אין דעם מיט שטריק אָפּגעצאַמטען פּלאַץ פאַר די אַרויפשטייגענדע, און מיר האָבען געוואַרט אויף צום לעצט.

מיר האָבען לאַנג געדאַרפט וואַרטען. וואָס אַ מינוט איז אַלץ צוגעקומען נאָך און נאָך מענשען, און ווען מיר זיינען ענדליך אַרויף, איז שוין ניט נאָר פאַר אַ גאַנצער גרופּע מער קיין פּלאַץ ניט געווען, עס איז שוין כמעט קיין איינצעלנע זיץ פּלעצער אויך ניט געווען.

עס האָט אויסגעקוקט, אַז אונזער גאַנצע ביסעל אַרימקייט האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער שיפעל.

נאָך לאַנגען זוכען בין איך געווען איבעראַשט צו דערזען אַ ליידיגען סיט, אָבער אַזוי ווי איך האָב זיך נאָר אַנידערגעזעצט האָב איך אויסגעפונען פאַר וואָס קיינער האָט עס ניט פאַרנומען. דאָרטען איז געווען אַ זייער שמאָלער דורכגאַנג און איך האָב באַלד געקראָגען אַ זעץ אין זייט פון אַן אומלויפענדען מענשען מיט אַ צונויפגעלייגטען שאַל אין האַנט. באַלד נאָך דעם האָב איך געקראָגען אַ טראַסק אין פּלייצע. איך האָב געמוזט פאַרלאָזען יענעם סיט און גיין זוכען דאָס אונמעגליכע — אַ סיט אָהן בוכצעס און סטוסאַקעס.

עקסקורשאָן פאַרטייטשט דער דיקשיאָנערי: אַ קורצע פאַרגעניגענס רייזע. שוין ביי דעם ערשטען זעץ אין זייט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער דיקשיאָנערי האָט ניט געמיינט דעם דאָזיגען עקסקורשאָן, וואו אויף אַ שיפעל פון טויזענט מענשען האָט מען אַרויפגענומען צוויי טויזענט, אין אַן אָווענט, וואָס דער טערמאָמעטער דערלאַנגט צו פינף און ניינציג אויפ׳ן וואַסער.

ווען די שיף איז געשטאַנען ביים פּאַרק איז נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, אָבער ווען מיר האָבען זיך גענומען רירען און פאָרען אַפּטאַון צו, איז די היץ געוואָרען ערגער. און דאָ האָט נאָך גענומען אַרבייטען די זאָגענאַנטע „שאָו". עפּעס אַן אַלטע אָפּגעפאַרבטע שיקסע מיט אַן איבערגעבאַכענער שטימע, מיט אַ קורצען אָטעם, האָט גענומען זינגען לידלאַך פון פערציג יאָר צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידעל, און דער אַמפּליפייער העלפט נאָך צורייסען מיינע אויערען און מיינע נערוועז, און אַוועקגיין קענסטו ניט, ווייל מ׳קען

דעם פארצוג זוכען די בעלי בתים פון דער סאוטה אנ־
צוהאלטען מיט אלע מעגליכקייטען און מיט אלע מיטלען
אזוי לאנג ווי זיי קענען. פאר דער אורזאכע האבען זיי
די גאנצע צייט באקעמפט מיט אלע מיטלען יעדען פאר־
זוך פון זייערע ארבייטער צו ארגאניזירען זיך אדער
צו דערשלאגען זיך מענשליכע ארבייטס באדינגונגען.
יעדער סטרייק אין יענע שטאטען איז דערטרונקען גע־
ווארען אין בלוט; די אלע שווארץ־מאה׳דיגע באווע־
גונגען, די קיו קלוקס קלען, די סילווער שוירטס, די
לינטשינג מאבס; די מערדערייען געגען די ציגאר־
סטרייקער אין פלארידא, די טעקסטיל ארבייטער אין
נארד און סאוטה קארליינא; די שער קראפערס אין
ארקענסא און אנדערע געגענדען. די אלע באנדעס און
זייערע בלוטיגע מעשים האבען געהאט און האבען די
פולע שטיצע פון די אינדוסטריעלע מאגנאטען און די
אלע וואס מאכען געלט דורך זיי. די סוחרים, ריעל
עסטייטניקעס, באנקירען און אלע איבעריגע פון דעם
געזינדעל. פארשטייט זיך, אז פאר די עלעמענטען איז
דער פארזוך איינצושטעלען דורכן געזעץ א גרענעץ צו
זייער עקספלואטאציע, אן אנגריף אויף זייער פריווילע־
גירטער לאגע אין דער אינדוסטריע. אויב זיי זאלען
געצוואונגען ווערען צו צאלען זייערע ארבייטער כמעט
די זעלביגע שכירות און זיי לאזען ארבייטען ניט מער
שטונדען ווי די ארבייטער אין די אנדערע געגענדען
פון לאנד, וועט די סאוטה אויפהערען צו זיין דער אויס־
דערוויילטער פלאץ פאר פאבריקאנטען. דערפאר זיינען
זיי און זייערע פארטרעטער אין קאנגרעס אזוי פאר־
ביסען געגען דעם בלעק־קאנערי געזעץ.

ווי פיל די סאוטה האט צו פארלירען דורך דעם
בלעק־קאנערי געזעץ ווען ער זאל אנגענומען ווערען,
באווייזט דער עקאנאמישער איבערזיכט וואס איז נאר־
וואס פארעפענטליכט געווארען פון דעם „אינסטיטוט אוו
פאבליק אפיניאן". לויט דעם איבערזיכט איז איצטער
די דורכשניטליכע ארבייטס־וואך אין אמעריקא 47
שטונדען א וואך. דאס איז אבער בלויז דער דורכשניט.
דאס הייסט, אזוי ווי עס זיינען דא אינדוסטריען וואו די
ארבייטס־וואך איז בלויז 35 אדער ווייניגער שטונדען
א וואך, זיינען נאטירליך פאראן אזוינע וואס ארבייטען
פיל מער ווי 47 שטונדען א וואך. דער איבערזיכט
באווייזט עס טאקע אין דער אפטיילונג וואו ער גיט אן
די ארבייטס־שטונדען לויט געגענדען און סטייטס.

אזוי ווייזט אן דער באריכט, אז די דורכשניטליכע
שטונדען אין די ניי ענגלאנד שטאטען איז 45 א וואך
אין דער צייט וואס אין דער סאוטה איז די דורכשניט־
ליכע ארבייטס־וואך 50 שטונדען. דער באריכט ווייזט
אויך אן, אז אין דער צייט וואס פערצען פראצענט פון
אלע אינדוסטריעלע ארבייטער ארבייטען ווייניגער ווי
40 שטונדען, ארבייטען נאך 20 פראצענט איבער 55
שטונדען א וואך און צען פראצענט ארבייטען נאך 60
שטונדען און מער א וואך.

דאס זעלבע איז מיט שכירות. לויט די לעצטע
באריכטען זיינען די דורכשניטליכע שכירות וואס אר־
בייטער פארדינען אין דער סאוטה מיט 25 פראצענט
קלענער ווי די דורכשניט־שכירות אין אנדערע אינדוס־
טריעלע געגענדען. אזוי ווי אין די אנדערע אינדוס־
טריעלע געגענדע זיינען נאך פאראן גענוג ארבייטער
וואס פארדינען ווייניגער ווי די 40 סענט א שטונדע
וואס דער בלעק־קאנערי געזעץ ערלויבט דער קאמיסיע
צו באשטימען אלס מינימום, קען מען דאך פארשטיין
ווי פיל אדער וואס פאר א גרויסער פראצענט ארביי־
טער אין דער סאוטה עס פארדינען נאך ווייניגער פון
דעם מינימום אום צו מאכען דעם דורכשניט מיט 25
פראצענט נידעריגער ווי אין די אנדערע געגענדען.
דער בלעק־קאנערי געזעץ וואלט דעריבער זיכער פאר־
קירצט די ארבייטס־שטונדען און באדייטענד געהעכערט
די שכירות פון א גרויסער צאל פון די ארבייטער אין
דער סאוטה און וואלט דערמיט אוועקגענומען דעם
פארצוג פון דער סאוטה פאר אינדוסטריעלע אונטער־
נעמונגען. דעריבער זיינען זיי אזוי פארביסען געגען
דעם געזעץ.

איבער דער זעלביגער אורזאכע איז דער נעשאנאל
טשעמבער אוו קאמערס אזוי פארביסען געגען א נא־
ציאנאלען געזעץ צו באגרענעצען ארבייטס־שטונדען און
באשטימען א מינימום־געהאלט. די נעשאנאל טשעמבער
אוו קאמערס באשטייט מערסטענס פון סוחרים, קרעמער,
האטעל־אייגענטימער, אימפארטערס און עקספארטערס
און ענליכע. דער קלאס איז קודם כל פאראינטערעסירט
צו קענען קויפען זייער סחורה וואס ביליגער. דאס איז
בלויז מעגליך ווען די קאנקורענץ־מעגליכקייטען פון די
פאבריקאנטען זיינען גרויסע. איינהייטליכע ארבייטס־
באדינגונגען איבער׳ן גאנצען לאנד זיינען א שטערונג
צו א שארפען קאנקורענץ־קאמף צווישען די פראדוצי־
רער. די סוחרים זיינען דעריבער געגען דעם. פון
דער צווייטער זייט זיינען אבער געוויסע טיילען פון די
מיטגלידער פון דעם טשעמבער אוו קאמערס פאראינ־
טערעסירט אז די קויף־קראפט פון די מאסען אין זייערע
געגענדען זאל זיין וואס גרעסער אום זיי זאלען קענען
מער פארקויפען. הויפטזעכליך זיינען אין דעם פאר־
אינטערעסירט די קרעמער וואס פארקויפען דירעקט
צום פארברויכער, ווי די טשיין סטאר־ און דעפארט־
מענט־סטאר־קיפערס. דער טשיימבער אוו קאמערס איז
דעריבער ארויסגעקומען פאר סטייט געזעצען צו בא־
גרענעצען שטונדען און באשטימען מינימום־שכירות,
אזוי אז יעדע אפטיילונג זייערע אין די פארשיידענע
סטייטס זאל קענען דורכפירען אדער ניט דורכפירען
אזוינע געזעצען ווי עס לוינט זיך זיי אמבעסטען.

די בעלי בתים און סוחרים וואס זיינען געגען א
פעדעראלען געזעץ צו באגרענעצען ארבייטס־שטונדען
און באשטימען א מינימום לוין פאר די ארבייטער, זאגען
נאטירליך ניט אזוי ברוטאל אפען אז זיי זיינען פאר־
אינטערעסירט הויפטזעכליך אין זייערע פראפיטען. א,
ניין! זיי שטעלען ארויס מער אידעאלע טענות געגען
אזא געזעץ. זיי רעדען געגען ארויפצווינגען איין גלייכ־
ארטיגען געזעץ אויף אלע בירגער וועלכעס איז ניט
אמעריקאניש; זיי רעדען פון סטייט רעכט און פעדע־
ראליזם; זיי רעדען אין נאמען פון דער הייליגער קאנ־
סטיטוציע און אמעריקאנער טראדיציע. אפנארען דער־
מיט קענען זיי אבער בלויז קליינע קינדער. דערוואק־
סענע מענשען ווייסען אז זיי זיינען אויסען ניט די הגדה
פון פרינציפען נאר די קניידלאך פון פראפיטען. און
וואו ניט וואו לאזט נאך איינער פון זיי ארויס די קאץ
פון זאק. ווי דער פאל איז געווען מיט דער קאמיטע
פון דער טשיימבער אוו קאמערס, וועלכע האט צווישען
די פארשיידענע ארגומענטען געגען דעם בלעק־קאנערי
געזעץ אנגעגעבען אויך די פאלגענדע:

„דער ענדגילטיגער ציל פון דעם שטונדען און
שכירות געזעץ, — זאגט דער באריכט, — איז ארויפ־
צוצווינגען אויף אלע פירמעס אין אן אינדוסטריע, ווי
ווייט אין פלאץ זיי זאלען ניט זיין איינע פון די אנדערע
און ווי פארשיידען עס זאלען ניט זיין זייערע אומשטענ־
דען, אנצוהאלטען די זעלביגע שטונדען און שכירות
וואס עס ווערט פארגעשריבען אין אן אפמאך וואס איז
דערגרייכט געווארען אין א געוויסען טייל פון דער אינ־
דוסטריע.

„דער געזעץ וואלט שלעכט ווירקען אויף דער
פראדוקציע פאר פרעמדע לענדער און וואלט שטערען
די היימישע פראדוצירער וועלכע דארפען קאנקורירען
מיט סחורה וואס ווערט אריינגעבראכט פון אויסלאנד.

„דער שכירות פארשריפט פון דעם געזעץ־פראיעקט
איז אויך אזוינער וואס וועט מאכען אונמעגליך אי[...]
אנצואווענדען אומפארטייאיש און ווי געהעריג איז דורכ־
פירען. יעדע האנדלונג אין באצוג צו מינימום שכירות
פאר א ווייט־פארשפרייטע אינדוסטריע וועט אומפאר־
מיידליך ברענגען געפערליכע שוועריגקייטען פאר קליי־
נע אונטערנעמער און אזוינע וועלכע געפינען זיך אין
געגענדען וואו מען איז שוין פון לאנג געוואוינט צו
קריגען ארבייט ביליגער".

דא זיינען אלזא קלאר ארויסגעבראכט די עקאנא־
מישע מאטיוען פון דער געגנערשאפט צום געזעץ. דאס
איז אבער אן אויסנאם. די מערסטע פארגלאצען די
אויגען צום הימעל און רעדען אין נאמען פון אידעאלען.
טיילווייז זיינען אבער אין דעם שולדיג אויך די אנ־
הענגער פון געזעץ, וועלכע אנשטאט אנצואווייזען קלאר,
אז דאס איז נויטיג פאר דער עקאנאמישער רעאבילי־
טאציע פון לאנד און פאר דעם צוועק מעג מען מקריב
זיין די באזונדערע פריווילעגיעס פון דעם עלעמענט
מאנופעקטשורערס וועלכע קענען זיך בלויז האלטען
אויף נידעריגע שכירות און אונמענשליך לאנגע שטונ־
דען, רעדען די פארטיידיגער פון געזעץ אין נאמען פון
מענשליכקייט, ציוויליזאציע און דעם אמעריקאנער לע־
בענס־סטאנדארד. זייער וועניגע ווערען באאיינפלוסט
פון אזוינע מאטיוען. דאס איז אויך די אורזאכע וואס
פילע ארבייטער און אפילו ארבייטער־פירער פון די
בעסער באצאלטע טריידס זיינען גלייכגילטיג צום געזעץ.
אין יושר צו אנדערע זיינען ניט פיל מענשען פאראינ־
טערעסירט.

וואס עס איז נויטיג איז אנצואווייזען הויפטזעכליך
אויף דער עקאנאמישער באדייטונג פון דעם געזעץ פאר
די ארבייטער־מאסען אין אלגעמיין, פאר די שלעכט־
באצאלטע און אם ערגסטען עקספלואטירטע ארבייטער
באזונדערס, און אויך פאר די עלעמענטען פון ארבייטס־
געבער וואס געפינען זיך אין די ארגאניזירטע טריידס
און די מער אנטוויקעלטע אינדוסטריעלע צענטערס
וועלכע מוזען אנהאלטען בעסערע ארבייטס באדינגונגען
און זיי ליידען דעריבער פון דער האלז־שניידענדער
קאנקורענץ פון די אונטערנעמער וואס האבען זייערע
פאבריקען אין צוריקגעשטאנענע געגענדען. די ארגו־
מענטען וועלכע רירען אן די קעשענעס פון א גרויסען
טייל פון דער באפעלקערונג אוממיטעלבאר, קען ניט
פארפעלען צו האבען אויף זיי די נויטיגע ווירקונג.
אויב זיי זאלען דורך דער ווירקונג אויסאיבען א געהע־
ריגען דרוק אויף די געזעץ־געבער פון זייערע דיסט־
ריקטען קען נאך דער בלעק־קאנערי געזעץ אפשר גע־
ראטעוועט ווערען אין דער קומענדער סעסיע פון קאנ־
גרעס און נאך אפשר אין א מער ליבעראלער פארמע
ווי עס איז אנגענומען געווארען אין סענאט.

אן עקסקורשאן

(א מעשה)

פון מ. צינקין

ווען איך האב יענעם הייסען, שטיקענדיגען נאכ־
מיטאג, געטראפען די צוויי פארשוויצטע, צוקאכטע ברי־
דער אין דער זיבעטער עוועניו, און זיי האבען מיר אנ־
געבאטען א טיקעט צום מארגענדיגען, שבת ביינאכטיגען
עקסקורשאן, אויפ׳ן האדסאן, מיט א שאו, מיט מוזיק,
האב איך, זייענדיג אויך א צושוויצטער און א צושרויפ־
טער, דעם טיקעט גלייך צוגעכאפט ביי זיי.

קוקענדיג אויף די ווערטער „מונלייט עקסקורשאן
אויפ׳ן האדסאן" איז מיר שוין געווארען א ביסעל קיה־
לער. מונלייט מיינט דאך לבנה, שטערען, בלויער הי־
מעל; האדסאן מיינט דאך וואסער, דערפרישענדער
ווינטעל, און דער קראוד וועט זיין א היימישער, אן
אייגענער, און אין מיין פאנטאזיע האט זיך שוין געמאלען
אן אנגענעמער ראמאנטישער אוונט אויף א שיף, אויפ׳ן
וואסער, מיט אינטערעסאנטע ברידער און שוועסטער
ארום מיר, אינטערעסאנטע געשפרעכען, אונטערהאל־
טונג, מוזיק...

אויפ׳ן טיקעט איז געשטאנען, אז אכט אזייגער גייט
די שיף אפ, און די פארשוויצטע ברידער האבען מיר
געווארענט, איך זאל זיין זיבען אזייגער אין בעטערי
פארק, אום צו קענען אין צייט ארויף אויפ׳ן שיף.

די היץ יענעם שבת איז געווען א שרעקליכע. עס
האט זיך געדאכט, אז ניו יארק איז אונטערגעצונדען און
ברענט פון אלע זייטען, און אז איך וועל באלד דער־
שטיקט ווערען אין מיין קליינעם צימער, מיט דעם איינ־
ציגען ניט־צו־גרויסען האלב־אפענעם פענסטער.

באהאלטען זיך פון די היץ איז ניט געווען וואו.
אין פארק האט זיך געדאכט איז ערגער ווי אין הויז,
און אז איך בין געקומען צוריק אין הויז, האב איך
געפילט ערגער ווי אין פארק. מיין אויבערשטער האל־
בער קאו־פער איז געווען דורכאויס נאס, און די העמד
האט זיך געקלעפט צום לייב, מיין האלז און נאקען זיי־
נען געווען אזוי צופארעט, אז איך האב מורא געהאט
די הויט זאל מיר ניט אראפקריכען. איך האב גענומען
א שפריץ באד, א וואנע, און זיך געריבען מיט נאסע
קאלטע האנטיכער, אבער דאס האט געהאלפען בלויז
אויף א קליינע ווײלע, באלד אבער איז שוין ווידער גע־
ווען די זעלביגע היץ.

צום בעטערי פארק בין איך אנגעקומען זיבען
אזייגער. די שיף איז נאך ניט געווען און קיינע בא־
קאנטע האבען זיך ניט געזען. איבער׳ן פארק איז גע־
האנגען א היץ, ווי עס וואלט געברענט איבער אים
א גרויסער קאלאסאלער פאראשוט. איבער׳ן גראז
זיינען געווען אויסגעלייגט א סך מענשען, מענער און
פרויען, אונבאוועגליך, פארשלאפט, פאר׳חלש׳ט, און
דער פלאץ האט אויסגעקוקט ווי א בית־עולם מיט נאך
ניט קיין באגראבענע מתים.

אין א ווײלע ארום איז אנגעקומען שוועסטער
א. זי איז אנגעקומען פון אן אנדער עק פארק, וואו עס
איז געשטאנען א גאנץ היבשע שיף, אויף וועלכער עס
האבען געהאלטען ארויפגיין א סך פאסאזשירען, אבער
דאס איז ניט געווען אונזער שיף און ניט אונזערע מענ־
שען. דער פאליסמאן דארטען האט איר געזאגט, אז
אונזער שיף וועט זיך פאראנקערען אט דא, וואו מיר
שטייען יעצט. אבער זי גלויבט ניט דעם פאליסמאן
און זי גייט א קוק טאן דארטען, אין יענעם עק, וואו

שטער ביישפּיל אין דער היינטיגער צייט, אַז די מלוכה זאָל אָפּשטעלען די מעטאַלענע אָרעמס פון דער מאַשין, די שטאָלענע גלידער, דורכפירענדיג די אַרבייט, וואָס האָט פריער געשפּייזט הונדערטער מענשען, האָט פאַרוואַנדעלט די מאַשין אין אַ מוטער פון דער נויט פון דעם אַרבייטער־קלאַס".

דעם 15טען יולי 1933 האָט די דייטשע רייכס־רעגירונג ארויסגעגעבען אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט דאָס איינשטעלען נייע מאַשינען פאַר צונויפוויקלען טאַבאַק־בלעטער און דאָס פאַרבייטען פון יעדער אַלטער מאַשין, וואָס האָט אויפגעהערט אַרבייטען.

די איינלייטונג צו דעם דאָזיגען געזעץ דערקלערט, אַז דאָס מעכאַניזירען פון דער טאַבאַק־אינדוסטריע האָט פאַרניכטעט דעם פאַרדינסט פון דער באַפעלקערונג פון געוויסע פּראָווינצען.

די מאַשינען האָבען ארויסגעשטויסען פון דער אינדוסטריע ארום 80,000 אַרבייטער אָדער פינף־זעקסטעל פון אַלע טאַבאַק־אַרבייטער. אַ מאַשין לאָזט ארויס צווישען 1200—1000 סיגאַרען אין אַ שעה און אַ האַנטוואַרקער נאָר 70.

דער געזעץ גיט דאָס רעכט די געהעריגע מיניסטאָרען צו באַגרעניצען די פּראָדוקציע אין מעכאַניזירטע אונטערנעמונגען, כדי ביסלאַכווייז צו פאַרזיכערען דאָס אומקערען צום האַנטוואָרק.

אין דער אָפּיציעלער פּאָליטיק בנוגע דאָס באַנוצען פון מאַשינען הערשט אַ גרויסע צוטומלעניש.

פון איין זייט זיינען איינגעפירט ספּעציעלע שטייערען־פּריווילעגיעס פאַר איינשטעלען נייע מאַשינען. די פאַשיסטישע פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע איז אָבער געגען דאָס באַנוצען פון מאַשינען. אַזוי ווי שוין אָנגעוויזען, איז פאַרבאָטען דאָס איינשטעלען פון נייע מאַשינען אין דער גלאָז־אינדוסטריע. אויך די פּראָדוקציע גופא אין דער דאָזיגער אינדוסטריע איז באַגרעניצט.

אין דער צעמענט־אינדוסטריע איז פאַרבאָטען דאָס עפענען פון נייע פאַבריקען און דאָס פאַרגרעסערען פון אַלטע.

דער פאַרבאָט צו באַנוצען מאַשינען, וואָס האָט הויפּטזעכליך אין זין צו העכערען די פּראָדוקציע־אויסגאַבען אין די אינטערעסען פון די האַנטוואָרקער שטערט אָבער דעם עקספּאָרט.

אויף אַזאַ אופן שטערט דער דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ דאָס שטרעבען זיך אומצוקערען צום אַלטען האַנטוואָרק.

אַפילו אין דעם געזעץ, וואָס פאַרבאָט איינצושטעלען נייע מאַשינען אין דער ציגאַרען־אינדוסטריע, איז אויסדריקליך פאַראויסגעזען אַן אויסנאַם בנוגע פּראָדוצירען פאַר'ן עקספּאָרט.

דער דאָזיגער ווידערשפּרוך אונטערשטרייכט דעם אַלגעמיינעם ווידערשפּרוך פון דער פאַשיסטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

און דאָ קומען מיר צו דער סאַמע עסענץ, צו דעם אמת'ן אינהאַלט פון דער גאַנצער פאַשיסטישער עקאָנאָמיק.

די טענדענץ און ציל פון היינטיגען קאַפּיטאַליזם באַשטייט אין זיין שטרעבונג צו דערגרייכען איינגאַנצען אַ געזיכערטע און פולשטענדיגע מאָנאָפּאָליזירונג פון די אינדוסטריען.

ווען דער קאַפּיטאַליזם זאָל דאָס דערגרייכען, אָדער אויף וויפיל דאָס איז אים מעגליך צו דערגרייכען, איינשטעלענדיג אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, דעמאָלט ווערט אומפאַרמיידליך די טענדענץ אין דער ריכטונג אָפּצושטעלען די ווייטערדיגע טעכנישע אַנטוויקלונג. דאָס שטרעבען זיך אומצוקערען צו אַ סיסטעם פון אַלטען אָפּגעלעבטען האַנטוואָרק, מיט איין וואָרט — אַ טעכנישער צוריקגאַנג, אַ שטרעבען צו פאַרקירעווען דעם ראָד פון דעם מענשליכען פּראָגרעס אויף צוריקוועגס.

די דאָזיגע טענדענץ ווערט דעמאָלט אומאָפּטיילבאַר פון זיין גאַנצער אַלגעמיינער פּאָליטיק.

אין דעם באַשטייט דער אמת'ער רעאַקציאָנערער אינהאַלט פון פאַשיזם. דאָס איז זיין גרונט־שטריך.

פאַשיזם איז דער אויסדרוק פון דער העכסטער שטופע פון סאָציאַלער רעאַקציע אין אונזער עפּאָכע.

***

דער רעוואָלט פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע געגען דער מאַשין איז פּראַקטיש ניט דערגרייכבאַר.

די קאַפּיטאַליסטען זיינען געצוואונגען אין זייער געגענזייטיגען קאַמף צו פאַרפאָלקאָמען און שאַרפען זייער געווער. צוליב דעם זיינען זיי געצוואונגען אויסצונוצען די מאָדערנע וויסנשאַפטליכע טעכנישע אַנטוויקלונג.

די שטענדיג וואַקסענדע, כאָטש ניט דערגרייכבאַרע, שטרעבונג פון דעם מאָדערנעם מאָנאָפּאָליסטישען קאַפּיטאַליזם אָפּצושטעלען די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק איז זייער סימפּטאָמאַטיש פאַר דער היינטיגער ווירטשאַפטליכער אָרדנונג.

פאַשיזם מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע זיך אומצוקערען צו אַ פּרימיטיווער ווירטשאַפטליכער סיסטעם, שטייענדיג גלייכצייטיג פאַקטיש אין דינסט פון דעם העכסט קאָנצענטרירטען פינאַנץ־קאַפּיטאַל, איז דער בעסטער און פולשטענדיגסטער אויסדרוק פון יענע אינערליכע ווידערשפּרוכען מיט וועלכע דער פאַשיזם איז טיף דורכגעדרונגען.

דאָס פינסטערע לעבען פון די אַרבייטער אין רומעניע

פון דר. יוסף קיסמאַן

דאָס, וואָס — נאָר מיט גוטע אַרבייטס־באַדינגונגען, מיט אַ פרייען לעבען בכלל, האָט רומעניע נאָך נישט קונה שם געווען אויף דער וועלט. גיכער — פאַרקערט!

דעריבער וועט עס קלינגען ווי אַ סענסאַציע, און טייל לעזער וועלען עס אפשר האַלטען פאַר אַ גוזמא, ווען איך זאָג, אַז אין פּרט פון אַרבייטער־שוץ־געזעצען האָט די קליינע, אָפּגעשטאַנענע רומעניע לאַנג שוין איבערגעיאָגט די פאַרגעשריטענע ריזיגע אַמעריקע! שווער צו גלויבען, אָבער פּאָרט אַ הונדערט־פּראָצענטיגער אמת! איך מוז מודה זיין, אַז ווען איך באַקען זיך דאָ פון דער פּרעסע מיט די גרויסע סאָציאַל־פּאָליטישע דערגרייכונגען אין אַמעריקע אין דער לעצטער צייט; ווען איך זעה די באַגייסטערטע פרייד פון דער אַרבייטערשאַפט איבער דעם זיג פון'ם וואַגנער־אַקט, איבער אַ געזעץ, צו פאַרווערען קינדער־אַרבייט, ווילט זיך מיר טיילמאָל דאַכטען, אַז דאָס יאָגט זיך גאָר נאָך די גרויסע אַמעריקע — נאָך דער קליינער רומעניע.

איך גלויב דעריבער, אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר אַמעריקאַנער אַרבייטער צו הערען, וואָס עס טוט זיך אויס'ן געביט פון סאָציאַל־פּאָליטיק, אויף יענער זייט ים, אין אַ קליינער צוריקגעשטאַנענער מלוכה.

לאָמיר גיין כסדר און קודם כל איבערגעבען די וויכטיגסטע געזעצען, וואָס באַשיצען די אַרבייטערשאַפט אלס קאָלעקטיוו און דעם אַרבייטער אלס אַ יחיד.

די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך אין אירע סטאַטוטען פאַר אַ צוועק צו פאַרבעסערען די אַרבייטס־און לעבענס־באַדינגונגען פון אירע מיטגלידער (אַלזאָ: יוניאָן, אָדער ווי מען רופט זי אין רומעניע, „סינדיקאַט"), שטייט אונטער'ן שוץ פון געזעץ. דער אַרבייטס־מיניסטער און אַלע זיינע אָרגאַנען אין די איינצעלנע פּראַווינצען דאַרפען שטיצען און העלפען די סינדיקאַטען אין זייערע געזעצליכע שטרעבונגען. קיין באַלעבאָס טאָר נישט שטערן די אַרבייטער צו אָרגאַניזירען, טאָר נישט אָפּזאָגען קיין אַרבייטער פאַר'ן אַנשליסען זיך אין אַ סינדיקאַט. עס זיינען פאַרגעזען שטרענגע שטראָפען קעגען באַלעבאָטים פאַר מאַכינאַציעס צו צוברעכען סינדיקאַטען, נישט בלויז געלד־שטראָפען, נאָר אויך קרימינאַל שטראָפען!

יעדער סינדיקאַט איז באַרעכטיגט צו קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט די באַלעבאָטים. אין רומענישן געזעץ איז נישט פאַרגעזען — אַזוי ווי אין אַמעריקע — אַן אָפּשטימונג צווישען די אַרבייטער, מיט וועלכער די מאַיאָריטעט זאָל ערשט געבען דער יוניאָן דאָס רעכט אויף „באַרגעינינג." קיין קאָנקורענץ צווישען פאַרשידענאַרטיגע סינדיקאַטען איז אין רומעניע סיי ווי סיי אין ערגעץ נישט פאַראַן. דער סינדיקאַט פאַרהאַנדעלט אין נאָמען פון זיינע אָרגאַניזירטע מיטגלידער און דערצו איז ער באַרעכטיגט צו יעדער צייט. טרעפט זיך, למשל, אין אַ פאַבריק זיינען אָרגאַניזירט נאָר 10 פּראָצענט פון אַלע אַרבייטער, פאַרהאַנדעלט פונדעסטוועגען דער סינדיקאַט אין נאָמען פון אַלע אַרבייטער און ס'האָט קיינער נישט דאָס רעכט, נאָכצוקוקען אין די ביכער, צי זיינען די אַנדערע 90 פּראָצענט פאַרשריבען אלס אָרגאַניזירטע מיטגלידער צי נישט. נאָכ'ן זיגרייכען פאַרענדיגען פון אַ לוין־קאַמף ווערט אריינגענומען אין קאָלעקטיווען אָפּמאַך אַ פּונקט, אַז די פאַבריק טאָר נישט באַשעפטיגען קיין אַנדערע ווי נאָר אָרגאַניזירטע אַרבייטער; מוזען זיך במילא אָרגאַניזירען אויך די איבעריגע 90 פּראָצענט אַרבייטער.

ווען עס ווערט אָפּגעשלאָסען אַ קאָלעקטיווער אָפּמאַך, זיינען ביידע צדדים געבונדען אין זיינע באַשטימונגען און קיין שום אינדיווידועלע אָפּמאַכען האָבען נישט קיין געזעצליכע קראַפט, אויב זיי פאַרשלעכטערען די אַרבייטס־באַדינגונגען פון דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך; דאָס הייסט, קיינען מען נישט אַרבייטען לענגערע אַרבייטס־שטונדען אָדער פאַר אַ קלענערען לוין, אפילו אויב דער אַרבייטער אליין איז מסכים דערויף. דער סינדיקאַט איז באַרעכטיגט ארויסצושטעלען פאָדערונגען ביים געריכט (קאָורט) פאַר יעדען אַרבייטער. ער קען אַלזאָ צו יעדער צייט פאָדערען דעם קאָלעקטיוו־פיקסירטען מינימום לוין און באַצאָלונג פאַר די לענגערע אַרבייטס־שטונדען, לויט דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך, הגם דער אַרבייטער אליין האָט לכתחילה מסכים געווען אויף שלעכטע באַדינגונגען.

מיר מוזען דאָ נאָך צוגעבען, אַז עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע „אַרבייט־געריכטען", פאַר וועלכע עס ווערען פאַרגעבראַכט אַלע קאָנפליקטען צווישען אַרבייטער און באַלעבאָטים. די געריכטען ווערען צוזאַמענגעשטעלט פון מלוכה'שן (אין אַמעריקע וואָלט מען געזאָגט: „פעדעראַלן") ריכטער אלס פאָרזיצער, איין אַרבייטער און איין אונטערנעמער (באַלעבאָס) אלס „דזשוראָרס".

דאָס זיינען געזעצען, וואָס באַשיצען הויפּטזעכליך די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. פאַר'ן אַרבייטער אלס יחיד זיינען אויך פאַראַן אַ גאַנצע רייע געזעצען, פון וועלכע מיר דערמאָנען דאָ די וויכטיגסטע:

קינדער אונטער 16 יאָר טאָרען נישט אַרבייטען אין פאַבריקען.

פרויען טאָרען נישט אַרבייטען ביי נאַכט.

די אַרבייטס־צייט איז באַגרעניצט אין פאַבריקען צו 48 שעה אַ וואָך.

דער אַרבייטער טאָר נישט אָפּגעזאָגט ווערען פון דער אַרבייט פון היינט אויף מאָרגען, מען מוז אים „קינדיקען" (געבען נאָטיס) מיט 14 טעג פריער, און וויבאַלד ער איז „געקינדיגט", מוז אים דער באַלעבאָס געבען געוויסע אַרבייטס־שעה'ען פריי, כדי ער זאָל זיך גיין זוכן אַן אַנדער אַרבייטס־פּלאַץ, אין משך פון די 14 קינדיגונג־טעג.

ווען דער אַרבייטער ווערט קראַנק, מוז אים דער באַלעבאָס באַצאָלען דעם פולען לוין פאַר די ערשטע 7 טעג פון זיין קראַנקהייט.

נאָכ'ן אָפּאַרבייטען אַ גאַנץ יאָר אויף איין אַרבייטס־פּלאַץ, מוז דער באַלעבאָס געבען דעם אַרבייטער אַ באַצאָלטע וואַקאַציע פון 7 טעג. מיט יעדען יאָר אַרבייט אויף דעמזעלבען אַרבייטס־פּלאַץ, וואַקסט דאָס רעכט אויף באַצאָלטע וואַקאַציע־טעג ביז צום מאַקסימום פון 30 טעג.

ספּעציעלע פּריווילעגיעס האָבען די האַנדעלס־אַנגעשטעלטע: אַ גרעסערע באַצאָלטע וואַקאַציע און אַ גרעסערע קינדיגונגס־צייט, ווענדליג דער צייט, וואָס זיי אַרבייטען אויף דעמזעלבען אַרבייטס־פּלאַץ. די קינדיגונגס־צייט קען דערגרייכען אויך אַ גאַנץ יאָר (מאַקסימום).

מיר מוזען נאָך דערגאַנצען דאָס בילד מיט די וויכטיגסטע מלוכה'שע אינסטיטוציעס פאַר אַרבייטער:

די קראַנקען־קאַסעס זיינען אָבליגאַטאָרישע אינשורענס־אינסטיטוציעס פאַר אַרבייטער. זיי גיבען דעם אַרבייטער און זיין פאַמיליע פולע מעדיצינישע הילף אַבסאָלוט פריי, און נאָך די ערשטע 7 טעג — פאַר וועלכע דער באַלעבאָס באַצאָלט דעם פולען לוין — אַ קראַנקען־שטיצע, וואָס שטייט אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע (בערך 60 פּראָצענט) צום לעצטען פאַרדינטען לוין.

די „אַרבייטס־קאַמערען" זיינען געווילטע קערפּערשאַפטען אין אַלע גרעסערע צענטערען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַרבייטער־אינטערעסען: זיי קלייבען אויס די ריכטער („דזשוראָרס") פאַר די אַרבייטס־געריכטען, די פאַרוואַלטונגען פאַר די קראַנקען קאַסעס; זיי זאָגען ארויס זייער מיינונג וועגען פּראָיעקטירטע אַרבייטס־געזעצען, א. אַז. וו.

***

אָט דאָס איז בערך די געזעצליכע לאַגע פון'ם אַרבייטער קלאַס אין רומעניע. מען טאָר נישט זינדיגען: עס זיינען גוטע געזעצען און עס איז געוויס נישט מיינע

שיזם פון שטאַנדפּונקט פון זיין קלאַסען־אינהאַלט, עקזיסטירען צוויי פאַרשידענע מיינונגען וועגען דעם, וואָס זיין אמת'ער קלאַסען־אינהאַלט שטעלט מיט זיך פאָר.

איין שטאַנדפּונקט באַשטייט אויף דעם, אַז פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאָפּהענגיגע באַוועגונג פון דעם מיטעל־קלאַס און קליין־בורזשואַזיע.

אין דער באַהויפּטונג, אַז פאַשיזם איז אַ באַוועגונג פון דעם מיטעל־קלאַס און קליין־בורזשואַזיע איז זיכער פאַראַן אַ גרויסע מאָס אמת אין דעם זין, אַז זיין אורשפּרונג איז זיין באַגינען שפּראָצט ארויס פון מיטעל־קלאַס און קליין־בורזשואַזע עלעמענטען, אַז ער שטרעבט אין א גרויסער מאָס צו אַפּעלירען צום מיטעל־קלאַס, צום קליין־הענדלער, צום פּראָפעסיאָנאַל, אַז זיין באַשטאַנד נעמט זיך גרעסטענטיילס פון מיטעל־קלאַס, און באַזונדערס זיין פירערשאַפט, און אַז ער איז אינגאַנצען דורכגעזאָפּט מיט דער אידעאָלאָגיע פון מיטעל־קלאַס און קליין־בורזשוזיע אונטער די באַדינגונגען פון קריזיס.

דאָס אַלץ שטימט אינגאַנצען איין מיט דעם, וואָס איז גוט באַוואוסט וועגן פאַשיזם.

* * *

פאַשיזם ווערט אָבער אָפּט פאַרגעשטעלט ווי אַ באַוועגונג פון מיטעל־קלאַס אין דעם זין, אַז דאָס איז אינגאַנצען אַן אומאָפּהענגיגע מיטעל־קלאַס באַוועגונג, אַ „דריטע פּאַרטיי“, אינגאַנצען אומאָפּהענגיג סיי פון קאַפּיטאַל, סיי פון אַרבייטער־קלאַס, ווי אַן אָפּאָזיציע סיי צום אָרגאַניזירטען אַרבייטער־קלאַס, סיי צום גרויס־קאַפּיטאַל.

די פאַשיסטישע דיקטאַטור שטעלט מיט זיך פאָר, לויט דער דאָזיגער מיינונג, דאָס פאַרכאַפּן פון דער מאַכט פון דעם מיטעל־קלאַס אין אַן אָפּאָזיציע צום פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס האָט באַהערשט די פּאָליטישע מאַכט, איידער דעם זיג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור.

אין דעם זין ווערט דער זיג פון פאַשיזם אָנערקענט ווי אַ רעוואָלוציע.

און אין דעם זין וואָלט די דאָזיגע אָנערקענונג געווען באַרעכטיגט, ווייל יעדע דעראָבערונג פון דער מאַכט דורך גוואַלד פון איין קלאַס פון די הענט פון אַן אַנדער קלאַס — הייסט רעוואָלוציע.

דאָס שטימט, אָבער, שוין אינגאַנצען ניט איין — ניט מיט די אמת'ע קלאַסען־פאַרהעלטנישען פון פאַשיזם, און ניט מיט דעם אופן, ווי אַזוי דער פאַשיזם האָט זיין מאַכט דעראָבערט.

* * *

די פאַשיסטישע „רעוואָלוציע“ אין איטאַליע האָט מוסאָליני דורכגעפירט אין אַ לוקסוריעזען שלאָף־וואַגאָן.

דער איטאַליענישער קעניג האָט פאַקטיש אָוועקגעזעצט דעם איטאַליענישען פאַשיזם אין מאַכט, ווען ער האָט זיך אָנטזאָגט צו אונטערשרייבען אַ דעקרעט וועגען קריגס־צושטאַנד געגען פאַשיזם און האָט איינגעלאַדען מוסאָליני'ן צו איבערנעמען די מאַכט.

פאַשיזם האָט אין קיין לאַנד קיינמאָל ניט דעראָבערט די מלוכה־מאַכט געגען דעם ווילען פון דער הערשענדער בורזשואַזיע.

אין יעדען איינצעלנעם פאַל האָט די הערשענדע בורזשואַזיע פון אויבען אַוועקגעזעצט דעם פאַשיזם אין מאַכט.

נאָר צו דעקען די הוצאות פאַר דעם קאַמפּיין פון די פּרעזידענט־וואַלען אין דייטשלאַנד אין יאָר 1932 האָט דער מולטי־מיליאָנער טיסען בייגעשטייערט פאַר די נאַציס מער ווי דריי מיליאָן מאַרק אין משך פון אַ פּאָר טעג.

אָן יענע פאַנטאַסטישע מיטלען, וואָס היטלער האָט באַזעסען, וואָלט ער קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד דורכצופירען זיין גוואַלדיגע אַגיטאַציע אין די יאָרען 1930—1933.

* * *

פאַשיזם, מאַכענדיג אין אָנהויב אַן אָנשטעל פון אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אום צוצוציען די מאַסען, איז אין גרונט גענומען אויפגעבראַכט און אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דער בורזשואַזיע, פון די גרויסע לאַנד־אייגענטימער, פינאַנסירען און אינדוסטריאַליסטען.

עס איז קלאָר, אַז דער שטאַנדפּונקט, אַז פאַשיזם איז אַ קליינבירגערליכע רעוואָלוציע געגען דער גרויס־בורזשואַזיע איז פאַלש און שטימט אינגאַנצען ניט איין מיט די פאַקטען.

די גרויס־בורזשואַזיע איז ווייט ניט אַזוי נאַריש צו פינאַנסירען מיט קאָלאָסאַלע געלט־סומען אַ באַוועגונג פאַר דעם פאַרגעניגען אָפּצוטרעטען איר פּאָליטישע איבער־הערשאַפט.

ניט נאָר שטערט דער דאָזיגער פאַלשער באַגריף צו פאַרשטיין דעם אמת'ן כאַראַקטער פון פאַשיזם, נאָר ער איז, אחוץ דעם, באַזונדערס שעדליך פון שטאַנדפּונקט פון אַ זיגרייכען קאַמף געגען אים.

עס איז גענוג אַפילו אין אַלגעמיין זיך צו באַקאַנען מיט דער אמת'ער געשיכטע, אַנטוויקלונג, סאָציאַלער באַזע און פּראַקטיק פון פאַשיזם, אום צו באַשטעטיגען די דאָזיגע מיינונג.

די אָפּענע און איבערגעבענע שטיצער פון פאַשיזם אין יעדער לאַנד זיינען די פאָרטרעטער פון גרויס־קאַפּיטאַל.

* * *

וואָס איז דער אמת'ער קלאַסען־באַזיס, די אמת'ע קלאַסען־פאַרהעלטנישען, אין וועלכע עס אַנטוויקעלט זיך און פונקציאָנירט דער פאַשיזם?

פאַשיזם איז דער אינסטרומענט פון דעם היינטיגען מאָדערנעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, זיין שאַרפסטער וואָפען, וואָס אַנטוויקעלט זיך און פונקציאָנירט דורכאויס אין די אומבאַשרענקטע אינטערעסען פון דעם דאָזיגען קלאַס.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל נוצט אויס, מיט דער הילף פון דעם פאַשיזם, די שטיצע פון דעם מיטעל־קלאַס, פון דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט און דעמאָראַליזירטע עלעמענטען פון אַרבייטער־קלאַס, יאין זיינע אייגענע אינטערעסען.

איינשטעלענדיג אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור נעמט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל ארויס די מאַכט פון איין האַנט און גיט זי איבער צו אַן אַנדער האַנט.

ניט נאָר גייט די מאַכט ניט איבער צו א נייעם קלאַס, נאָר איינשטעלענדיג אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור ווערט די מאַכט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל ניט אין אַן ערך שטאַרקער און אויך ברוטאַלער, באַנוצענדיג אָפען די שרעקליכסטע מיטלען פון אומדערהערטען פּאָליטישען טעראָר.

דאָס דאָזיגע פאַרשטאַרקען און צעמענטירען דורך בלוט און אייזען אירע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, טונגען, איר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איבערהערשאַפט איבער אַלע אַנדערע קלאַסען אין דער געזעלשאַפט רופט די בורזשואַזיע אַן מיט דעם נאָמען „רעוואָלוציע“.

* * *

ניט נאָר פאַרבלייבען אַלע קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכען אומבאַריראַבאַר אונטער דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, נאָר זיי אַנטוויקלען זיך אומבאַשריינקט ווייטער.

זיי אַנטפּלעקען זיך אָפען אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט — אין דער נאַקעטקייט פון אַן אָפענעם בירגער־קריג.

די אָרגאַניזאַציע פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה שטיצט זיך דעמאָלט אויפ'ן פונדאַמענט פון אַ באַשטענדיגען בירגער־קריג.

די פאַשיסטישע מלוכה איז אַ געזעלשאַפט, וואָס איז אין אַ צושטאַנד פון מלחמה מיט זיך אַליין.

פאַשיזם קען בשום אופן ניט אנטשיידען די הערשענדע סאָציאַלע פּראָבלעמען.

פאַשיזם איז נאָר אַ מיטעל פון קאַפּיטאַליסטישער קלאַסען־הערשאַפט אונטער די באַדינגונגען פון זיין אונטערגאַנג.

* * *

די פאַבריקען פון די אַמעריקאַנער הויפּט־אינדוסטריען זיינען מער ווי גענוג צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון דער גאַנצער וועלט — אַפילו ווען די מייסטע פאַבריקען אין אַלע לענדער זאָלען זיך אינגאַנצען צומאַכען.

דער וואוקס פון דער מעכאַנישער קראַפט אין גאָר דער וועלט האָט דערגרייכט די גרויס פון 1 ביליאָן 500 מיליאָן פערד־קראַפט.

דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט סטואַרט שטייס אין זיין בוך „מאַשינען און מענשען“ האָט אויסגערעכענט, אַז די מאַשינען־קראַפט פון גאָר דער וועלט שטעלט מיט זיך פאַר די קראַפט פון 9 ביליאָן מענשען, דאָס הייסט, אַז עס וואָלט געקלעקט פאַר יעדען מאַן, פרוי און קינד אין גאָר דער וועלט צו האָבען 5 שקלאַפען.

מיט די מיטלען, וואָס די וויסענשאַפט באַזיצט, וואָלט געווען מעגליך צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון אַלע מענשען פון גאָר דער וועלט אין שפּייז, וואוינונגען און קליידער — מיט דער אַרבייט פון איין שעה אין משך פון אַ גאַנצער וואָך.

דאָס איז לויט די אויסרעכענונגען פון יאָר 1918.

לויט די אויסרעכענונגען פון יאָר 1932, וואָלט געווען גענוג נאָר אַ האַלבע שעה אַרבייט אַ וואָך.

ווען 200 פון די 1,357 שוך־פאַבריקען אין אַמעריקע זאָלען אַרבייטען פולע צייט וואָלטען זיי געקאָנט באַפרידיגען דעם גאַנצען נאָכפרעג — אַזוי אַז די איבעריגע 1,157 פאַבריקען וואָלט מען געקאָנט צומאַכען.

דאָס זעלבע מיט קוילען. פון 6,057 קוילען־מיינס — וואָלט געקלעקט 1,487, אום צו פּראָדוצירען די נויטיגע צאָל קוילען.

און צו גלייכער צייט איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אַפילו ווען די פּראָדוקציע אין אַמעריקע זאָל דערגרייכען די הויך פון פאַר דעם קריזיס — וועט אַלץ ניט זיין קיין אַרבייט פאַר 45 פּראָצענט פון די אַרבייטסלאָזע.

פאַר וואָס זאָל דער דאָזיגער, כמעט אומבאַגרענעצטער וואוקס פון די פּראָדוקציע־כחות און די מעגליכקייט פון אַן אַלגעמיינער שפע ברענגען צו אַן אַלגעמיינער פּאַראָרימטקייט, צו אַן אַלגעמיינער דערנידערונג פון לעבענס־סטאַנדאַרד?

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס שטעלט זיך פאַר דער מענשהייט פון גאָר דער וועלט אין דעם איצטיגען מאָמענט.

דאָס איז אַ פראַגע פון לעבען און טויט פאַר דער באַפעלקערונג פון 19 הונדערט מיליאָן מענשען אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

און דאָס איז אַן אויסדרוק פון דעם געוואַלדיגען ווידערשפּרוך צווישען דער הויכער מדרגה פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־כחות (טעכניק) אין דער היינטיגער צייט און פון די אָפּגעשטאַנענע געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס־סיסטעם.

אַנצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער אָפּגעשטאַנענער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אונטער די באַדינגונגען פון דעם דאָזיגען ווידערשפּרוך — איז דער אמת'ער אינהאַלט פון פאַשיזם.

* * *

דערפון די געגנערשאַפט און פיינדשאַפט פון פאַשיזם צו ווייטערדיגער טעכנישער אַנטוויקלונג.

דערפון זיין פּראַקטישע שטרעבונג — צוריק צום מיטעלאַלטער, צוריק צום האַנדווערק.

דאָס איז דער ענדגילטיגער לאָגישער אויספיר אין איינער פון די פאַרטגעשריטענסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונטער פאַשיזם.

די דאָזיגע טענדענץ ווערט אין פאַשיסטישען דייטשלאַנד זייער שטאַרק אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט און ווערט אָפיציעל דערמוטיגט פון דער רעגירונג.

די רעגירונג פון טירינגען האָט אין יולי 1933 פאַרבאָטען דאָס באַנוצען פון מאַשינען אויסצואַרבייטען גלאָז.

די דייטשע פּרעסע האָט דעם דאָזיגען באַשלוס קאָמענטירט אויף פאָלגענדען אופן: „דאָס איז דער ער־

זיך פּשוט ניט רירען, מ'קען אפילו אַ שפּילקע ניט אַריינוואַרפען.

אויפ'ן האַדסאָן איז געוויינליך דאָ אַ גאַנץ געשמאַקער ווינטעל, יענעם אָוונט אָבער האָט אימיצער דעם ווינט צוגענומען און פאַרשלאָסען. איך האָב אים געזוכט אויף אַלע דעקען, פון פאָרענט און פון הינטען, איך האָב אָבער קיין זוך פון אים ניט געפונען.

מיט דער הילף פון דעם זייער פייהיגען ברודער ב. האָבען מיר ביידע זיך דערשלאָגען צום באַר, און פאַר צוואַנציג סענט האָט מען אונז דערלאַנגט צוויי זייער קורצע, דיקע און שווערע גלעזער, וועמעס איינווייניג איז געווען אָנגעפילט מיט אַ קלאָרען ווייסען שוים, און אונטען אויפ'ן דעק האָט זיך געזען אַ טונקעל ברוינע פליסיגקייט, וועלכע מיר האָבען גלייך דערקענט אַז דאָס איז ביר. מיר האָבען עס צוגעטראָגען צום נאָז און אַ שמעק געטאָן, און נאָך אַ היבשען קאַמף מיט דעם ווייסען שוים האָבען מיר זיך דערגרונטעוועט צו דעם זופּ ביר וואָס איז געווען אויפ'ן דעק.

טרינק וואַסער איז אויך געווען אויפ'ן שיף, אָבער דאָרטען איז געשטאַנען אַזאַ ריה, אַז איך האָב באַשלאָסען, בעסער וואָרטען אויף משיח'ן ווי אויף אַ נעקסט אין יענער ריה.

די שיף האָט געזאָלט גיין ביז בער מאָונטיינס, אָבער דער אל רחום האָט זיך אַריינגעמישט, אַז עפּעס זאָל אויף דער שיף קאַליע ווערען און דער קעפּטיין האָט ביים דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק איר אויסגעקירעוועט אויף צוריק. און שוין פון דעם געדאַנק אַליין, אַז מ'פאָרט צוריק און אַז אין גיכען וועט מען אַרונטער און מ'וועט פּטור ווערען פון דער דאָזיגער שטיקעניש און מ'וועט מער ניט האַקען די זייטען און מ'וועט קענען טרינקען אַ קאַפּע קאַפּע, איז געוואָרען לייכטער אויפ'ן האַרצען און עס האָט געגעבען כח און מוט אויסצוהאַלטען די קומענדע שטונדע און אַ האַלב עקסקירשאַן.

בילדער־אלבאם פון דער אינטערנעשאנאל־געשיכטע

טמען באלד א באזונדערען בוך. אין א צייטונגס־ארטיקעל קען עס ניט געטאן ווערען.

דאנק און לויב פון רעגירונגס־מענשען

פירער פון דעמאקראטישע רעגירונגען זיינען געווײנליך מבינים אויף דער ווירקונג וואס געוויסע געדרוקטע מאטעריאלען האבען אויף מענשען. זייער פראפעסיע מאכט עס נויטיג פאר זיי צו פארשטיין די פסיכאלאגיע פון מענשען און וויסען וואס עס מאכט אויף זיי א גוטע אדער א שלעכטע ווירקונג. מיר ווילען דא דעריבער געבען עטליכע אויסצוגען פון בריף וואס פרעזידענט דובינסקי האט ערהאלטען פון רעגירונגס־פארשטעהער וועגען דעם בילדער־בוך.

פון פרעזידענט רוזוועלט

פרעזידענט רוזוועלט׳ס פריוואט־סעקרעטער האט צוגעשיקט פאלגענדען בריף:

„דער פרעזידענט בעט מיך אויסצודריקען זיין העפליכע אנערקענונג פון דעם פריינדליכען גייסט וואס האט אייך באוואוינען צו פרעזענטירען די פראכטפול־געבונדענע קאפיע פון דער געשיכטע פוו דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן״.

(אונטערגעשריבען)

מ. ה. לעהאנד

פריוויט סעקרעטער צו פרעז. רוזוועלט.

פון גאווערנאר לעהמאן

„... עס איז פראכטפול ארויסגעגעבען און איז זייער אינטערעסאנט. איך בין זייער צופרידען צו האלטען עס אלס טייל פון מיין פערמאנענטער זאמלונג.

פון מעיאר לא גווארדיא

„אן אמת אויסגעצייכענטער בילדער־איבערבליק פון אייער ארגאניזאציע. איך האב עס דורכגעקוקט מיט גרויס אינטערעס און איך שיק עס אריבער צו דער שטאטישער רעפערענס־ביבליאטעק פאר זייערע באשטענדיגע פיילס״.

פון דעם הויפט פון דער ארבייטס־ביורא ביי דער ליג או ניישאנס

„... אין דעם קורס פון מיין קאריערע, האב איך געזען פילע עקזעמפליארען פון פראפאגאנדא מאטעריאל, אבער אן איבערטרייבונג, איך האב קיין מאל ניט געזען עטוואס אזוי פראכטפול אין צוזאמענשטעל אזוי גוט ווי אין דער ארויסגעבונג ווי דער אלבאם. איך האב דורך דער צייט פון דער קאנפערענץ געהאט די געלעגענהייט צו ווייזען דעם בוך צו פארשיידענע פריינד און זיי אלע האבען אויסגעדריקט די גרעסטע באוואונדערונג פאר דער נייער און זעלטענער פארמע פון פראפאגאנדא.

(אונטערגעשריבען) א ד ס ט א א ל,

הויפט פון דער ארבייט ארגאניזאציאנס דינסט

אינטערנאציאנאלער ארבייטס אמט.

לויב געזאנגען פון ריכטער

פארשיידענע ריכטער האבען אויסגעדריקט באוואונדערונג פאר דעם בילדער בוך פון דער אינטערנעשאנאל. מיר גיבען דא אויסצוגען בלויז פון עטליכע.

פון סופרים קאורט דזשאסטיס בראנדעיס

„לאזט מיר אייך דאנקען פאר אזא אויפמערקזאמקייט אין שיקען מיר דעם בילדער־בוך״.

מיט בעסטען וואונש, העפליך

לואיס ד. בראנדעיס.

פון דזשאדזש האקענבורג

„... א זייער וויכטיגער דאקומענט פון דער געשיכטע און ענטוויקלונג פון דער טרייד יוניאן באוועגונג. איך האב עס דורכגעקוקט מיט פיל אינטערעס און איך גיי עס אוועקשיקען צו דער אמעריקאנער אפטיילונג פון דער אוניווערזיטעט־ביבליאטעק אין פראג וואוהין איך שיק א היבשע ביסעל אמעריקאנער ביכער. איך ווייס אז פילע סטודענטען פון פאליטישער עקאנאמיע אין דעם 600 יאר אלטען פלאץ פון לערנען וועלען האבען פארגעניגען און נוצען פון שטודירען דעם בילדליכען רעקארד פון די גרויסע דערגרייכונגען פון אייער ארגאניזאציע

פרעדעריק י. האקענבורג

קאורט או ספעשעל סעשאנס.



פון ארבייטער פירער און ארגאניזאציעס

לויב געזאנגען און דאנק בריף זיינען אנגעקומען צו פרעזידענט דובינסקי פון וואלטער סיטרין, גענעראל סעקרעטער פון טרייד יוניאן קאנגרעס, און ערנעסט בעווין, גענעראל סעקרעטער פון דער טראנספארט ארבייטער יוניאן פון ענגלאנד, און פון דזש. ס. מידעלסאן, סעקרעטער פון דער ענגלישער לייבאר פארטי; פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון טראנספארט ארבייטער פון אמסטערדאם; פון האי פאנג טשענג, פון אינטערנאציאנאלען ארבייטס אפיס פון שאנכאי, וועלכער שרייבט: „אינטערעסאנט און באלערענד. זייער, זייער פראכטפול ... ״; פון רעי פארלעט, פון אינטערנאציאנאלען ארבייטס אפיס אין זשענעווע; פון ב. פריינק בענעט, פרעזידענט פון דער אייזען און שטאל ארבייטער יוניאן; פון ו. וואן אכטערבערג, סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון בוי און האלץ ארבייטער פון אמסטערדאם, וועלכער שרייבט: „דער זייער אינטערעסאנטער און אויסערגעווײנליכער בוך איבער דער בילדליכער געשיכטע פון אייער ארגאניזאציע איז א ווערטפולע בארייכערונג פון אונזער ביבליאטעק און עס קומט אייך און אייערע מיטארבייטער אויפריכטיגע קאמפלימענטען פאר ארויסגעבען עס, סיי פאר דעם אינהאלט און סיי פאר דער פארמע״; פון וואלטער שוועגעלס, גענעראל סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון טרייד יוניאנס; פון האמער מארטין, פרעזידענט פון דער אויטאמאביל ארבייטער אינטערנעשאנאל; פון דזשאזעף ג. וועבער, פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו מיוזישאנס, און פילע אנדערע.

פון געלערטע, שרייבער און קריטיקער

פונקט ווי די רעגירונגס מענשען, כלל־טוער און ארבייטער פירער און ארגאניזאציעס, אזוי איז אויך די אויפנאמע וואס דער בילדער־בוך האט געקראגען פון שרייבער, פובליציסטען, קריטיקער און געלערטע אויסערגעווײנליך. פילע צייטשריפטען האבען געווידמעט גאנצע קאלומס און עדיטאריעלס צו דעם בוך און אים געלויבט מיט די גליהענדסטע ווערטער. מיר ווילען דא בלויז בריינגען אייניגע אויסצוגען.

דזש. ע. עטקינסאן אין „טאראנטא סטאר״ שרייבט: „עס איז אן איינדרוקספולע שטיק דרוק־ארבייט און מאלט אויף א ווירקזאמען אופן די ענטוויקלונג פון דער ארגאניזאציע און די וואוילשטאנד־טעטיגקייטען וואס איז אונטערגענומען געווארען פאר דעם נוצען פון די מיטגלידער ...״

סידני ר. עליאט, פון „רעינאלדס ניוס״, לאנדאן, ענגלאנד: „... עס דערציילט א דראמאטישע געשיכטע אין א באצויבערענדען וועג. איך וועל עס זיכער איבערגעבען צו דעם איינדרוקספולען רעקארד פון אונזער ארגאניזאציע.

מאנטשעסטער באדדי, דער פאבלישער פון „לאס אנדזשעלעס דעילי ניוס״, שרייבט: „... א פראכטפולער בוך. ערלויבט מיר אייך צו באגריסען, ניט נאר פאר דער שיינקייט און קראפט וואס עס ענטהאלט, נאר אויך פאר דעם פראגרעס און פעסטקייט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, פאר וועלכע דער בוך איז דער בעסטער באווייז. איך האב עס איבערגעגעבען צו דער ביבליאטעק פון אונזער צייטונג פאר זייער רעפערענס און ארכיוו.

דזש. פ. מילער, פון נאציאנאלען ראט פון ארבייטער־אוניווערזיטעט אין ענגלאנד: „א זעלטען שיינער אלבאם. בילדונג פאר באפרייאונג״.

ענליכע מיינונגען זיינען אויך אויסגעדריקט געווארען פון פראפעסאר וויליאם ה. קילפאטריק, פון טיטשערס קאלעדזש קאלאמביא יוניווערסיטי; פון ראדזשער באלדווין; פון רעווערענד דזשאהן א. רייען פון דער „נעשאנאל קאטאליק וועלפעיר קאנפערענס„; פון דער סעקרעטערין פון דער „יאנג ווימען קריסטשיען אסאסיאיישאן״ פון קליוולאנד און פון הונדערטע אנדערע וועמען דער פלאץ ערלויבט ניט אלעמען אויסצורעכענען.

אט דאס איז אין קורצען דער נייער אויפטו פון דער אינטערנעשאנאל אויף איר פיאנערען וועג אין דער טרייד יוניאן באוועגונג. די ווירקונג וועט זיין פיל גרעסער פון דעם בילדער אלבאם ווי פון פילע דיקע שווערע ביכער, ווייל דער אלבאם רעדט ניט בלויז צום מוח, צום געדאנק, נאר אויך און הויפטזעכליך צום אויג און צום הארצען. דעם בוך קען מען ניט פארגעסען״.

גרויס קרעדיט פאר׳ן בוך קומט מאקס דעניש, רעדאקטאר פון „דזשאסטיס״, וועלכער האט דעם בוך רעדאגירט; צו עדמונד מארעין, וועלכער האט דעם אלבאם דעזיינד און אויסגעשטאט, און צו הערי קאהען, וועלכער האט פיל מיטגעהאלפען אין קריגען און אויסקלייבען די בילדער און אראנזשירען זיי אין אזא קינסטלערישען וועג.

א שאד בלויז וואס אזוי וועניג קאפיעס זיינען געדרוקט געווארען. פון די צוויי אויפלאגען וואס מען האט ביז איצט אפגעדרוקט איז שוין כמעט קיינע ניט געבליבען. דער בוך האט געדארפט פיל ברייטער פארשפרייט ווערען. עס איז א ווערטפולער בייטראג צו דער ארבייטער־ליטעראטור.

דער בילדער־בוך פון דער אינטערנעשאַנאַל רופט ארויס באַוואונדערונג איבעראַל

פון ש. פאַרבער

דען דער צוקונפטיגער היסטאָריקער פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג וועט וועלען אין קורצען כאַראַקטע־ריזירען די אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, וועט ער איר וואָרשײנליך באַצײכענען אַלס די „פּיאָנערען יוניאָן". די יוניאָן וואָס האָט אין גאָר פילע הינזיכטען אויסגעטראָטען נײע וועגען פאַר דער אַרבײטער באַוועגונג, אין פאָרמען פון קאַמף, אויפ'ן געביט פון בילדונג, אין די פאַרהעלטניסען און באַציהונגען מיט די אַרבײטס־געבער, אויפ'ן געביט פון פאַרהיטען דאָס געזונד פון די מיטגלידער, און פון פילע אַנדערע הינזיכטען.

די אינטערנעשאַנעל איז געווען די ערשטע גרויסע יוניאָן פון אימיגראַנטען אַרבײטער אין אַמעריקע. ווען אַלע האָבען געגלויבט אַז די אימיגראַנטען אַרבײטער זײנען אַן אונאָרגאַניזירבאַרער עלעמענט, אַן עלעמענט וואָס האָט איבערהויפּט ניט קײן אַרבײטער פּסיכאָלאָגיע, אַן עלעמענט וואָס באַשטײט צום גרעסטען טײל פון געוועזענע ווינט־מענשען, וועלכע קוקען אויפ'ן שאָפּ ווי אויף אַ צײטווײליגער צרה פון וועלכער מען מוז זיך וואָס גיכער באַפרײען און ווערען אַ פּעדלער אָדער אַ קענדי סטאָרקיפּער, האָט די אינטערנעשאַנעל, אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך אָרגאַניזירט, באַוויזען, אַז אויך דער אידישער אַרבײטער, דער אימיגראַנט קען אָרגאַניזירט ווערען און זײן אַ געטרײער, איבערגעבענער יוניאָן מאַן.

די אינטערנעשאַנעל איז אויך געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירען פרויען אַרבײטער אין גרויסע מאַסען אין טרײדס וואו פרויען זײנען אַ מערהײט. „דער אויפשטאַנד פון די 20 טויזענד", ווי מען רופט דעם ווייסט מאַכער סטרײק פון 1909, האָט באַוויזען, אַז די מעשה אַז פרויען אַרבײטער קענען ניט אָרגאַניזירט ווערען אין שטאַרקע, דויערהאַפטע יוניאָנס איז פּונקט אַזוי פאַלש ווי די באַהויפּטונג אַז אימיגראַנטען אַרבײטער קען מען ניט אָרגאַניזירען.

עס איז געווען די אינטערנעשאַנעל, וועלכע האָט באַשאַפען דעם „פּראָטאָקאָל" אין 1910 און האָט דערמיט אָנגעהויבען אַ נײע בלעטעל אין די באַציהונגען צווישען אָרגאַניזירטע אַרבײטער און אָרגאַניזירטע אַרבײטסגעבער. די אינטערנעשאַנעל איז געווען דער פּיאָנער וואָס איז באַטראָטען אַ וועג, וועלכען כמעט אַלע יוניאָנס אין אַמעריקע האָבען זינט דאַן נאָכגעפאָלגט און אָהן וועלכען עס איז אַ גרויסער ספק, אויב די מעכטיגע יוניאָנס וואָס מיר האָבען היינט וואָלטען מעגליך געווען.

די אינטערנעשאַנעל איז געווען דער פּיאָנער אויפ'ן געביט פון אַרבײטער בילדונג און פאַרווײלונג אין אַמעריקע מיט איר ריזיג־פאַרצווײגטער בילדונג טעטיגקײט פון דעם עדיוקײשאַנעל דעפּאַרטמענט; מיט די פאַרווײלונגס־מעגליכקייטען פון פאַרשידענע ספּאָרט אונטערנעמונגען; מיט אירע יוניטי הייזער און זומער פּלעצער; מיט אירע קולטור אויפטואונגען אויפ'ן געביט פון מוזיק, טעאַטער און קונסט; אויפ'ן געביט פון מעדיצין און היגיענע דורך איר יוניאָן העלטה סענטער, וועלכען אַנדערע יוניאָנס הויבען איצט אָן איינצוזען די וויכטיגקייט און פאַנגען איר אָן נאָכצוטאָן; מיט איר פּרעסע אין עטליכע שפּראַכען און אין פילע, פילע אַנדערע הינזיכטען.

צו דעם לאַנגען צעטעל פון פּיאָנערען אַרבייט וואָס די אינטערנעשאַנעל האָט געטאָן דורך די זיבען און דרייסיג יאָר זינט זי עקזיסטירט, האָט זי דאָס יאָר אויפגעטאָן ווידער עטוואָס נייעס אויף אַן אַנדער געביט, וועלכעס איין יוניאָן האָט שוין נאָכגעטאָן און פילע אַנדערע וועלען פאַרשיינליך נאָכטאָן. איך מיין דערמיט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנעל אין בילדער, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט און ארויסגעגעבען געוואָרען אין אַ באַגרעניצטער צאָל קאָפּיעס צו דער קאָנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנעל אין מאַי.

ווי יעדער וויכטיגער אויפטו, שיינט דער בילדער־בוך צו זיין אַזוי איינפאַך, אַז יעדער, דוכט זיך, האָט זיך געקענט דערטראַכטען צו דעם. אין דער אמת'ן, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסער טויפטו? גענומען פאָטאָגראַפישע בילדער און צייכענונגען פון פאַרשידענע עפּיזאָדען פון דער געשיכטע פון דער יוניאָן, פון די קאַמפען, סטרייקס, פּיקעטליינס, קלאַסען, פייערונגען און אַנדערע, זיי אויסגעשטעלט אין אַן אַרטיסטישער פאָרמע, צוגעשריבען קורצע קעפּלאַך און עס אָפּגעדרוקט אין אַ בוך. אין דער אמת'ן אָבער איז עס פיל מער דערפון. עס איז אַ נייער וועג, אַ נייער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג צו באַקענען די מיטגלידער און אַנדערע, מיט דער גלאָררייכער געשיכטע פון אַ גרויסער, מעכטיגער יוניאָן. מיט איר קאַמף און ענטוויקלונג, מיט אירע אויפטואונגען און דערגרייכונגען דורך דעם משך פון פיר צענדליג יאָר, און דאָס אַלעס מאַכען אַזוי גרינג און אַנציהענד, און גלייכצייטיג אַזוי איינדרוקספול אַז עס זאָל זיך איינקריצען אין זכרון אויף דור דורות אָהן אָנשטרענגונג. די געשיכטע, וועלכע אויף דעם געוויינליכען אופן וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען אַ בוך פון עטליכע בענדער, וועלכען איינער וואָס וויל זיך באַקענען דערמיט וואָלט דאַרפען פאַרברענגען שעה'ן און טעג אין לייענען און שטודירען, איז דורך די בילדער און דורך דעם איינדרוק וואָס בילדער לאָזען איבער אויפ'ן אויג און מאַרך, קאָנדענסירט געוואָרען אין בלויז 66 זייטען פון שיינע, אַרטיסטיש־אויסגעשטעלטע בילדער, וועלכע רייסען מיט און קריצען זיך איין אין זכרון אָהן אָנשטרענגונג. אַ בוך איז בלויז צוגענגליך צום סטודענט, צום מענשען מיט צייט, געדולד און נייגונג צו לייענען. דער בילדערבוך איז אָבער צוגענגליך פאַר יעדען מענשען ווי ווייניג צייט ער זאָל ניט האָבען, ווי ווייניג געדולד ער האָט. דער שטודיום פון דער רייכער געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנעל איז דורך דעם בילדער בוך פאַרוואַנדעלט געוואָרען פון אַן ערנסטער אָנשטרענגונג אין אַ פאַרגעניגענדען צייט־פאַרטרייב. דאָס איז זיכער אַ גרויסער אויפטו.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס דער בילדער־בוך פון דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט געמאַכט אַזאַ פוראָר אין אַלע קרייזען, ניט נאָר אין אַמעריקא נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. באַגריסונגען, דאַנק בריף און וואַרימע לויב געזאַנגען קומען אָן פון מענשען פון אַלערליי שטאַנדען. פון די הויכע רעגירונגס־פאַרשטעהער ווי פּרעזידענט רוזוועלט, ריכטער בראַנדעיס, גאָווערנאָר לעהמאַן, פון דעם הויפּט פון אַרבייטס־אַמט ביי דער ליג אָוו ניישאַנס און צענדליגע אַנדערע פון אייראָפּע און אַזיע, ביז צו קולטור־טוער, אינטעלעקטואַלען, קריטיקער, אַרבייטער פירער און מענשען פון אַלערליי שטאַנדען. אַלע וואָס האָבען דעם בוך געקראָגען אָדער געזען קענען זיך ניט אָפּלויבען גענוג איבער דעם גרויסען אויפטו, די שיינקייט פון דעם בוך און זיין ניצליכקייט. איין יוניאָן, ווי דערמאָנט, האָט שוין אַפילו אונטער דעם איינפלוס פון דעם בילדערבוך אויך ארויסגעגעבען אַזאַ געשיכטע אין בילדער פון איר אייגענער אָרגאַניזאַציע. די יוניאָן איז די מאַרין אַרבייטער יוניאָן פון פּאַסיפיק וועלכע האָט ארויסגעגעבען אַ בוך מיט בילדער פון די סטרייקס וואָס זי האָט אָנגעפירט. אַ צווייטע יוניאָן, די לאַמבער אַרבייטער פון דער וויטער וועסט, וועלכע האָבען זיך דאָ ניט לאַנג אָפּגעריסען פון דער בראָדערהוד אָוו קאַרפּענטערס און זיך אָנגעשלאָסען אָן דער סי. אַי. אָ., פּלאַנעוועט אויך אין גיכען ארויסצוגעבען אַזאַ בוך.

צו געבען דעם אידישען לעזער אַ שטיקעל באַגריף פון דער אויפנאַמע וואָס דער בילדער־בוך פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט געקראָגען אין די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע קרייזען איז ווערט צו. געבען עטליכע אויסצוגען פון דעם וואָס באַרימטע מענשען שרייבען וועגען בוך. נאַטירליך, וועלען מיר זיך מוזען באַנוגענען בלויז מיט אַ קליינעם טייל און בלויז מיט גאַנץ קורצע אויסצוגען פון די גרויסע לויב־געזאַנגען וואָס קומען אָן צו פּרעזידענט דובינסקי אין פּריוואַטע בריף און פון די איבערזיכטען פון קריטיקער אין דער פּרעסע איבער'ן בוך. דרוקען זיי אַלע אין פול וואָלט וואַרשיינליך פאַר־

אַ פּאַטריאָטישע איבערטרייבונג, ווען איך האָב אויבען געזאָגט, אַז רומעניע האָט איבערגעיאָגט אַמעריקע אויפ'ן געביט פון סאָציאַל־פּאָליטישער געזעצגעבונג.

כדי מען זאָל אָבער קיין טעות נישט האָבען וועגען דעם לעבען פון די אַרבייטער־מאַסען אין רומעניע, כדי קיינער זאָל זיך חלילה נישט מתקנא זיין אין זיי, מוז איך זיך איילען צוצוגעבען צום געזעצליכען בילד עטליכע קורצע שטריכען וועגען דעם פּאַקטישען לעבען פון די אַרבייטער אין רומעניע.

מען טאָר נישט פאַרווערען די אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען, אָבער — אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, למשל, פירען די באַלעבאַטים „שוואַרצע ליסטען" און ווער עס וואַגט, צוצוטרעטען צום סינדיקאַט, פאַרלירט דעם אַרבייטס־פּלאַץ און קען קיין צווייטען נישט געפינען.

פרויען־אַרבייט איז פאַרבאָטען ביי נאַכט, אָבער — אומעטום, וואו מען באַנוצט זיך מיט ביליגער פרויען־אַרבייט, אַרבייטען זיי ביי טאָג און ביי נאַכט.

קינדער אַרבייט איז אינגאַנצען פאַרבאָטען, אָבער — אין די גלאָז פאַבריקען, למשל, אַרבייטען קינדער אין שול־עלטער ביי אויוועגס מיט אַ מערדערישער היץ.

די אַרבייטסצייט איז אַ באַגרעניצטע מיט 48 שעה אַ וואָך, אָבער — מען אַרבייט וויפיל די כוחות דערלאָזען נאָר און דער באַלעבאָס טוט נאָך אַ „טובה" דערמיט, ווייל מען אַרבייט „פון שטיק" און מען פאַרדינט מערער (אגב: 3 דאָלער אַ וואָך רעכענט זיך פאַר אַ שיינעם פאַרדינסט ביי אַ פאַבריק־אַרבייטער). פון מיין רייכער דערפאַרונג אלס אדוואָקאַט פון יוניאָנס וואָלט איך ספּעציעל צום קאַפּיטעל „אַרבייטס צייט" געקענט דערציילן ממש שוידערליכע פאַקטען פון פייניקען אַרבייטס־מענשען.

נאָר איין פאַל וויל איך דאָ איבערגעבען: אַ 19־יאָריגער אַרבייטער קלאָגט זיין באַלעבאָס פאַר „אָווערטאַים" פון די לעצטע דריי יאָר, בשעת וועלכע ער האָט געאַרבייט אין דורכשניט צו פינף־און־אַכציג שעה אַ וואָך. אָט ווי אַזוי: מאָנטאַג ביי טאָג, ביינאַכט און דינסטאָג ביי טאָג איז ביי אים געווען א י י ן „אַרבייטסטאָג" פון 30 ביז 32 שעה (4 ביז 6 שעה אָפּרו־פּויזעס), דאָס אייגענע מיטוואָך ביי טאָג, ביינאַכט און דאָנערשטאָג ביי־טאָג. דעם רעשט האָט ער געאַרבייט פרייטאָג און שבת.

פאַרשידענאַרטיגע מיטלען ווענדען אָן די באַלעבאַטים געגען קאָלעקטיווע אָפּמאַכען. וואָס ס'איז שייך די געזעצליכע וואַקאַציע צייט, קאָן מען זיך גאָר גרינג געבען אַן עצה: מען זאָגט אָפּ דעם אַרבייטער, אײדער ער פאַרפולט אַ יאָר אַרבייט און מ'נעמט אים באַלד ווידער אויף, איז עס אַ „נייער" אַרבייטס־פאַרטראַג אָהן וואַקאַציע־רעכט. דאָס קאָן מען איבער'חזר'ן יעדעס יאָר.

וועגען די שיינע אינסטיטוציעס פון קראַנקען־קאַסעס, אַרבייטס־קאַמערן, אַרבייטס־געריכטען, וואָלט באַזונדערס פיל געווען צו דערציילן, אָבער לאָמיר ליבער צוקומען צום הויפּט־פּונקט:

אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס ווערען געשיצט פונ'ם געזעץ, אָבער, פאַרשטייט זיך נאָר דאַן, ווען זיי גייען אויפ'ן דרך הישר און האָבען אין זינען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון זייערע מיטגלידער. טאָמער נישט, טאָמער פאַרגלוסט זיך זיי פּלוצים צו וועלען איבערקערען די מלוכה'שע אָרדנונג, איז — פאַרקערט, מוז מען קעגען זיי אָנווענדען די שטרענגסטע געזעצליכע (און טייל מאָל אויך אומגעזעצליכע) מיטלען. די פראַגע אָבער, צי אַן אָרגאַניזאַציע גייט אויפ'ן גלייכען וועג צי נישט, ווערט יעדעס מאָל פאַרענטפערט פון יענע, וואָס זיינען די אויבערשטע הארען איבער'ן געזונט און לעבען פון די בירגער — פון דער פּ אָ ל י צ י י! עס קאָן זיך לייכט טרעפען, אַז אַ פאַרלאַנג פון אַרבייטער איינצוהאַלטען די געזעצליכע אַרבייטס־צייט פון 8 שעה אַ טאָג, זאָל אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַ זיכערער באַוויז פון אַ באָלשעוויסטישען קאָמפּלאָט קעגען דער מלוכה . . . דעם רעשט קאָן זיך שוין יעדער אַליין אויסמאָלען.

***

דער מוסר השכל פון דעם אַלעמען דאַרף נישט לאַנג געזוכט ווערען:

אָהן דעמאָקראַטיע און אָהן פרייהייט זיינען קיין אָרגאַניזאַציעס נישט מעגליך.

אָהן אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען די בעסטע אַרבייטער־שוץ־געזעצען פּוסטע דעקאָראַציעס פאַר'ן אויסלאַנד.

דאָס לעצטע איז אָבער אַ מוסר השכל פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַמעריקע אויך:

נישט אין זיגען פאַר'ן סופרים קאָורט ליגט די פאַרזיכערונג פון סאָציאַל־פּאָליטישע דערגרייכונגען, נאָר אין די מעכטיגע פעסטונגען פונ'ם אַרבייטער קלאַס — אין די יוניאָנס און אין זייערע אייגענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

אקטאבער. אויף וויפיל דאס וועט געלינגען איז נאך
פארלויפיג שווער צו זאגן.

דער ערשטער פארזוך פאר פרידען איז געמאכט
געווארען אין פילאדעלפיע ביי א קאנפערענץ פון פאר־
טרעטער פון יוניאנס פון ביידע צדדים. די קאנפערענץ
איז געווען אן אומאפיציעלע. אין איר אבער האבען זיך
באטייליגט איינפלוסרייכע פירער פון יוניאנס פון ביידע
צדדים. דער צוועק איז געווען געמיינשאפטליך צו בא־
קעמפען די סטרייק־ברעכערישע טעטיגקייט פון מעיאר
ווילסאן, און אפשטעלען די יוריסדיקציע סכסוכים. און
כאטש עס איז נאך פארלויפיג גארניט דערגרייכט גע־
ווארען ממשות'דיגעס, איז עס אבער זיכער אז דער
פארזוך צו געפינען א וועג פאר איינינקייט איז ניט
אויפגעגעבען געווארען.

דער צווייטער פארזוך איז געמאכט געווארען פון
א גרופע יוניאן פירער ביי דער קאנווענשאן פון דער
סטייט פעדעריישאן אוו לייבאר אין מאסאטשוזעטס, וואס
איז אפגעהאלטען געווארען אין לאועל, פון דעם צווייטען
ביז'ן זיבעטען אויגוסט. אין א רעזאלוציע וואס איז אריינ־
געבראכט געווארען פון ע. א. דזשאנסאן, סעקרעטער
פון דעם באסטאנער בילדינג טריידס קאונסיל, וו. ט.
פארי, פון סענטראל לעיבאר יוניאן פון קעמברידזש.
זיי זיינען געשטיצט געווארען פון נאך אכט יוניאן פי־
רער וואס פארנעמען אן אנגעזעענעם פלאץ אין די יו־
ניאנס פון מאסאטשוזעטס סטייט. די רעזאלוציע האט
פארגעשלאגען, אז די דעלעגאטען פון דער סטייט פעדע־
ריישאן אוו לייבאר צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ.
אוו ל. זאלען פארשלאגען, אז דער עקזעקוטיוו קאונסיל
פון דער פעדעריישאן, און די נעשאנעל אדוויזארי קאמי־
טע פון דער סי. אי. א. זאלען ארויסשיקען צוזאמען א
רוף צו אן אייניגקייט־קאנווענשאן פון אלע יוניאנס אין
אמעריקע, סיי די וואס באלאנגען צו דער א. פ. אוו ל.,
דער סי. אי. א., די רעילראוד בראדערהוד און אנדערע
אונאפהענגיגע יוניאנס, מיט'ן צוועק צו שאפען איין איינ־
ציגע צענטראלע קערפערשאפט פון אלע יוניאנס אין
אמעריקע. די רעזאלוציע, אנוויזענדיג אז פון די רייסע־
רייען און שפאלטונגען צווישען די ארבייטער, פראפיטי־
רען בלויז די אפען־שאפ באסעס, זאגט זיך ארויס דער־
פאר, אז אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג
איז פאראן פלאץ פאר פאך יוניאנס אין די געלערנטע
פאכען און פאר אינדוסטריעלע יוניאנס אין די מאסען
פראדוקציע אינדוסטריען. די פארגעשלאגענע קאנפע־
רענץ — האט די רעזאלוציע געלויטעט — זאל ארגא־
ניזירט ווערען אויף א באזיס פון ברייטער דעמאקראטיע
און אירע באשלוסען זאלען זיין בינדענד אויף אלעמען.
די קאנפערענץ זאל שליכטען אלע מיינונגס־פארשידענ־
הייטען און אויפבויען איין פאראייניגטען מעכטיגען
טרייד־יוניאן צענטער.

נאך א הייסער פיר־שטונדיגער דעבאטע ביי דער
קאנווענשאן, איז די רעזאלוציע נידערגעשטימט געווא־
רען מיט א מאיאריטעט פון 208 שטימען געגען 28.
געוואונען האט דאס מאל פרענסיס פ. פענטאן, פרעזי־
דענט גרין'ס רעכטע האנט, וועלכער האט געפאדערט
אז די קאנווענשאן זאל שטיצען די שטעלונג פון עקזע־
קוטיוו קאונסיל און פארשארפען דעם קאמף געגען די
סי. אי. א. יוניאנס. דער פאקט אבער אליין וואס אזא
רעזאלוציע איז אריינגעבראכט געווארען ביי דער קאנ־
ווענשאן און וואס זי איז געשטיצט געווארען פון אזוינע
פאך־יוניאנס, ווי די מייסאנס, פעינטערס, פרינטערס,
לאנגשארמען און אנדערע, און אויך פון ברוערי ארבי־
טער, איז זיכער פון גרויסער באדייטונג. אויב די פי־
רער פון דער פעדעריישאן זיינען נאך ניט איינגאנצען
פארבלענדעט פון זייער ביטערקייט, וועלען זיי זיך מר־
זען איבער דעם פארטראכטען.

אן אנדער פארזוך צו ברענגען שלום אין דער
טרייד־יוניאן באוועגונג ווערט איצט צוגעגרייט פון סע־
נאטאר בערי, פרעזידענט פון די פרינטינג פרעסמען.
זיין פלאן איז צו באשטימען דעם אסיסטענט סעקרע־
טער אוו לייבאר, עדווארד מעקגריידי, אלס דעלעגאט
צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן
אוו לייבאר, און דארטען זוכען צו בעאיינפלוסען די פי־
רער פון דער פעדעריישאן פאר א שלום.

דער קאמף פארשארפט זיך דערווייל

אבער טראץ די פארזוכען פון אייניגע צוזאמענצו־
ברענגען ביידע צדדים און שאפען פרידען אין דער
טרייד־יוניאן באוועגונג, ווערט דערווייל דער קאמף
צווישען די צוויי צדדים אלץ מער פארשארפט. ביידע
צדדים פירען זיך ווי אין א מלחמה. מען האט אויפגע־
הערט איבערקלייבען די מיטלען און אלץ וואס עס קען
דעם געגנער שעדיגען ווערט געטאן.

די א. פ. אוו ל. האט זיך גענומען גאנץ אפען שא־
פען אפאזיציאנס יוניאנס צו די עקזיסטירענדע סי. אי. א.
יוניאנס וואו נאר זי קען עס באווייזען. אין פילע פלע־
צער האט די א. פ. אוו ל. ארויסגעגעבען טשארטערס צו
קאמפאני יוניאנס, אבי צו באקעמפען די יוניאנס פון
אירע געגנער. אין עטליכע פאלען, ווי אין קליוולאנד
ביי די שטריקער, און אין א צאל אנדערע פלעצער,
האבען זיי געסעטעלט מיט די באסעס, וואו סטרייקס זיי־
נען אנגעפירט געווארען פון סי. אי. א. יוניאנס און
פרובירט זיי באזארגען מיט סטרייק־ברעכער.

אויך די סי. אי. א. אבער איז ניט אינגאנצען פריי
פון דער טאקטיק. אויך מאנכע פירער פון דער ארגאני־
זאציע שיינט עס, האט אנגענומען דעם כלל, אז אין
מלחמה איז אלץ ערלויבט. די סי. אי. א. האט גע־
טשארטערט לאקאלס אין פאוען וואו עס עקזיסטירען
יוניאנס און טוען זייער ארבייט. עס איז אפילו דערגאנגען
אזוי ווייט אז אין דער גארדאן בעקערי אין דעטראיט
האט די סי. אי. א. ארויסגעגעבען א טשארטער צו א
קאמפאני יוניאן. אזוינע האנדלונגען קענען אין קיין
פאל ניט בארעכטיגט ווערען און שעדיגען ניט דער
א. פ. אוו ל., נאר דער טרייד־יוניאן באוועגונג און דער
סי. אי. א. אליין.

ווען די שורות ווערען געשריבען האלט אפ דער
עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדעריישאן א קריגס־
בעראטונג אין אטלאנטיק סיטי, וואו עס ווערען אויס־
געארבייט פלענער פון פארשארפטען קאמף געגען דער
סי. אי. א., וואס זיי דיינקען צו טאן, קען מען זען פון
דער פראגראם וואס דער ארגאנייזער פון דער פעדע־
ריישאן אין מאסאטשוזעטס האט אנגעצייכענט מיט א
פאר וואכען צוריק. גיסענדיג פעך און שוועבעל אויף
דער סי. אי. א. האט ער געזאגט: „מיר וועלען ארויס־
געבען טשארטערס צו אלע לאיאלע ארבייטער וואס
ווילען פארבלייבען אין דער א. פ. אוו ל., אבער וועלכע
זיינען איצטער מיטגלידער אין די צען סוספענדירטע
יוניאנס. איך ווידערהאל, עס איז פאראן איצט א גרויסע
אומצופרידענהייט צווישען די טעקסטיל ארבייטער. אונ־
זערע אנשטרענגונגען וועלען געריכטעט ווערען אויף די
טעקסטיל ארבייטער צוערשט. דאן וועלען מיר זיך נע־
מען צו די ראבער ארבייטער, די אוטאמאביל ארבייטער,
די ראדיא פאבריקען, די גלאז ארבייטער און די קליי־
דער ארבייטער. צווישען די אלע ארבייטער וועלען מיר
שטרעבען צו ארגאניזירען אונטער פעדעראלע טשאר־
טערס. מיט דער צייט וועלען די פעדעראלע לאקאלס
ארגאניזירט ווערען אין אינטערנעשאנעלס".

דאס איז, אלזא, די פראגראם — ארגאניזירען
אפאזיציאנס יוניאנס. זיי האבען עס שוין אויך אנגעהוי־
בען טאן. אין מאסאטשוזעטס האט שוין די א. פ. אוו ל.
ארויסגעגעבען טשארטערס צו א פאר טעקסטיל לא־
קאלס; אין סיינט לואיס האבען זיי אונטערגעשריבען
אגרימענטס מיט עטליכע פאר סטארס, וואו די פאריער
אינטערנעשאנעל פירט אן סטרייקס; אין קליוולאנד הא־
בען זיי געטאן דאס זעלבע אין די ניטינג מילען. די
פעדעריישאן האט אויך ארגאניזירט קאנסילס אין די
אפיס ארבייטער טריידס און אין די אגריקולטור טריידס,
וועלכע זי האט ביז איצט זיך אנטזאגט צו טשארטערען
אלס נאציאנאלע ארגאניזאציעס. די פעדעריישאן פירער
זיינען ענטשלאסען אויף א קאמף ביז ארונטער.

אויף א ברייטערען — און דערפאר אויף א גע־
פערליכערען מאסשטאב — האט דעם קאמף געגען דער
סי. אי. א., אנגעהויבען האטשעסאן פון דער קארפענ־
טערס יוניאן. ער האט נעמליך ארויסגעגעבען א בא־
פעל צו אלע זיינע לאקאלס ניט צו לאזען די מיטגלי־
דער ארבייטען אויף מאטעריאלען וואס ווערען פראדו־
צירט פון ארבייטער וועלכע געהערען צו סי. אי. א.
יוניאנס. טרעפען האט ער דערמיט געוואלט הויפט־
זעכליך די געהילץ ארבייטער פון דער וועסט, וועלכע
האבען זיך אפגעריסען פון זיין יוניאן און ארגאניזירט
זיך אין א באזונדער אינטערנעשאנעל אונטער דער סי.
אי. א. ער רעכענט אז מיט דעם וואס ער וועט ניט
לאזען זיינע קארפענטערס ארבייטען אויף געהילץ פרא־
דוצירט פון די ארבייטער, וועט ער זיי צווינגען קומען
צוריק צו אים. דא, דוכט זיך אבער, מאכט ער א טעות.
דער רעזולטאט וועט בלויז זיין אז דער קאמף וועט ארי־
בערגעטראגען ווערען אויך אין די בילדינג טריידס.

פארביטערטע סטרייקס אין אנדערע אינדוסטריען

די קאפעטעריע ארבייטער האבען זיך גענומען אר־
גאניזירען אויף אן אמת. דעם מאנאט איז אנגעהויבען
געווארען קאנפערענצען מיט דער אסאסיאיישאן פון
קאפעטעריא אייגענטימער פאר פארבעסערונגען אין די
ארבייטס־באדינגונגען און אן אגרימענט. א פארביטער־
טער סטרייק האט זיך אנטוויקעלט אין די הארן און
הארדאט אוטאמאט רעסטאראנען. אין די רעסטאראנען
פון דער קאמפאני איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען גע־
ווארען אן אפשטימונג, אונטער דעם אויפזיכט פון דער
נעשאנעל לייבאר רילייישאנס באארד, און די יוניאן האט
פארלארען. איצטער ציגט זיך ארויס, אז די קאמפאני
האט אנגעשטעלט ספעציעלע „מענשען" פאר דער צייט
פון דער אפשטימונג, אום זיי זאלען שטימען געגען דער
יוניאן. אלע פארזוכען צו פארמיטלען האט ניט געהאל־
פען, און דער סטרייק מיט מאסען־פיקעטינג און ריזיגע
דעמאנסטראציעס גייט אן. אייניגע גרויסע יוניאנס,
צווישען זיי אויך די יוניאנס פון אונזער אינטערנעשאנעל,
האבען אויפגעפאדערט די מיטגלידער צו פאטראניזירען
בלויז יוניאן רעסטאראנען. די יוניאנס וואס זיינען פאר־
וויקעלט אין סטרייק, האבען געטעקסט זייערע מיטגלי־
דער מיט 50 סענט א וואך פאר'ן סטרייק.

***

דער סטרייק פון די שיף־בוי ארבייטער אין און
ארום ניו יארק גייט אן טראץ אלע פארזוכען מצד די
פארמיטלער פון דעם סטייט און פעדעראלער רעגירונג
אים צו סעטלען. ארעסטען, געשלעגען און פאליציאישע
ברוטאליטעט האט די סטרייקער ניט אפגעשראקען. אבער
אויך דא האט זיך אריינגעמישט דער ברודער־קריג אין
דער ארבייטער באוועגונג און העלפט ארויס די באסעס.
די א. פ. אוו ל. האט געפונען פאר נויטיג צו טשארטערן
די קאמפאני יוניאן.

יונייטעד אוטאמאביל ווארקערס יוניאן האלט אפ א קאנווענשאן

אין מילוואקי, וויסקאנסין, איז דעם 23טען אויגוסט
ערעפענט געווארען די קאנווענשאן פון דער יונייטעד
אוטאמאביל ווארקערס יוניאן. די קאנווענשאן האט צו
פארהאנדלען פילע זייער וויכטיגע פראבלעמען סיי אי־
נערליכע און סיי אינדוסטריעלע.

דער אגרימענט מיט די אוטאמאביל מאנופעקטשו־
רערס וועט באלד דארפען באנייט ווערען. די בעלי
בתים קווינקלען זיך. די פראוואקאציעס פון מאנכע פאר־
לייט און, ביז א געוויסען גראד, מאנכע היץ־קעפ אין
דער יוניאן, האבען פאראורזאכט א גרויסע צאל רייבונגען
און ניט אויטאריזירטע סטרייקס און סטאפעדזשעס אין
שעפער. די בעלי בתים נוצען דאס אויס אלס אגיטאציע
געגען דער יוניאן, טענה'נדיג, אז די אוטאמאביל יוניאן
האט ניט קיין קאנטראל איבער אירע מיטגלידער. די
יוניאן איז געצוואונגען געווען ארויסצוגעבען א שטרענ־
גע ווארנונג צו אירע מיטגלידער און לאקאלע בעאמטע,
אז אומבארעכטיגטע און ניט אויטאריזירטע סטאפע־
דזשעס וועלען ניט געדולדעט ווערען פון דער יוניאן און
די וואס וועלען זיי פאראורזאכען וועלען שטרענג בא־
שטראפט ווערען, אדער גאר אויסגעשלאסען ווערען פון
דער יוניאן.

די פאראדנונג האט ארויסגערופען צוויסטיגקייטען
אין דער יוניאן גופא. די ראדיקאלערע עלעמענטען אין
דער יוניאן זיינען ניט צופרידען מיט מארטינ'ען, דעם
פרעזידענט, און מיט פראנקענסטיינ'ען, וועלכער איז זיין
רעכטע האנד. די קאמוניסטען נוצען אויס די געלע־
גענהייט און האבען געשלאסען יד אחת מיט דעם רא־
דיקאלען בלאק אונטער דער פירערשאפט פון ווינדהאם
מארטימער און עד. האל, ערשטער און צווייטער וויס־
פרעזידענטען פון דער יוניאן.

דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס דער קאמף
פירט זיך ארום דער פראגע פון צענטראליזם אדער
פעדעראליזם אין דער יוניאן. מארטין, פראנקענסטיין
און זייער גרופע זיינען פאר א שטארק־צענטראליזירטער
ארגאניזאציע, וואו די נאציאנאלע בעאמטע זאלען האבען
די גאנצע מאכט און דעה; זיי זאלען קענען באשטימען
די ארגאנייזערס, זיי טרענספערירען פון איין פלאץ אויף
א צווייטען, זיי אוועקשיקען; קאנטראלירען די פינאנ־
סען און פירונגען פון די לאקאלס און אז. וו. די רא־
דיקאלע עלעמענטען זיינען פאר מער אוטאנאמיע פון די
לאקאלען און פאר געגענזייטיגער פארשטענדיגונג און
קאאפעראציע. די קאמוניסטען, וועלכע זיינען אין זייער
גאנצער טעאריע און פראקטיק אין ארגאניזאציעס, וואס
ווערען פון זיי קאנטראלירט, פאר דעם שטארקסטען
צענטראליזם, פאר דעם אז די פירער דארפען האבען
די גאנצע מאכט און דער עולם דארף זיך אונטערוואר־
פען אן שאלות. גראדע זיי זיינען מיט דער גרופע וואס
פאדערט לאקאלע אויטאנאמיע אין דער אוטאמאביל
ארבייטער יוניאן. ווייזט אויס, אז דארט וואו די פא־
ליטיק פאדערט עס מעגען קאמוניסטען ניט זיין אויס־
געהאלטען.

אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג

(איבערזיכט)

פון ש. פ.

א יאר סי. אי. א.

דעם מאנאט, דעם דריטען אויגוסט, איז געווארען א יאר זינט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט סוספענדירט די צען אינטערנעשאנעל יוניאנס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער סי. אי. א. עס איז דעריבער ניט מער ווי רעכט צו פרובירען אין היינטיגען איבערזיכט אונטערצוציען א סך הכל פון דעם וואס עס איז דערגרייכט געווארען דורך דעם יאר און ווי האלט עס איצטער מיט דער אויפגאבע וואס די קאמיטע פאר אינדאסטריעל ארגאניזיישאן האט זיך געשטעלט ביי איר גרינדונג.

פון דעם שטאנדפונקט פון דער צאל ארבייטער וואס עס איז דער „קאמיטע פאר אינדאסטריעל ארגאניזיישאן" געלונגען צו ארגאניזירען דורך דעם יאר צייט און אויסקעמפען פאר זיי בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, האט דער ערפאלג פון דער סי. אי. א. צו זיך ניט קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. אנפאנגענדיג איר ארבייט מיט א מיטגלידערשאפט פון אומגעפער א מיליאן אין צען אינטערנעשאנעל יוניאנס, איז די סי. אי. א. געוואקסען צו א מיטגלידערשאפט פון אומגעפער דריי און א האלב מיליאן מיטגלידער אין 28 נעשאנעל און אינטערנעשאנעל יוניאנס און האט ארויסגעגעבען טשארטערס צו איבער 400 לאקאלע ארגאניזאציעס. וואס איז נאך פון גרעסערער באדייטונג איז דאס וואס די גרעסטע געווינען אירע האט זי געהאט אין די מאסען־פראדוקציע אינדוסטריען, וועלכע געפינען זיך אין דער מאכט פון גרויס קאפיטאל און וועלכע האבען ביז איצט ערפאלגרייך צוריקגעשלאגען יעדען פארזוך פון די יוניאנס צו ארגאניזירען זייערע ארבייטער.

דער וואוקס פון די סי. אי. א. אין די מאסען־פראדוקציע אינדוסטריען

עס איז גענוג צו דערמאנען די אוטאמאביל אינדוסטריע, אין וועלכער די יונייטעד אוטאמאביל ווארקערס יוניאן האט מיט איין יאר צוריק געהאט בלויז 30 טויזענד מיטגלידער און איז כמעט ניט געווען אנערקענט פון קיין איין באדייטענדער פירמע אין טרייד, און איצט האט זי 350 טויזענד מיטגלידער און קאנטראקטען מיט דער דזשענעראל מאטארס, קרייזלער און כמעט אלע אונאפהענגיגע פירמעס וואס מאכען אוטאמאבילס אדער שטעלען־צו טיילען און אפאראטען פאר אוטאמאבילס. מיט דער אויסנאמע פון די פארד פאבריקען, איז פאקטיש די גאנצע אוטאמאביל אינדוסטריע ארגאניזירט.

נאך א גרעסערען וואונדער האט די סי. אי. א. באוויזען אין דער שטאל אינדוסטריע. איבער דער אינדוסטריע איז הויפטזעכלאך ארויסגעקומען דער קריג צווישען דער פירערשאפט פון די פאך יוניאנס, וועלכע האבען קאנטראל פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, און די פירער פון די יוניאנס, וואס האבען ארגאניזירט די סי. אי. א. די שטאל ארבייטער זיינען אויך געווען די ערשטע וועמען די סי. אי. א. האט זיך גענומען ארגאניזירען און איבער וועלכע די צען אינטערנעשאנעל יוניאנס זיינען סוספענדירט געווארען פון דער פעדעריישאן אונטער'ן אויסרייד אז זיי שטעלען פאר מיט זיך אן אפאזיציע יוניאן. ווען דער קאמפיין האט זיך אנגעהויבען, האט די אמאלגאמייטעד אסאסיאיישאן אוו אייראן, סטיל ענד טין ווארקערס געהאט בלויז ארום 8,000 מיטגלידער און ארום צען קאנטראקטען מיט פארהעלטניסמעסיג קליינע אונטערנעמער. איצט, מיט איין יאר שפעטער, האט די יוניאן איבער א האלבען מיליאן מיטגלידער, פון וועלכע 490,000 ארבייטען אונטער קאנטראקטען מיט 340 פירמעס. צווישען די געסעטעלטע פירמעס געפינט זיך די יונייטעד סטייטס סטיל קאמפאני, אדער דער שטאל טראסט, די גרעסטע שטאל פירמע אין דער וועלט. אן דער יוניאן זיינען איצט אנגעשלאסען טויזענד לאדזשעס אדער לאקאלס.

ווער עס איז באקאנט אביסעל מיט דער געשיכטע פון די קאמפען פון די שטאל ארבייטער אין דעם לעצטען האלבען יארהונדערט, פון האמסטעד ביז דעם גענעראל סטרייק אין 1919; ווער עס ווייס עפעס וועגען די טייכען ארבייטער בלוט וואס די שטאל בעלי בתים האבען פארגאסען אין זייער ווידערשטאנד געגען דעם פארזוך פון זייערע שקלאפען צו קריגען א גרעסער שטיקעל ברויט און אביסעל מער מענשליכע ארבייטס־באדינגונגען; ווער עס ווייס עפעס וועגען די שרעקליכע קרבנות, די ליידען און יסורים וואס די שטאל ארבייטער און זייערע פרויען און קינדער האבען געליטען אין די קאמפען — און אלץ אומזיסט, דער קען ערשט אפשאצען די געוואלדיגע באדייטונג פון דעם זיג פון דער סי. אי. א. אין שטאל טרייד. אפילו דאס וואס עס איז געלונגען די פיר גרעסערע אונאפהענגיגע שטאל פירמעס פארלויפיג צו ארבייטען אונטער אפען שאפ באדינגונגען טראץ דעם סטרייק וואס די סטיל ווארקערס ארגאניזיישאן קאמיטע פירט געגען זיי אן, קען ניט פארמינערען די גרויסע באדייטונג פון דעם וואס עס איז שוין ביז איצט אויפגעטאן געווארען און עס איז זיכער, אז די בעלי בתים האבען נאך ניט געהערט דאס לעצטע ווארט פון זייערע ארבייטער און דער יוניאן.

דעם מאנאט האט די סי. אי. א. געמאכט א באדייטענדען אנהויב אין נאך אן אינדוסטריע, וואס איז ביז איצט געווען כמעט אונארגאניזירט. דאס איז די טעקסטיל אינדוסטריע. דעם מאנאט איז, נאך א קורצען סטרייק אין די רעיאן און זייד אפטיילונגען פון דער אינדוסטריע אין זיבען שטאטען, געלונגען דער טעקסטיל ווארקערס ארגאניזאציאנס קאמיטע, אונטער דער פירערשאפט פון סידני הילמאן, אונטערצושרייבען אגרימענטס מיט צוויי אסאסיאיישאנס און א צאל אומאפהענגיגע פירמעס, און צוריקשיקען צו דער ארבייט ארום 46 טויזענד ארבייטער אונטער פארבעסערטע באדינגונגען און אונטער יוניאן קאנטראל. ארום און ארום איז דורך דעם האלב יאר, וואס די טעקסטיל ווארקערס ארגאניזאציאנס קאמיטע האט אנגעהויבען פונקציאנירען, איז איר שוין געלונגען צו ארגאניזירען איבער צוויי הונדערט טויזענד ארבייטער און שליסען פאר זיי קאנטראקטען מיט איבער זעקס הונדערט פירמעס. אחוץ דעם, זיינען ארגאניזירט געווארען א גרויסע צאל טעקסטיל ארבייטער אין מילען וואס האבען נאך פארלויפיג ניט קיין אגרימענטס מיט דער יוניאן.

כאטש ניט אזוי פענאמענאל, אבער אויך אויסערגעוויינליך גרויס, איז געווען דער געווינס אין מיטגלידער און אין פארבעסערונגען פאר די ארבייטער אין פילע אנדערע אינדוסטריען דורך דער ארבייט און הילף פון דער סי. אי. א. אזוי האט די ראבער ארבייטער יוניאן פארגרעסערט איר מיטגלידערשאפט פון קארגע 26,000 צו 73,000, און די צאל לאקאלס איז פארגרעסערט געווארען פון 47 לעצטען יאר צו 135 איצטער. די ראבער אינדוסטריע איז איצט ארום דריי פערטעל ארגאניזירט. די יונייטעד עלעקטריקעל און ריידיא ווארקערס יוניאן, וועלכע איז מיט א יאר צוריק באשטאנען בלויז פון עטליכע פעדעראלע לאקאלס אן א צוזאמענבונד צווישען זיך, איז דורך דעם יאר פארוואנדעלט געווארען אין אן אינטערנעשאנעל יוניאן מיט אומגעפער 100,000 מיטגלידער. גרויס פארשריט האבען אויך געמאכט די שיף־בוי ארבייטער, די מארין ארבייטער, די אפיס ארבייטער און ארבייטער אין פילע אנדערע אינדוסטריען און באשעפטיגונגען. אין דעם זיינען ניט אריינגערעכענט די יוניאנס וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער סי. אי. א. און זיינען געוואקסען אין מיטגלידער, מאכט און פארבעסערונגען פאר זייערע מיטגלידער דורך זייערע אייגענע אנשטרענגונגען, ווי די אינטערנעשאנעל, די אמאלגאמייטעד, די מיינער, גלאז ארבייטער און ענליכע.

מיט דעם וואוקס און אויסברייטונג פון די סי. אי. א. יוניאנס אין מאכט, איינפלוס און קאנטראל איבער די ארבייטס־באדינגונגען אין זייערע טריידס ענדיגט זיך נאך אבער נישט דער אויפטו פון דער „קאמיטע אן אינדאסטריעל ארגאניזיישאן". צו איר קרעדיט מוז אויך צוגעשריבען ווערען, כאטש אינדירעקט, אויך דער גרויסער וואוקס און איינפלוס פון פילע אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר פאך יוניאנס אין דער זעלבער פעריאדע. לויט דעם באריכט פון פריינק מאריסאן, סעקרעטער פון דער א. פ. אוו ל., האט די מיטגלידער צאל פון דער פעדעריישאן זיך פארגרעסערט דורך דעם פארגאנגענעם יאר מיט קארגע 703 טויזענד מיטגלידער, ניט אריינרעכענענדיג אין חשבון דעם מיליאן מיטגלידער פון די אינטערנעשאנעל יוניאנס וואס זיינען סוספענדירט געווארען פון דער פעדעריישאן צוליב זייער אנגעהעריגקייט צו דער סי. אי. א. דאס מיינט פאקטיש א צוואוואוקס פון א קארגען מיליאן מיט דריי פערטעל מיטגלידער. כאטש די ציפערן זיינען אפשר ניט אינגאנצען פינקטליך, ווייל מאריסאן רעכענט נאך אריין אין דער מיטגלידערשאפט פון דער פעדעריישאן פילע יוניאנס, וועלכע זיינען דורך דעם יאר אריבער צו דער סי. אי. א., ווי די פאריערס, די לאמבער ארבייטער פון דער וועסט, די מארין ארבייטער פון פאסיפיק קאוסט און די וואס האבען זיך אפגעריסען פון די מאטראזען און לאנגשארמען יוניאנס אין די אטלאנטישע האפענס, א רייע מאשיניסטען לאקאלס, אפיס ארבייטער, אגריקולטור ארבייטער און פילע אנדערע, דאך זיינען אבער זיכער אויך געוואקסען פיל אין מיטגלידערשאפט די פאך־יוניאנס פון דער פעדעריישאן און קרעדיט דערפאר קומט דוקא דער סי. אי. א., ווייל ווען ניט דער שוואונג פאר ארגאניזאציע, וואס זי האט ארויסגערופען אין די אמעריקאנער ארבייטער מאסען און ווען ניט דער געפיל פון קאמף און קאנקורענץ וואס האט אויפגעוועקט די פירער פון די פאך יוניאנס זיך צו נעמען צו דער ארבייט, וואלטען זיי נאך ביז איצט גארניט געטאן, פונקט ווי זיי האבען רוהיג געשלאפען די אלע יארען איידער די סי. אי. א. איז ארגאניזירט געווארען. פיל האט דער א. פ. אוו ל. אויך געהאלפען צו וואקסען דאס, וואס טראץ איר געגנערשאפט צו דער אינדוסטריעלער פארם פון ארגאניזאציע, איבער וועלכער זי איז גרייט געווען צו שפאלטען די טרייד־יוניאן באוועגונג, האט זי דאך אונטער'ן דרוק פון דער סי. אי. א. אנגענומען אין געוויסע אינדוסטריען די אינדוסטריעלע פארמען פון ארגאניזאציע און טשארטערט אינדוסטריעלע לאקאלס. נו! דאס מוז מען דאך אודאי צושרייבען צום קרעדיט פון דער סי. אי. א.!

די שאטענדיגע זייט פון דער לאגע

דאס איז די זוניגע זייט פון די דערגרייכונגען פון דער ארבייטער באוועגונג דורך דעם פארגאנגענעם יאר זינט די סי. אי. א. האט אנגעהויבען איר טעטיגקייט. ווי יעדע אנדער זאך אין לעבען, האבען די געשעענישען אויך א שאטענדיגע זייט. אפשר וואלט עס ריכטיגער געווען צו באצייכענען עס אלס א וואלקענדיגע זייט, — א וואלקען, וועלכער קען צייטענווייז זיך אויסלייטערען אדער ברענגען א געפערליכען שטורעם און פיל שאדען.

מיר מיינען דערמיט די רייסערייען און דעם קאמף אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג, וואס איז ענטשטאנען דורך דער טעטיגקייט פון דער סי. אי. א., און וועלכער ווערט פארביטערטער פון טאג צו טאג.

דורך דעם היינטיגען מאנאט זיינען געווען פארשיידענע צייכענס פון ביידע סארטען; צייכענס פון א שטארקען פארלאנג אין געוויסע קרייזען און אן ערנסטע אנשטרענגונג צו פארטרייבען די כמארעס פון קריג פון הימעל פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג און שאפען פרידען, און אויך סמנים פון א פארשטארקטען קאמף און א פולע שפאלטונג אין די רייען פון די ארגאניזירטע ארבייטער וואס עס וואלט מיינען — א מלחמה אויף לעבען און טויט צווישען דער פעדעריישאן און דער סי. אי. א.

פארזוכען צו מאכען א סוף צו די אומגליקליכע רייסערייען אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג זיינען געמאכט געווארען צוויי דורך דעם היינטיגען מאנאט, און כאטש ביידע זיינען דערוויל דורכגעפאלען, האבען די אבער באוויזען אז עס זיינען דא שטארקע כוחות צווישען פירער פון פאך־יוניאנס וואס ארבייטען פאר פרידען, און מיט די צוויי ניט געלונגענע פארזוכען וועלען די נאך זייער ארבייט ניט אויפגעבען. א דריטער פארזוך צוזאמענצוברענגען ביידע צדדים און געפינען א באזיס פאר פרידען ווערט איצטער צוגעגרייט און וועט וואהרשיינליך ערשט געמאכט ווערען ביי דער קומענדער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר אין

וואס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאנאל

אין די ניו יארקער קלאוק און דרעס יוניאנס

וועגען די פאסירונגען אין די ניו יארקער קלאוק־ און דרעס־יוניאנס שרייבען רעגעלמעסיג די ברידער ל. לאנגער, סעקרעטער פון דער קלאוק דזשאינט באארד, און נ. מ. מינקאף, פון דער דרעסמאכער יוניאן. צייטענווייז אבער, צוליב דעם וואס זיי מוזען דעקען אזוינע וויט־פארצווייגטע טעטיגקייטען, פאסירט עס אז עטוואס ווערט פארזעהן. אין דעם איבערזיכט, וואו מיר זאמלען אלע וויכטיגע פאסירונגען פון דער אינטערנעשאנאל, נעמען מיר דעריבער אריין אט די אבטריניגע שטיקלאך נייעס.

קלאוקמאכער פון פארביסענסטער אפען שאפ פירמע ארונטער אין סטרייק.

א פארביסענער, איינגעשפארטער קאמף וואס איז יארען לאנג אנגעגאנגען צווישען דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק און אן איינגעשפארטען קלאוק־מאנופעקטשורער איז געקומען צו א קלימאקס ווען די ארבייטער פון דער „אינדעפענדענט קלאוק קא.” אין אירע ביידע שעפער, אין ניו בריטען און מאנטשעסטער, קאנעטיקוט, זיינען ארונטער אין סטרייק. אין די צוויי שעפער ווערען באשעפטיגט ארום 500 ארבייטער.

פאר די ניו יארקער קלאוקמאכער איז די עליס ברידער, די אייגענטימער פון דער פירמע, די פארקערפערונג פון עקספלואטאציע און סוועט שאפ באדינגונגען. די פירמע איז געווען די ערשטע צו פארוואנדלען איר שאפ אין ברוקלין אין א תלמוד־תורה, וואו מען פלעגט כסדר ארויפנעמען לערנערס און באשעפטיגען לאנגע שטונדען פאר הונגער־שכירות. פאר דעם צוועק האבען זיי צוברעקעלט די ארבייט און איינגעשטעלט 113 באזונדערע סעקשאנס. יעדער ארבייטער פלעגט בלויז מאכען א גאנץ קליינעם טייל פון דער ארבייט און האט זיך דעריבער געקענט שנעל אויסלערנען די מלאכה. עס איז געווען די פירמע וואס האט באשאפען דעם „טשיינא טאון” אין ברוקלין, וואו קלאוקמאכער פלעגען מוזען ארבייטען פאר ווידזשעס פון כינעזישע קולים.

ווען די יוניאן האט זיך מיט עטליכע יאר צוריק גענומען ארגאניזירען די ארבייטער אין די שעפער איז די עליס פירמע אנטלאפען נאך ניו בריטען, קאנעטיקוט. דארט האבען זיי אויפגעבויט אן אמת'ע פעסטונג און האבען גערעכענט אז זיי זיינען שוין זיכער געגען דער. יוניאן, דער אוט־אוו־טאון דעפארטמענט האט אבער דעם קאמף ניט אויפגעגעבען. די פירמע, זעענדיג אז די יוניאן הויבט אן אריבערגעווינען זייערע ארבייטער אין ניו בריטען, האט געעפענט א צווייטען שאפ אין א שטעטעל דערביי, אין מאנטשעסטער. איצט זיינען די ארבייטער פון די ביידע שעפער ארונטער אין סטרייק.

דער סטרייק ווערט געפירט אונטער דער אויפזיכט פון דזשארדזש רובין, פון אוט אוו טאון דעפארטמענט פון דער קלאוק דזשאינט באארד. אוירווינג הארוויץ און בערנארד שוב, ארגאנייזערס פון איסטערן אוט אוו טאון דעפארטמענט, וואס שטייט אונטער'ן אויפזיכט פון וויס־פרעזידענט הערי וואנדער, פירען אן מיט'ן סטרייק אויפ'ן פלאץ. ווי די פירער פון סטרייק גיבען איבער, זיינען די סטרייקער זייער מוטיג. די שעפער ווערען שטריינג געפיקעט, און אפילו די עטליכע סטרייק־ברעכער וואס דער באס האט צוזאמענגענומען האבען ניט געקענט אנגיין מיט דער ארבייט ווייל איבער דעם סעקשאן־סיסטעם קען די ארבייט ניט געמאכט ווערען סיידען אלע סעקשאנס ארבייטען.

די בעלי בתים האבען זיך געווענדעט צום גאווערנאר און געקראגען סטייט טרופערס צו טעראריזירען די סטרייקערס. די יוניאן האט טעלעגראפיש פראטעסטירט צום גאווערנאר פאר באנוצען סטייט־טרופערס אלס סטרייק־ברעכער.

אגרימענט אין סקוירט טרייד איינשטימיג גוטגעהייסען

דער נייער אגרימענט פון דער סקוירט מאכער יוניאן לאקאל 23 מיט דער אסאסיאיישאן פון סקוירט מאנופעקטשורערס איז איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען ביי א פארזאמלונג פון ארום 300 טשערלייט פון די סקוירט שעפער וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קאונסיל־רום פון דער קלאוק דזשאינט באארד. דערמיט איז דער סטאפעדזש אין סקוירט טרייד פארענדיגט געווארען און די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקערט אין די שעפער אויף די נייע באדינגונגען.

ווי באוואוסט, האט דער סטאפעדזש אין סקוירט־טרייד זיך פארצויגען שוין נאכדעם ווי דער אגרימענט מיט די קלאוק־מאנופעקטשורערס איז אונטערגעשריבען געווארען איבער געוויסע פונקטען וועלכע די סקוירט בעלי בתים האבען ניט געוואלט נאכגעבען. נאך לאנגע קאנפערענצען האבען זיך ביידע צדדים ענדליך געאייניגט אויף די פונקטען און די שאפ טשערלייט זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויפצונעמען דעם נייעם אגרימענט. די פארזאמלונג איז געווען א זעלטען ענטוזיאסטישע און נאכדעם ווי דער מענעדזשער פון לאקאל, לואיס ריעס, האט זיי ערקלערט די אלע אויסבעסערונגען וואס די יוניאן האט געוואונען אין דעם נייעם אגרימענט און פארענטפערט אלע פראגען איז דער אגרימענט איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען.

אין דעם נייעם אגרימענט געווינען די סקוירט־מאכער אויסער די פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט צו 32½ שטונדען א וואך אין 1939 און די אויסבעסערונג אין קאנטראל און פרייז־סעטעלמענט, ווי אויך די פאלגענדע פרייז העכערונגען:

ביי די ביליגע ליין סקוירטס קריגען די אפערייטארס געהעכערט דעם פרייז מיט איין סענט אויפ'ן באדי. אנשטאט 8 סענט וועט עס איצט זיין 9 סענט א באדי. דאס איז א העכערונג פון 12½ פראצענט. וואך־ארבייטער ביי דער ליין קריגען א העכערונג פון 3 דאלער א וואך, חוץ די ארבייטער וועלכע האבען געקראגען א העכערונג אויף די שכירות דאס יאר וועט זייער העכערונג דארפען אויפגענומען ווערען מיט די בעלי בתים אין יעדען פאל באזונדער.

פינישערס ביי דער סארט ארבייט קריגען פאלגענדע העכערונגען:

מאשין פינישערס $2.50 א וואך; הענט־פינישערס $1.50; קלינערס 1 דאלאר א וואך.

אויף די גוטע ליינס ארבייט זיינען די העכערונגען ווי פאלגט:

אויף ספארט דזשעקעטס וואס ווערען געמאכט אין די סקוירט שעפער, 10 סענט אויפ'ן פרייז פון דער באדי. די צוגאבען פאר עקסטרא ארבייט בלייבען ווי פריער.

סקוירט אפערייטארס א העכערונג פון 10 פראצענט אויפ'ן פולען פרייז פון דער סקוירט.

פינישערס, שטיק ארבייטער — א העכערונג פון 10 פראצענט; מאשין פינישערס $3.50 א וואך מער; האנט פינישערס — $3.50; קלינערס — $2.00 א וואך.

ביים שלוס פון מיטינג איז אונטער שטארקע אפלאדיסמענטען איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

„אין אנבאטראכט, אז עס איז געשלאסען געווארען אן אגרימענט מיט דער נעשאנאל סקוירט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, דורך וועלכען אלע ארבייטער וואס ווערען באשעפטיגט אין סקוירט שעפער אונטער'ן קאנטראל פון אונזער יוניאן קריגען באדייטענדע העכערונגען אויף די שכירות גלייך און א פארקירצונג פון דער ארבייטס־צייט צו 32½ שטונדען אין יוני 1939, און

„אין אנבאטראכט אז אין צוגאב צו די אויבענדערמאנטע געווינסען אנטהאלט דער נייער אגרימענט פארשריפטען וועלכע גיבען דער יוניאן א בעסערען קאנטראל, מאכענדיג אזוי ארום מעגליך שטרענג דורכצופירען די באדינגונגען פון דעם אגרימענט און געבענדיג מער זיכערהייט די ארבייטער אין די שעפער, און

„אין אנבאטראכט אז אט די גוטע דערגרייכונגען זיינען געקראגען געווארען א דאנק דער וואכזאמקייט און אונערמידליכער ארבייט פון דער קאנפערענץ קאמיטע וועלכע האט געפירט די פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים,

„זיי עס דעריבער באשלאסען, אז מיר, די שאפ טשערלייט פון דער סקוירט אינדוסטריע, פארזאמעלט דעם 29טען יולי 1937, הייסען דערמיט גוט דעם נייעם אגרימענט ווי פארגעשלאגען פון אונזער קאנפערענץ קאמיטע און פארפליכטען זיך צו העלפען דער יוניאן מיט אלע אונזערע מעגליכקייטען דורכפירען די פארשריפטען פון דעם אגרימענט; און זיי עס ווייטער,

„באשלאסען, אז מיר דריקען אויס אונזער דאנקבארקייט און אנערקענונג צו דער גאנצער קאנפערענץ קאמיטע, נעמליך — דעם דזשענעראל מענעדזשער ברודער איזידאר נאגלער; דעם מענעדזשער פון לאקאל 35, ברודער י. ברעסלאו; דעם מענעדזשער פון לאקאל 10, ברודער פערלמוטער; דעם טשערמאן פון לאקאל 23, ברודער לואיס גארדאן, און איבערהויפט אונזער מענעדזשער ברודער לואיס ריעס פאר דער ווערטפולער דינסט וואס זיי האבען אונז געגעבען אין די פארהאנדלונגען מיט דער אסאסיאיישאן פון די בעלי בתים.”

דרעס דזשאינט באארד מאנט אויף $5350 שטראף פון באסעס אין איין וואך פאר איבערטרעטען אגרימענט.

מיט דעם אנהויב פון פאל סעזאן אין דרעס טרייד, האט זיך די דרעס דזשאינט באארד ווידער גענומען ענערגיש צו די „טשיזלערס”, און די באסעס וועלכע זוכען דורך פארשידענע מיטלען זיך ארויסצודרייען פון זייערע פארפליכטונגען צו דער יוניאן און די ארבייטער אונטער דעם אגרימענט. אין זיין באריכט צו דער דרעס דזשאינט באארד, מעלדעט מאקס מאסקאוויץ, עקטינג דזשענעראל מענעדזשער אין האכמאנ'ס אפוועזענהייט, אז די יוניאן האט אין דער ערשטער וואך פון דעם באניטען דרייוו

עס האלט איצט באמת מיט'ן איינפלוס פון דער אידישער ארבייטער פארטיי. די וואלען פון דעם 4טען דזשוליי האבען צום ערשטען מאל געגעבען א געלעגענהייט אויפצוהויבען דעם פארהאנג איבער די שטימונגען פון די אידישע מאסען אין דעם גרויסען אידישען צענטער פון רומעניע. דערצו זיינען די וואלען געווען פראפארציאנעלע און דאס האט געגעבען אן איבעריגע מעגליכקייט פאר א גענויעם ענטפער אויף דער פראגע. דער רעזולטאט איז געווען אן איבערראשענדער. די נאציאנאל־ציוניסטען, וואס האבען געהאט א געמיינשאפטליכען פירשאן טיקעט מיט איניגע אנדערע קאנסערוואטיווע גרופירונגען, האבען ערוויילט 14 קהילה פארטרעטער, און פארקערט, דער „טויטער” בונד, וואס האט געהאט אן אייגענעם ליסט פון קאנדידאטען און זיך מיט קיינעם ניט פאראייניגט, האט אליין ערוויילט גאנצע צען פארטרעטער. די ציוניסטען, וואס זיינען אמאל געווען די שטארקסטע פארטיי אין שטאט, האבען היינט ניט געוואגט צו געהן אליין. זיי האבען געשאפען אן איינהייט פראנט מיט אלע אנדערע ציוניסטישע גרופען און פארטייען — פועלי ציון, צעירי ציון, מזרחי א. א. וו. אויסער די רעוויזיאניסטען, — און דאך האבען זיי אלע צוזאמען באקומען ווייניגער שטימען ווי דער פאליטיש־פארבאטענער „בונד”, און ערוויילט בלויז 9 פארטרעטער, ווייניגער זאגאר ווי דער „בונד” אליין האט ערוויילט. די רעוויזיאניסטען זיינען געגאנגען מיט די אידישע מיטגלידער פון דער אזוי גערופענער „ליבעראלער” פארטיי, וועלכע איז היינט אין רומעניען די רעאקציאנערסטע פארטיי... אויך זייער פארטרעטערשאפט איז קלענער ווי די פארטרעטערשאפט פון „בונד”.

אפצושאצען ווי געהעריג די פאליטישע באדייטונג פון דעם זיג דארף מען געדענקען, אז אלע פארטייען און גרופען וואס האבען זיך באטייליגט אין די וואלען האבען געהאט די פולע וואל־פרייהייט. אלע, אחוץ דער „בונד”. אים האט די פאליציי ערלויבט נאר 34 עלעקשאן מיטינגען און אויך זיי האבען געמוזט פארקומען אין איין לאקאל, וואו עס איז ערלויבט געווארען צו פירען די וואל־פראפאגאנדע...

און דאך אזא רעזולטאט.

א שאדען בלויז וואס די אידישע נייעס אגענטורען האבען אינגאנצען פארפעלט צו דערציילען וועגען די אינטערעסאנטע וואלען אין טשערנאוויץ.

אין דער וועלט פון ארבייט

ארבייטער איינהייט ווידער איינגעשטעלט אין מעקסיקא

מעקסיקאנער צייטונגען האבען געבראכט א פרייליכע נייעס. די גרויסע שפאלטונג וואס די טרייד־יוניאן באוועגונג האט דארט דורכגעמאכט לעצטען אפריל, האט זיך ארויסגעצייגט פאר א צייטווייליגער ערשיינונג. די אפאזיציע יוניאנס און זייער צענטראלע קערפערשאפט האבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס באזונדערע ארגאניזאציעס און זיך צוזאמענגעגאסען מיט דעם אלטען צענטער — מיט דער „סע טע עם", אדער „קאנפעדעראציע פון מעקסיקאנער ארבייטער". עס האבען זיך צוריקגעקערט אלע יוניאנס וואס האבען א קאמוניסטישע פירערשאפט, אלע סטעיט פעדעריישאנס און לייבאר וואס די קאמוניסטישע פארטיי קאנטראלירט. עס איז אויך געקומען צוריק דער פארבאנד פון אייזנבאן ארבייטער. בלויז דער עלעקטרישענס לאקאל פון פעדעראלען דיסטריקט, מיט א מיטגלידערשאפט פון 2500 איז געבליבען אין דער אפאזיציע און זיך אפגעזאגט אונטערשרייבען דעם שלום אגרימענט צווישען די צוויי צוויגען פון דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג.

אידער דער נעשאנעל קאונסיל פון דער צענטראלער קערפערשאפט האט אמנעסטירט די אויסגעשלאסענע „לינקע" יוניאנס און זייער צענטער, האבען די יוניאנס ערקלערט אין דער עפענטליכקייט זייערע טענות אין פארלאזען דעמאנסטראטיוו די זיצונגען פון נאציאנאלען קאונסיל דעם 27טען אפריל, און אין אטאקירען די געזעצליכקייט פון זיינע באשלוסען. די דאזיגע פרידענס צוגען, צוזאמען מיט דער קאלעקטיווער רעזיגנאציע פון די דריי פירער פון דעם שפאלטונגס צענטער, האט אפגערייניגט די לופט און מעגליך געמאכט דעם צוריקקער פון די קאמוניסטיש געפירטע יוניאנס צו דער צענטראלער און פאראייניגטער ארגאניזאציע.

פון די דריי רעזיגנאציעס, וואס די נאציאנאלע סעקרעטארען פון דער אפאזיציע באוועגונג האבען אריינגעשיקט, האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער מעקסיקאנישער פעדעראציע אנגענומען בלויז די רעזיגנאציע פון צוויי. דער דריטער, כואן גוטיערעז, האט געמוזט צוריקציען זיין רעזיגנאציע און איז פארבליבען דער גענעראל סעקרעטער פון די אייזנבאהן ארבייטער.

עס איז דא א האפנונג אז אויך דער עלעקטרישענס לאקאל פון מעקסיקא סיטי וועט אין דער נאענטער צוקונפט איבערקוקען זיין איצטיגע שטעלונג און אנערקענען זיין טעות. און דאן וועט די מעקסיקאנער ארבייטער באוועגונג, וואס האט געציילט ארום 600 טויזענט מיטגלידער פאר דער שפאלטונג און 400 טויזענט נאך איר, זיין אומוויניגסטען אזוי איניג ווי זי איז געווען ערב דעם טראגישען ריס פון 27טען אפריל.

דאס אינטערעסאנטסטע אין דער פרידענס באוועגונג איז געווען דאס וואס אלע באמיאונגען צו ענדיגען דעם ריס אין דער באוועגונג זיינען געקומען פון די יוניאנס גופא. קיינער פון די שטרייטענדע צדדים האט ניט געווארט אויף קיין „עצות", אדער ארדערס פון די „רעוואלוציאנערע" הערען וואס זיצען אין פרעזידענטען פאלאץ... און דאס איז א גאנץ נייע און זעהר דערפרייענדע ערשיינונג אין מעקסיקאנער פאליטיק.

עס וואלט אבער געווען א טעות צו דענקען אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אין מעקסיקא איז שוין אינגאנצען איניג. ווייט פון דעם. עס זיינען נאך דא דריי וויכטיגע יוניאנס מיט א באדייטענדער מעמבערשיפ וואס שטייען אויסער דער פאראייניגטער קאנפעדערישאן פון ארבייטער. די מאינערס יוניאן מיט א מיטגלידערשאפט פון 70 טויזענט איז איינע פון די דאזיגע אומאבהענגיגע יוניאנס. די צווייטע איז די לעהרער פעדעראציע, מיט א מעמבערשיפ פון 75 טויזענט, און די דריטע איז די פעדעראציע פון מלוכה־באמטע, מיט א דיוס־צאהלענדער מעמבערשיפ פון 80 טויזענט. פארהאנדלונגען ווערען אנגעפירט מיט אלע דריי יוניאנס און עס איז מעגליך דאס אין אונזער קומענדען איבערבליק וועלען מיר שוין קענען באריכטען וועגען א באמת איינהייטליכער טרייד יוניאן באוועגונג ביי אונזערע ברידער אין מעקסיקא.

וואס עס הערט זיך אין דער ארבייטער באוועגונג אין פארשידענע לענדער

פון מארק כינאי

פאשיסטישע געפאר אין צענטראל אמעריקע

ביים זעלבען צוזאמענפאר פון די טרייד יוניאן פירער, וואס האט ליקווידירט די שפאלטונג אין דער ארבייטער באוועגונג פון מעקסיקא, האט דער גענעראל סעקרעטער פון דער ארגאניזאציע, וויטשעטע לאמבארדא טאלעדאנא, געמאכט אן ערקלערונג וואס האט אויפגעשטורעמט דאס גאנצע לאנד. ער האט נעמליך געווארענט אז די פאשיסטען, וואס זיינען געווארען אזוי טעטיג אין די רעפובליקען פון צענטראלער אמעריקע, האבען אויך געווארפען אן אויג אויף מעקסיקא. טאלעדאנא האט פארזיכערט, אז ער האט באווייזע דאס פאשיסטישע ארגאניזאציעס זיינען לעצטענס געווארען זעהר טעטיג אין אריבערשמוגלען געווער פון גוואטעמאלא פאר א מעגליכען אויפשטאנד אין מעקסיקא. די דאזיגע ווארנונג ווערט אין פילע קרייזען גענומען גאנץ ערנסט. און דאס, ניט געקוקט אויף דעם וואס דער קריגס־מיניסטעריום פארזיכערט אז ער באציט זיך סקעפטיש צו דער אינפארמאציע.

דאס וואס פרעזידענט גארדענאס האט זיך לעצטענס פארנומען מיט אן ערנסטען קאמפיין צו ענדיגען דעם לאנד־הונגער פון די לענדלאזע פויערים אין יוקאטאן סטייט, ווערט פון פילע אויסגעטייטשט אלס א צייכען דאס דער פרעזידענט אליין נעמט יא ערנסט די פאשיסטישע געפאר. אויב די אנטי־פאשיסטישע מלוכה־לייט האבען עפעס געלערנט פון דער דייטשער קאטאסטראפע, איז דאס געווען די אומבאשטרייטבארע אקסיאמע, אז אומצופרידענע פויערים, אומצופרידענע מידל־קלאס מענשען אין אלגעמיין, שטעלען מיט זיך פאר די גרעסטע געפאר פאר א דעמאקראטישער ארדנונג. און אום צו געווינען ווי געהעריג די פויערים, האט דאס די גארדענאס רעגירונג צוערשט פארקלענערט דעם לאנד־הונגער אין דעם לאגונדא קאטען דיסטריקט, און איצט זיך גענומען פאר דער שטארק פארשפעטיגטער לאנד־רעפארמע אין יוקאטאן. אין דעם רעוואלוציאנערען סטייט זיינען א פאר פעאדאלע פאמיליעס נאך אלץ די איינציגע אייגענטימער פון די ריזיגע פלאנטאציעס און גיגאנטישע אינדוסטריעלע פארמס...

דער קאנגרעסען סעזאן אין פאריז.

אין פארבינדונג מיט דער וועלט אויסשטעלונג, וואס קומט איצט פאר אין דער פראנצויזישער הויפט־שטאט, קומען דארט איצט פאר א רייע וועלט קאנגרעסען. איינער פון זיי — דער אינטערנאציאנאלער לערער קאנגרעס — איז פאריבער מיט א באזונדערס גרויסען גלאנץ.

צו דעם קאנגרעס זיינען געקומען 6000 פעדאגאגען פון אלע עקען וועלט. 40 לענדער זיינען אויף אים געווען פארטראטען. אלע אייראפעאישע לענדער האבען צו אים געשיקט דעלעגאטען, אלע, אחוץ צוויי, דייטשלאנד און עסטרייך. די צוויי לענדער, וואס זיינען ביז מיט א פאר יאר צוריק געשטאנען אן דער שפיץ פון מאדערנער פעדאגאגיק, האבען זייערע דעלעגאטען ניט צוגעשיקט.

דער פארזיצער פון דער ערשטער זיצונג איז געווען לעאן בלום, וועלכער האט געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען דער דעמאקראטישער ערציהונג. די צוקונפט פון דער פאלקס־שול, די צוקונפט פון בילדונג אין אלגעמיין, האט בלום געזאגט, איז איינגאנצען אפהענגיג פון דער סאציאלער ענטוויקלונג.

אינטערעסאנטע רעדעס האבען אויך געהאלטען דער סאציאליסטישער בילדונגס מיניסטער פון פראנקרייך, זשאן זעי, און דער גענעראל סעקרעטער פון דער מעכטיגער פראנצויזישער לערער יוניאן, וואס ציילט א מיטגלידערשאפט פון קנאפע הונדערט טויזענט. זעה האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דער פרוכטבארער ארבייט פון דער פאלקס־פראנט רעגירונג, וואס האט אין משך פון איין יאר פארלענגערט די צייט פון אבליגאטארישער שול בילדונג, ארגאניזירט די נאכשול בילדונג פון די ארבייטענדע מאסען, באשאפען לערער־פלעצער פאר נייע זעקס טויזענט טיטשערס און אריינגעגאסען א גאנץ נייע נשמה אין דעם גאנצען שול וועזען.

אחוץ לערער און שול טוער זיינען צו דעם צוזאמענפאר געקומען אויך פארטרעטער פון די בילדונגס מיניסטארען, אין די לענדער וואס האבען צוגעשיקט זייערע דעלעגאציעס צו דעם אינטערעסאנטען צוזאמענקונפט. צווישען די דאזיגע מלוכה דעלעגאטען זיינען אויך געווען די בילדונגס־מיניסטארען פון קאטאלאניע און וואלענציע.

אויך די פראנצויזישע רעגירונג האט צוגעשיקט איר אפיציעלען באגריסער, דעם אויסלענדישען מיניסטער דעלבאס.

⁂

קוים האט זיך געשלאסען דער קאנגרעס, ווי אין זעלבען פאריז האט זיך געעפענט נאך אן אינטערנאציאנאלער צוזאמענקונפט פון לערער, אדער ריכטיגער נאך פיר אזעלכע צוזאמענפארען. דער ערשטער, און פאר אונז דער וויכטיגסטער, איז אפגעהאלטען געווארען אין סיטי האל פון אפאריזער פארשטאט. דאס איז געווען דער צוזאמענפאר פון אינטערנאציאנאלען סעקרעטאריאט פון לערער יוניאנס, וואס איז א טייל פון דעם טרייד־יוניאן אינטערנאציאנאל. ביי דעם צוזאמענקונפט זיינען געווען פארטראטען די צענטראלע יוניאן קערפערשאפטען פון די לערער אין פראנקרייך, ענגלאנד, בעלגיע, בולגאריע, טשעכאסלאוואקיע, שפאניע, האלאנד, פוילען, שוועדען, מעקסיקא און די פאראייניגטע שטאטען. סאוועט רוסלאנד, וועמענס פארבאנד עס באלאנגט נאך ניט צום טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל, האט צוגעשיקט א ווארימע באגריסונג.

ספעציעלע דעלעגאציעס זיינען פון דעם צוזאמענפאר געשיקט געווארען צו די דריי אנדערע אינטערנאציאנאלע פעדעראציעס פון לערער און שול טוער, וואס האבען דאן, דעם ערשטען אויגוסט, געהאט זייערע קאנגרעסען אין פאריז: אינטערנאציאנאלע פעדעראציע פון לערער אסאסיאיישאנס, דעם אינטערנאציאנאלען פארבאנד פון האי־סקול פראפעסארס און דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון פעדאגאגען. אלע דריי באלאנגען נאך ניט צום טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל.

ביאלאסטאקער טעקסטיל ארבייטער געווינען פארצויגענעם סטרייק.

די ביאלאסטאקער טעקסטיל ארבייטער האבען, נאך א גענעראל סטרייק, וואס האט געדויערט איבער 9 וואכען, זיך צוריקגעקערט זיגרייכע צו דער ארבייט.

אין דעם קאלעקטיווען אפמאך, וואס דער קלאסען פאראיין פון די טעקסטיל ארבייטער אין פוילען האט געשלאסען מיט דער אסאסיאיישאן פון די באלעבאטים, זיינען אריינגעגאנגען רעיזעס פאר אלע קאטעגאריעס ארבייטער, וואס באטרעפען צווישען 9 און 11 פראצענט. די ארבייטער האבען אויך געוואונען א צאל אנדערע הנחות, און דער עיקר — די ארבייטער יוניאנס זיינען געבליבען אויף די הערשענדע פאזיציעס וואס זיי האבען אויסגעקעמפט אין די גוטע יארען פון 1933. ווען מען דערמאנט זיך, אז די פאשיסטישע און האלב־פאשיסטישע קאטוילישע „יוניאנס", איבען נאך אויס א שטארקען איינפלוס אויף די רעליגיעזע און נאציאנאליסטיש־געשטימטע פוילישע ארבייטער, ווערט דער ערפאלג פון ביאלאסטאקער טעקסטיל סטרייק פארוואנדעלט אין א ליכטיגער ערשיינונג אין לעבען פון די קלאסענבאוואוסטע ארבייטער פון פוילען, אידישע און ניט־אידישע.

גוטע נייעס פון רומעניע

צו דעם סארט ליכטיגע ערשיינונגען אין דער ארבייטער באוועגונג באלאנגט אן צווייפעל אויף דער איבעראשענדער רעזולטאט פון די לעצטע קהלה וואלען אין טשערנאוויץ, רומעניע.

אויף א פאראָרדנונג פון העכסטען געריכט, זיינען דעם 4טען דזשולי פארגעקומען וואלען אין דער אידישער קהילה פון טשערנאוויץ. אין דעם וואל־קאמף האבען זיך באטייליגט אלע אידישע פארטייען, און צווישען זיי די שוין פיר יאר פארבאטענע און אונטערדריקטע פארטיי פון אידישע ארבייטער און סאציאליסטען, דער רומענישער „בונד". שוין באלד עטליכע יאר ווי מען האט אונז איינגערעדט, אז דער „בונד" אין רומעניע איז טויט, אז אויף דער אידישער גאס האבען א השפעה בלויז די בירגערליכע פארטייען און די ציוניסטען מכל המינים. און אזוי ווי די פארטיי איז געווען פארבאטען און איר ארגאן „די נייע צייטונג" צוגעמאכט, איז פאר זייטיגע מענשען געווען אוממעגליך פעסטצושטעלען וואו

דזשאָזעפינאַ דעל וועטשיאָ און דזשעראָם גאַנצער צו שטעלען זיך אין פאַרבינדונג מיט די ארבייטער און העלפען זיי זיך דערשלאָגען בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען. טראָץ די שוועריגקייטען איבער דעם וואָס קיין יוניאָן אָרגאַנייזער האָט מען ניט אריינגעלאָזען אין דער געביידע וואו דער שאַפּ געפינט זיך, איז דאָך די אָרגאַנייזערס געלונגען צו שטעלען זיך אין פאַרבינדונג מיט די ארבייטער און רופען זיי צו אַ מיטינג. דעם נעקסטען טאָג איז דער שאַפּ אָפיציעל ערקלערט געוואָרען אין סטרייק.

אויך די פירמע האָט אַ יוניאָן שאַפּ אין ניו יאָרק אונטער'ן קאָנטראָל פון לאָקאל 62. ברודער שאָר, מענעדזשער פון לאָקאל, האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער פירמע אין ניו יאָרק און עס האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרהאַנדלונגען וועלכע האָבען געדויערט 5 טעג און זיך געענדיגט מיט אַן אַגרימענט, קריגענדיג פאַר די ארבייטער אַ העכערונג אויף די שכירות און יוניאָן באַדינגונגען.

סטרייק אין דער „ניקערבאָקער גאַרמענט קאָ." פון עליזאַבעט געוואונען טראָץ אינדזשאַנקשאַן.

דער קאמפּיין צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון דער „ניקערבאָקער גאַרמענט קאָ.", פון עליזאַבעט, ניו דזשוירזי, האָט זיך אָנגעהויבען לעצטען יאַנואַר. דעם 5טען מאַרטש האָט די פירמע אַרויסגעוואָרפען פון דער ארבייט פיר ארבייטער פאַר יוניאָן טעטיגקייט און די יוניאָן האָט ערקלערט אַ סטרייק. נאָכדעם ווי דער שאַפּ איז געפּיקעט געוואָרען עטליכע טעג, האָט די פירמע אַרויסגעקראָגען איינעם פון די שענדליכסטע ניו דזשוירזי אינדזשאַנקשאַנס, וועלכער האָט פאַרבאָטען דער יוניאָן פּיקעטען, רעדען צו די ארבייטער, באַזוכען זיי אין זייערע היימען אָדער אַפילו קומען נאָענט פון שאַפּ. טראָץ דעם איז די יוניאָן אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיגקייט און די פירמע איז געשטערט געוואָרען פון אָנגיין מיט איר ארבייט נאָרמאַל. דעם 9טען אויגוסט זיינען די ארבייטער אַלע ווי איינער ארונטער אין סטרייק אויפ'ן רוף פון דער יוניאָן און גענומען די ריזיקע צו פּיקעטען דעם שאַפּ טראָץ דעם אינדזשאַנקשאַן. אין עטליכע טעג ארום האָט דער באָס זיך אונטערגעשריבען און גערופען די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן צו פאַרהאַנדלען וועגען אַ סעטלמענט. וויס פּרעזידענט וואַנדער און פּעשע דעטלעפסאָן האָבען אָנגעפירט די פאַרהאַנדלונגען פאַר דער יוניאָן און האָבען אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט פאָלגענדע באַדינגונגען; קלאָוזד יוניאָן שאַפּ; אַ 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך; 60 סענט אַ שטונדע אלס באַזיס פאַר אָפּערייטאָרס און פּרעסערס; 16 דאָלאַר מינימום פאַר פינישערס; 14 דאָלאַר מינימום פאַר פלאָר מיידלאַך; צוריקנעמען צו דער ארבייט אַלע ארבייטער; צוריקציען דעם אינדזשאַנקשאַן און די קלאַגען געגען דער יוניאָן וואָס זיינען פאַרבונדען דערמיט און גלייכצייטיג האָט די פירמע שוין אויך יוניאָניזירט אירען אַ קאָנטראַקטאָר, „די ראָוז באָד דרעס קאָ.", וואו די ארבייטער זיינען ארונטער אין סטרייק צו העלפען די סטרייקער פון דער ניקערבאָקער. די ארבייטער אין דעם קאָנטראַקטינג שאַפּ האָבען אויך געקראָגען די זעלביגע באַדינגונגען.

די נאָראַ ליע אַנדערגאַרמענט קאָ.

די „נאָראַ ליע אַנדערגאַרמענט קאָ." געפינט זיך אין גרענוויל, ניו יאָרק. דאָס איז אַ שטעטעל 50 מייל פון טראָי און די פעקטאָרי איז די איינציגע קליידער פאַבריק דאָרט. די ארבייטער האָבען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו קריגען ארבייט ערגעץ אַנדערש און זיינען דעריבער געצוואונגען געווען צו ארבייטען אונטער וועלכע ניט איז באַדינגונגען וואָס דער באָס האָט געגעבען. זיי האָבען געארבייט אַכט און פערציג שטונדען אַ וואָך פאַר זייער נידעריגע שכירות. די אָרגאַנייזערס קאַמינגס און גודמאַן האָבען פּראָבירט יוניאָניזירען דעם שאַפּ און קריגען פאַר די ארבייטער בעסערע באַדינגונגען אָן אַ סטרייק. דורך אַ פאַרטרעטער פון דעם לעיבאָר דעפּאַרטמענט האָבען זיי עטליכע מאָל באַזוכט דעם באָס און פּראָבירט מיט אים פאַרהאַנדלען, דער באָס אָבער האָט באַאין אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען אַ 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך. ער האָט שוין געוואָלט צושטימען צו געבען די ארבייטער אַ העכערונג פון 5 פּראָצענט אויף די שכירות אָבער די ארבייטס־וואָך איז ער באַשטאַנען זאָל זיין 44 שטונדען. דאָס האָט די יוניאָן אנטזאָגט און האָט דעם שאַפּ דערקלערט אין סטרייק. נאָך אַ וואָך סטרייקען האָט דער באָס געסעטעלט אויף אַ 40־שטונדען וואָך; אַ העכערונג פון 10 פּראָצענט אויף די שכירות גלייך און ווייטערע העכערונגען ביז זיי וועלען דערגרייכען דעם סקייל.

די וואַלמאַר גאַרמענט פון פּאַסייק האָט זיך ענדליך איבערצייגט.

די אייגענטימער פון דער „וואַלמאַר אַנדערגאַרמענט קאָ." פון פּאַסייק, ניו דזשוירזי, איז געווען זייער שווער איבערצוצייגען אַז זייערע ארבייטער ווילען די אינטערנעשאַנעל זאָל זיי פאַרטרעטען אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע. עס האָט גענומען אַ סטרייק און אַן אַפּשטימונג זיי איבערצוצייגען. אָבער ענדליך האָבען זיי אויסגעפונען אַז די יוניאָן איז גערעכט.

געווען איז די געשיכטע אַזוי: מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָט די יוניאָן זיך גענומען אָרגאַניזירען די 130 ארבייטער וואָס ווערען באַשעפטיגט ביי דער פירמע און 100 פון זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַן דער יוניאָן און באַאויפטראַגט דער אינטערנעשאַנעל צו פאַרטרעטען זיי אין קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע. דזשענעראַל אָרגאַנייזער סיראָטאַ האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער פירמע און געזוכט צו אַראַנזשירען אַ קאָנפערענץ צווישען מר. גאָלדבערג, דעם אייגענטימער, און וויס־פּרעזידענט וואַנדער פון דער יוניאָן. גאָלדבערג האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, אָבער אין טאָג פון קאָנפערענץ האָט ער געלאָזט וויסען, אַז איבער אַ טויטען פאַל אין דער פאַמיליע מוז ער אָפּלייגען די קאָנפערענץ פאַר דער נעקסטער וואָך. דעם נעקסטען מאָל האָט אָבער די פירמע אָפּגערופען דעם אָרגאַנייזער און געלאָזט וויסען אַז זיי זיינען נאָך ניט איבערצייגט אַז די אינטערנעשאַנעל פאַרטרעט אַ מערהייט פון אירע ארבייטער און זי קען דעריבער מיט דער יוניאָן ניט פאַרהאַנדלען. די פירמע האָט ארום דער זעלבער צייט אַראַנזשירט אַ פּיקניק פאַר אירע בעל מלאכות אין אַ פאַרזוך זיי אַריבערצוגעווינען פון דער יוניאָן. די יוניאָן האָט דאַן געלאָזט וויסען דער פירמע, אַז אום צו איבערצייגען איר אַז די יוניאָן פאַרטרעט אַ מערהייט פון אירע ארבייטער, מוז זי רופען אַ סטרייק.

דעם 21טען יולי איז דער סטרייק גערופען געוואָרען און אויף מאָרגען זיינען שוין אַלע ארבייטער, ווי איינער, געשטאַנען אויסערן שאַפּ. נאָך צוויי וואָכען סטרייקען, איז נאָך די פירמע אַלץ ניט געווען זיכער אויב אירע ארבייטער ווילען טאַקע די אינטערנעשאַנעל זאָל זיי פאַרטרעטען און האָט פאַרלאַנגט אַן אַפּשטימונג פון די ארבייטער אונטער'ן אויפזיכט פון דער לייבאָר רילעישאַנס באָארד. דער פאַרלאַנג אירער איז באַוויליגט געוואָרען און דעם 5טען אויגוסט זיינען פאָרגעקומען די וואַלען מיט דעם רעזולטאַט אַז 95 ארבייטער האָבען געשטימט פאַר דער אינטערנעשאַנעל און 16 געגען.

נאָך דער אַפּשטימונג האָט זיך די פירמע ענדליך איבערצייגט און האָט אָנגעהויבען פאַרהאַנדלונגען וועגען באַדינגונגען. אַן אַגרימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען איינשטעלענדיג אַ 37½ שטונדיגע ארבייטס־וואָך; 16 דאָלאַר מינימום פאַר אָפּערייטאָרס; 15 דאָלאַר מינימום פאַר פּרעסערס; פיר געזעצליכע יום טובים און אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ. דער סטרייק איז אָנגעפירט געוואָרען פון פּראַנסיס וועגגען.

ספּעציעלער קאַמפּיין אין קאָטאָן דרעס טרייד.

די דרעס דזשאָינט באָארד האָט באַשלאָסען אין קורצען אָנצוהויבען אַ קאַמפּיין אין דעם קאָטאָן דרעס טרייד. זיי האָבען געבעטען דעם אויט־אָוו־טאָון דעפּאַרטמענט אָנצוהויבען אַ קאַמפּיין אין קאָטאָן טרייד אין איר טעריטאָריע גלייכצייטיג מיט דעם קאַמפּיין פון דער דרעס דזשאָינט באָארד אין ניו יאָרק. דאָנערשטאָג, דעם 12טען אויגוסט איז פאַר דעם צוועק גערופען געוואָרען אַ מיטינג פון אַלע דיסטריקט מענעדזשערס און אָרגאַנייזערס אויסצואַרבייטען פּלענער פאַר דעם קאַמפּיין. אייניגע מענעדזשערס וועלכע האָבען אַ צאָל ניט אָרגאַניזירטע קאָטאָן דרעס שעפּער אין זייער טעריטאָריע, זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען צו געבען זייער גאַנצע צייט צו דעם קאַמפּיין און איבערגעבען זייערע אַנדערע פליכטען פאַר אַ ווילע צו עמיצען אַנדערש אין אָפּיס. די אָרגאַנייזערס זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען פאַר דער צייט אָפּצושטעלען יעדע אַנדערע טעטיגקייט און זיך קאָנצענטרירען אויף דעם קאַמפּיין. ברודער וואַנדער, מענעדזשער פון דעם אויסטערן אָוט־אָוו־טאָון דעפּאַרטמענט, האָט געלאָזט וויסען די מענעדזשערס און אָרגאַנייזערס אַז ער איז גרייט צו געבען זיי יעדע הילף וואָס איז נויטיג צו מאַכען דעם קאַמפּיין אַן ערפאָלג.

אַן ארויספאָר פון די טשילדרען דרעסמאַכער פון נואַרק.

שבת, דעם 14טען אויגוסט האָבען די נואַרקער טשילדרען דרעסמאַכער פון לאָקאל 220 געפייערט דעם געבורטסטאָג פון זייער לאָקאל מיט אַן ארויספאָר צום לעיק האָפּאַטקאָנג. דער לאָקאל איז געטשאַרטערט געוואָרען מיט אַ יאָר צוריק נאָכדעם ווי די טשילדרען דרעסמאַכער פון נואַרק האָבען געוואונען זייער גענעראַל סטרייק.

די מיטגלידער האָבען זיך זייער גוט אַמוזירט מיט באָדען זיך און פאַרשידענע פאַרווילונגען. עס איז סערווירט געוואָרען אַ געשמאַקער לאָנטשאָן און די מעמבערס האָבען געזונגען יוניאָן לידער. הערי וואַנדער, וועלכער איז געווען אַ ספּעציעל געלאַדענער גאַסט, די מענעדזשערין פון לאָקאל, סיידי רייש, און עריק ראָזה האָבען געהאַלטען קורצע רעדעס.

אין קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט

זומער אָדער ווינטער, הייסע אָדער קאַלטע וועטערען, ביזי צי סלעק, קיין זאַך שטעלט ניט אָפּ די לעבעדיגע, ענערגישע טעטיגקייט פון דעם קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט אונטער דער פירערשאַפט פון וויס פּרעזידענט עלייעס רייזבערג. סטרייקס, קאַמפּיינס, סעטעלמענטס געהען כסדר אָן.

אָט איז אַ צעטעל פון דערגרייכונגען דורך דעם לעצטען מאָנאַט, ווי רייזבערג גיט עס איבער:

צוויי סעטעלמענטס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די ערשטע פאָר וואָכען פון אויגוסט. די „אַלקאַ קאָסטיום קאָמפּאַני" פון ניו איגעלס, פּענסילווייניאַ, האָט געסעטעלט נאָך אַ ביטערען סטרייק וואָס האָט געדויערט 5 וואָכען. די פירמע פּראָדוצירט מאַסקאַראַד קאָסטיומען און באַשעפטיגט 150 אַרבייטער. די אַרבייטער האָבען געוואונען קלאָוזד יוניאָן שאַפּ, אַ קירצערע אַרבייטס־וואָך און באַדייטענדע העכערונגען אויף די שכירות.

דער צווייטער סעטעלמענט איז געווען מיט דער „פּראַים ריינקאָוט קאָ." פון בראָקטאָן, מאַסאַטשוזעטס. די פירמע האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט די זעלבע באַדינגונגען ווי די וואָס די באָסטאָנער ריינקאָוט מאַכער האָבען געקראָגען אין דעם אַגרימענט מיט דער דאָרטיגער אַסאָסיאיישאָן. די פירמע איז אַנטלאָפען פון באָסטאָן מיט צוויי יאָר צוריק, זיך אַנטזאָגענדיג צו באַנייען דעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן. די יוניאָן האָט איר אָבער אויך געפונען אין בראָקטאָן און די 50 ארבייטער זיינען געווען אַזוי פעסט אָרגאַניזירט אַז די פירמע האָט געסעטעלט אָן אַ סטרייק. דזשעק האַלפּערן האָט אָנגעפירט די פאַרהאַנדלונגען.

ניט־גודס סטרייקס אין לאָועל און פיטספילד געסעטעלט

דער פאַרצויגענער סטרייק געגען דער וואָלף ניטינג מילס פון לאָועל, מאַסאַטשוזעטס, וועלכער האָט געדויערט 5 מאָנאַטען, איז אויך געסעטעלט געוואָרען דעם מאָנאַט. דער סטרייק איז גערופען געוואָרען גלייכצייטיג מיט'ן סטרייק אין די „סאָפּאָלק ניטינג מילס" וועלכע האָט 1300 אַרבייטער. די סאָפּאָלק האָט גלייך געסעטעלט. די וואָלף פירמע האָט בעסער געוואָלט אַ מלחמה מיט דער יוניאָן. איצט, נאָך פינף מאָנאַטען פון פאַרקריפּעלטער פּראָדוקציע, — אָט די פירמע איינגעזען אַז דער יוניאָן וועט זי ניט אויסמאַטערן און האָט דעריבער אויך געסעטעלט. די הונדערט אַרבייטער האָבען געוואונען אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ; אַ 40 שטונדען וואָך; איינס מיט אַ פערטעל געצאָלט פאַר אָווערטיים און אַ העכערונג אויף די שכירות. דער סטרייק איז געפירט געוואָרען פון י. האַלפּערן און דער סטעף פון באָסטאָן אָפיס.

עס איז פאַרענדיגט געוואָרען דער פאַרביטערטער סטרייק געגען דער „מאַסגראַוו קאָטאָן מילס" אין פיטספילד, וועלכער האָט געדויערט צען וואָכען. די אַרבייטער האָבען געוואונען אַלע זייערע פאָדערונגען, אַ 40 שטונדען וואָך, אַ העכערונג אין די פאַרדינסטען, און אומפּאַרטייאישע מאַשינערי צו שליכטען סכסוכים. אין אָנהויב פון סטרייק איז די עפענטליכע מיינונג געווען זייער פיינדליך צו די 150 סטרייקער. דער טאַקט אָבער מיט וועלכען דער סטרייק איז געפירט געוואָרען האָט פאַר זיי געוואונען דעם רעספּעקט פון דער באַפעלקערונג. דער סטרייק איז געפירט געוואָרען פון באָסטאָנער אָפיס אונטער'ן אויפזיכט פון האַלפּערן. די אָרגאַנייזערס מערי לעווין און הענרי ברייט האָבען געטאָן די מערסטע אַרבייט. דזשאָזעף ביראַק האָט אַלס

אײנגעמאַנט די סומע פון 5,350 דאָלער פון פינף פירמעס פאַר איבערטרעטען דעם אגרימענט.

די סומע פון שאָדען ערזאַץ וואָס די יוניאַן האָט איינגעמאַנט פון יעדער פון די פירמעס איז פאַרשידען לויט דער שווערקייט פון פאַרברעכען וואָס די פירמע איז באַגאַנגען און לויט די נוצען וואָס זי האָט געהאַט דורך די פאַרברעכענס געגען דעם אגרימענט. די פאַרברעכענס זיינען געווען פון ניט דערצאָלען די ארבייטער שכירות, ארויסגעבען ארבייט אין ניט רעגיסטרירטע שעפּער ביז פעלשען רעקאָרדס צו באַהאַלטען פון דער יוניאַן די ריכטיגע פאַקטען.

די גרעסטע איינציגע סומע שטראָף האָט באַצאָלט די פירמע „דזשרדזש דזשייקאָבסאָן", אן אינסייד מאַנופעקטשורער, א מיטגליד פון דער אפיליאייטעד אסאָסיאיישאָן. די פירמע האָט באַצאָלט 2,650 דאָלער שאָדענערזאַץ. די נעקסטע סומע אין גרויס האָט באַצאָלט די „מאַקסיין דרעס" פירמע פאַר פעלשען רעקאָרדס. די פירמע האָט באַצאָלט טויזענד דאָלער. די אַנדערע דריי פירמעס זיינען: „פאָרם פיט", 900 דאָלער ; „סופּיריאָר", א קאָנטראַקטינג שאַפּ, האָט באַצאָלט 350 דאָלער און די „גיבראַלטאַר דרעס", האָט באַצאָלט 450 דאָלער פאַר ארויסגעבען ארבייט צו א קאָנטראַקטאָר וואָס איז ניט געווען רעדזשיסטריט פאַר דער פירמע כאָטש דער שאַפּ איז א יוניאַן שאַפּ.

ווי מאָסקאָוויץ דערקלערט, איז דאָס בלויז אן אָנהייב. די יוניאַן איז אנטשלאָסען ניט צו דערלאָזען קיינעם פון די בעלי בתים זיך ארויסדרעהען פון די באַדינגונגען וואָס די ארבייטער דאַרפען קריגען לויט דעם אגרימענט. דער סטעף אקאַונטענט פון דער דזשאָינט באָארד וועט אונטערזוכען יעדען פאַל וואו עס איז דאָ א חשד, אז די בעלי בתים היטען ניט אָפּ די יוניאַן באַדינגונגען און די וואָס וועלען געכאַפּט ווערען וועלען שטרענג באַשטראָפט ווערען.

סטרייק געגען באָסעס וואָס בייטען די נעמען זיך אויסצובאַהאַלטען פון דער יוניאָן.

פאַראַן באָסעס אין דרעס טרייד, וואָס גלויבען נאָך אין דער אַלטער סגולה פון בייטען דעם נאָמען. אויב אָבער זיי האָבען געדענקט דערמיט צו בייטען זייער מזל אין באַצוג צו ארבייטס-באַדינגונגען וואָס זיי דאַרפען געבען זייערע בעל מלאכות, האָט זיי די דזשאָינט באָארד באַוויזען, אַז זיי האָבען זיך אָפּגענאַרט.

די טעכניק פון בייטען דעם נאָמען איז ביי די דרעס באָסעס אַביסעל אַנדערש ווי דאָס פלעגט געמאַכט ווערען אין דער אַלטער היים, ווען מען פלעגט „משנא השם זיין א קראַנקען, כדי דער טייוועל זאָל אים ניט געמען". אין דער אלטער היים פלעגט מען דעם נאָמען בייטען אין שול אָדער אין בית המדרש אַז אַלע זאָלען וויסען. די דרעס באָסעס מאכען עס אָבער שטילערהייט און היטען זיך אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוויסען פון דעם. די דרעס דזשאָינט באָארד געפינט עס אָבער אויס און די באָסעס איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.

געגען דריי אַזעלכע באָסעס, וואָס האָבען שטילערהייט געביטען די נעמען, פירט אַן איצט די דרעס דזשאָינט באָארד סטרייקס. די דריי באָסעס זיינען: דייוויד האָראָוויץ, „עי ענד עם דרעס" און דייוויד מינץ.

האָראָוויץ האָט אויסגעשלאָסען זיינע ארבייטער און האָט נאָכדעם כלומרשט געעפענט א נייעם געשעפט צו קויפען און פאַרקויפען דרעסעס. די „עי ענד עם דרעס" איז אַרויס פון ביזנעס מיט א שטיקעל צייט צוריק, ווען די יוניאָן האָט גערופען ביי אים א סטרייק צוליב דעם וואָס ער האָט זיך ענטזאָגט צו באַצאָלען בעק-פּעי זיינע ארבייטער פאַר ניט-דערצאָלטע פרייזען. איצט איז ער צוריק אין ביזנעס, אָבער אַזוי שנעל ווי די יוניאָן האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זי ווידער אוועקגעשטעלט א פּיקעט ליין און ער וועט מוזען באַצאָלען די בעק-פּעי אָדער באמת ארויס פון ביזנעס.

נאָך א צאָל סטרייקס פון דעם זעלבען סאָרט, ווערט ערוואַרטעט, זאָלען גערופען ווערען אין גיכען.

וויכטיגע ענטשיידונג פאַר אַרבייטער אין די „אקסעסאָרי" טריידס

די דזשאָינט באָארד פון דער דרעסמאכער יוניאַן האָט געוואונען א וויכטיגע ענטשיידונג פון אימפּאַרשעל טשערמאַן, יוזעליר, וואָס וועט פיל העלפען די ארבייטער אין די „אקסעסאָרי טריידס", די טריידס וואָס שטעלען צו פאַרשידענע באַפּוצונגען פאַר דרעסעס, ווי עמבראָידערי, קינסטליכע בלומען, באַטאָנס און נאָוועלטיס אין דעם קאמפּיין וואָס די לאָקאַלס און זייער דזשאָינט קאָונסיל פירען איצט אָן צו אָרגאַניזירען די ארבייטער אין די טריידס און אויסקעמפען פאַר זיי מענשליכע באַדינגונגען.

די ענטשיידונג פון דעם אימפּאַרשעל טשערמאַן זאָגט אויסדריקליך, אז לויט דעם אָגרימענט וואָס די דרעס מאַנופעקטשורערס האָבען אונטערגעשריבען מיט דער דרעסמאַכער יוניאַן, זיינען זיי פאַרפליכטעט צו קויפען אַלע זייערע אקסעסאָריס בלויז פון אַזוינע פירמעס וואָס האָבען אן אגרימענט מיט דער יוניאַן און היטען אָפּ יוניאַן באַדינגונגען. די דאָזיגע ענטשיידונג האָט שוין געהאַט די ווירקונג אז פיר פון די גרעסטע ניט יוניאַן פירמעס פון קינסטליכע בלומען, וואָס האָבען אַ לאַנגע צייט באַקעמפט דעם פאַרזוך פון זייערע ארבייטער זיך צו אָרגאַניזירען, האָבען אונטערגעשריבען אָגרימענטס מיט לאָקאַל 142 פון דער אינטערנעשאָנעל. די פיר פירמעס זיינען: „אָסטאָר פלאָוערס", „רעמבלער ראָוז", „פּאַטרישיא" און „פלאָראַל אַרט". ווי דזשאָזעף טאָוואָים, מענעדזשער פון לאָקאַל 142 ערקלערט, פּראָדוצירען די פיר פירמעס ארום אַ העלפט פון אַלע קינסטליכע בלומען וואָס עס ווערען געמאַכט אין ניט-יוניאַן שעפּער אין דעם ניו יאָרקער געגענט. נאָכדעם ווי די שעפּער זיינען געסעטעלט געוואָרען, זיינען די אויסזיכטען גוטע ,אַז דער גאַנצער טרייד פון קינסטליכע בלומען וועט אין גיכען זיין הונדערט פּראָצענט אָרגאַניזירט.

די ענטשיידונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דעם אימפּאַרשעל טשערמאַן אין דעם פאַל פון דער פירמע „סטוירען און גאָלדבערג", אַ דרעס פירמע, וועלכע איז אויסגעפונען געוואָרען דורך אַן אונטערזוכונג פון אירע ביכער, אז זי האָט געקויפט בלומען פון דער „פלאָוראַל אַרט", וועלכע איז ניט געווען קיין יוניאָן שאַפּ. דער אימפּאַרשעל טשערמאַן האָט באַפוילען דער פירמע אויפצוהערען האַנדלען מיט דעם באָס. די „פלאָראַל אַרט" האָט דאַן אריינגעשטעלט אַ סובסידיערי אונטער'ן נאָמען „פּרענטש אימפּאָרט הויז" און האָט ווייטער צוגעשטעלט בלומען צו סטוירען און גאָלדבערג אונטער דער טענה, אַז אימפּאָרטירטע בלומען פאַלען ניט אַרונטער אונטער'ן פאַרבאָט. דזשענעראַל מענעדזשער האָכמאַן האָט די קייס ווידער פאָרגעבראַכט פאַר'ן אימפּאַרשעל טשערמאַן און האָט אַרויסגעקראָגען די ענטשיידונג אַז לויט דעם אָגרימענט טאָרען די דרעס מאָנופעקטשורערס ניט האַנדלען מיט קיין ניט יוניאָן פירמע צי דאָס איז אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט אָדער דאָס איז אימפּאָרטירט. נאָך דער ענטשיידונג האָבען די פיר פירמעס געסעטעלט מיט דער יוניאָן און אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט לאָקאַל 142.

דער דזשאָינט קאָונסיל פון אַלע אינטערנעשאָנעל לאָקאַלס אין די אקסעסאָרי טריידס האָט איינשטימיג באַשלאָסען צו באַדאַנקען דזשענעראַל מענעדזשער האָכמאַן און דער דרעס דזשאָינט באָארד פאַר דער גרויסער הילף וואָס זיי גיבען די יוניאָנס אין זייער ארבייט צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון די טריידס.

לײדיס טעילאָרס לאָקאַל 38 באַנייט אַגרימענט.

איזידאָר דזשייקאָבס, מענעדזשער פון לײדיס טײלאָרס און פריוועט דרעסמייקערס יוניאַן לאָקאַל 38, מעלדעט אַז נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיט'ן „קוטיררערס" דיוויזשאָן" פון אינדאָסטריעל קאָונסיל פון די קלאָוק מאָנופעקטשורערס איז זיי געלונגען צו באַנייען דעם אָגרימענט פאַר צוויי יאָר מיט באַדייטנדע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבייטער.

די „קוטיורערס דיוויזשאָן" איז די גרופּע מאַנופעקטשורערס אין קאָונסיל, וועלכע האָבען זייערע שעפּער אין דעם געגענד פון פינפטע עוועניו און 57טע סטריט און פּראָדוצירען די טייערע קאָוטס, סוטס און דרעסעס פאַר דעם קאַסטאָם טרייד.

דורך דעם נייעם אָגרימענט האָבען די אָרבייטער געוואונען אַ העכערונג אויף די שכירות פון 10 ביז 15 פּראָצענט. די אָרבייטס-וואָך איז די זעלביגע וואָס אין קלאָוק-טרייד — 35 שטונדען אַ וואָך. די קאָמיטע וואָס האָט צוזאַמען מיט'ן מענעדזשער דזשייקאָבס אָנגעפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט דער אַסאָסיאיישאָן איז באַשטאַנען פון סעמיועל דרעיזין, סאָול עדעלמאַן, ווישנעווסקי, ר. וויטולאָ, פרענק מאַרעטי, דזשאָזעף מאַראַלי און איווא קאָהען.

אין איסטערן אוט-אָוו-טאָון דעפּאַרטמענט

אַן אויסערגעוויינליכער רעקאָרד פון ערפאָלגרייכער אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט האָט דעם מאָנאַט באוויזען דער איסטערן אוט-אָוו-טאָון דעפּאַרטמענט, אונטער דער פירערשאַפט פון וויס-פּרעזידענט הערי וואַנדער. אין משך פון די ערשטע צוויי וואָכען אין אויגוסט, האָט דער דעפּאַרטמענט אָרגאַניזירט צען פון די פּאַרביסענסטע סוועט שעפּער וואָס האָבען זיך געפונען אין דער טעריטאָריע. וואַנדער'ס שילדערונג פון די באַדינגונגען אין די שעפּער, די שוועריגקייטען צו אָרגאַניזירען זיי און די געווינסען פון די ארבייטער לייענט זיך ווי אַ שפּאַנענדע ערציילונג פון ארבייטער קאַמף.

דער סטרייק און סעטעלמענט אין מילטאָון, נ. דזש.

מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָט זיך אין מילטאָון, ניו דזש., געעפענט אַ שאַפּ פון רעיאָן אונטערוועש מיט אומגעפער 70 ארבייטער. די פירמע האָט זיך אַ נאָמען געגעבען „מילטאָון מילס אינק."

כאָטש דער נאָמען איז אַ גאַנץ שעהנער, האָט אָבער דער דאָרטיגער אָרגאַנייזער פון דער יוניאָן אויסגעפונען, נאָך אַן אונטערזוכונג, אַז די פירמע צאָלט אירע בעל מלאכות אַ גאַנצען דאָלאַר פאַר אַ טאָג ארבייט. דעם 21טען יולי האָט די יוניאָן גערופען די ארבייטער פון דעם שאַפּ אין סטרייק און אַלע ווי איינער זיינען אַרונטער. כאָטש פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע האָבען זיך גלייך אָנגעהויבען איז עס אָבער געווען אַ זייער שווערער דזשאָב צו סעטלען. די בעלי בתים האָבען געטענה'ט אַז כאָטש זיי צאָהלען די ארבייטער בלויז איין דאָלאַר אַ טאָג, דערלייגען זיי דאָך געלט צום עסק, ווייל די ארבייטער זיינען אַלע לערנער, וועלכע קענען ניט נייען אויף אַ מאַשין. נאָך דריי וואָכען סטרייקען האָט די פירמע ענדליך געסעטעלט אויף פאָלגענדע באַדינגונגען: אַ 40-שטונדיגע ארבייטס-וואָך ; 14 דאָלאַר אַ מינימום סקייל ; אַ העכערונג פון צוויי דאָלאַר אַ וואָך גלייך פאַר אַלע ארבייטער און אַ ווייטערע העכערונג פון איין דאָלאַר יעדע זעקס וואָכען ביז די ארבייטער פון יעדען פאַך וועלען דערגרייכען דעם מינימום פון דעם פאַך ארבייט וואָס זיי טוען. מיט דעם סעטלמענט האָבען זיך געפרייט ניט נאָר די ארבייטער, נאָר צוזאַמען מיט זיי דאָס גאַנצע שטעטעל.

דער סטרייק און סעטעלמענט אין איילאַנד, נ. דזש.

אין דער שטעטעל געפינט זיך אַ שאַפּ פון אונטערוועש מיט'ן נאָמען „סעיבראָס מאָנופעקטשורינג קאָ." די זעלביגע פירמע האָט אויך אַ שאַפּ אין ניו יאָרק, וועלכער ווערט קאָנטראָלירט פון דער וויטגודס מאכער יוניאָן לאָקאַל 62. דער אָרגאַנייזער פון אוט-אָוו-טאָון דעפּאַרטמענט אין יענעם געגענד, דזשעק פּאַלאַנעאַ, האָט אָנגעהויבען אָרגאַניזירען די ארבייטער מיט ארום זיבען וואָכען צוריק און עס איז אים געלונגען צו קריגען די ארבייטער זיך אַנצושליסען אַן דער יוניאָן. דעם צווייטען אויגוסט איז דער סטרייק גערופען געוואָרען און ברודער סעמועל שאָר, מענעדזשער פון לאָקאַל 62 האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט'ן בעל הבית און אַראַנזשירט אַ קאָנפערענץ אין שאָר'ס אָפיס. וויס-פּרעזידענט וואַנדער און אָרגאַנייזער סיראָטאַ זיינען געקומען צום קאָנפערענץ און נאָכדעם ווי די פאַרהאַנדלונגען זיינען אָנגעגאַנגען עטליכע טעג, האָט מען זיך געאייניגט און אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט אויף פאָלגענדע באַדינגונגען:

דער שאַפּ ווערט אַ קלאָוזד יוניאָן שאַפּ ; אַ באַלדיגע העכערונג אויף די שכירות פאַר אַלע וואָך-ארבייטער און אויף די פרייזען פאַר שטיק ארבייטער פון 15 פּראָצענט ; אַ באַלדיגע אונטערזוכונג פון די שטיק-פרייזען דאַרף געמאַכט ווערען און דער אַדזשאַסטער פון דער יוניאָן איז געאָרדערט געוואָרען גלייך אונטערצוזוכען די פרייזען וואָס די פירמע צאָלט פאַר די פאַרשידענע סאָרטען ארבייט און זיי העכערן לויט די יוניאָן סטאַנדאַרדס.

אַ סיט-דאָון סטרייק אין דזשוירזי סיטי.

די ארבייטער פון דער „לואיס בענדעט ענד קאָ." פירמע אין דזשוירזי סיטי, האָבען ערקלערט אַ זיך סטרייק אלס פּראָטעסט געגען די שלעכטע ארבייטס-באַדינגונגען אין שאַפּ. ברודער סיראָטאַ, וועלכער נעמט אויפזיכט איבער'ן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין אין ניו דזש. סטייט, האָט גלייך אוועקגעשיקט צוויי אָרגאַנייזערס.

סטרייק פון 2 טויזענט הויז־דרעס מאַכער אין שפּאַניאָלישע שעפער געסעטעלט

די טשילדרען און הויז דרעס מאכער יוניאָן לאָקאל 91 האָט באַזיגט איינע פון די פאַרביסענסטע אָפּען שאָפּ פעסטונגען אין דעם טרייד אין ניו יאָרק, ווען זיי האָבען אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער גרופּע שפּאַניאָלישע בעלי בתים פון די הויז דרעס און בעטה־ראָב שעפער אין דעם דאַון טאַון בראָדוויי געגענד אין ניו יאָרק.

די אָפּטיילונג פון דעם הויז דרעס טרייד איז געווען אַ מלוכה פאַר זיך. די יוניאָן האָט דאָרט קיינמאָל ניט געקענט צוקומען. די באָסעס, מערסטענס שפּאַניאָלישע און גריכען, פלעגען באַשעפטיגען אויסשליסליך זייערע גרינע לאַנדסלייט און פּאָרטאָריקאַנער, וועלכע, ניט קענענדיג די שפּראַך און זייענדיג פרעמד אין לאַנד, פלעגען אָננעמען וועלכע ניט איז באַדינגונגען וואָס די באָסעס האָבען זיי געגעבען. די דורכשניטליכע אַרבייטס־צייט אין די שעפער איז נאָך ביז איצט געווען 45 שטונדען אַ וואָך. די שכירות זייער נידעריגע. דער באָס איז געווען דער איינציגער הערשער. די אַרבייטער אין די שעפער האָבען נאָך פּאַקטיש געאַרבייט איצט אונטער די באַדינגונגען וואָס די נאָדעל טרייד אַרבייטער האָבען געהאַט מיט דרייסיג יאָר צוריק אידער אַ יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען.

דער סטרייק האָט געדויערט אַרום צען וואָכען. די באָסעס האָבען זיך פאַראייניגט אין אַן אַסאָסיאיישאַן און האָבען באַקעמפט די יוניאָן מיט אַלע מיטלען וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט. אפילו דאָס אַריינמישען זיך פון דער לייבאָר ריליישאַנס באָאַרד האָט ניט געקענט בויגען די פאַרביסענע בעלי בתים. אָבער אויך זייערע אַרבייטער זיינען געווען איינגעשפּאַרט און אַנטשלאָסען און באַוואַכט די שעפער טאָג און נאַכט ביז די באָסעס האָבען זיך געמוזט בויגען.

ווי הערי גרינבערג, מענעדזשער פון לאָקאל 91, גיט איבער, האָבען זיך די פאַרהאַנדלונגען געצויגען גאַנצע דריי וואָכען. עטליכע פון די גרעסערע מאַנופעקטשורערס, איינזעהענדיג אַז זיי וועלען מוזען סעטלען, האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער אַסאָסיאיישאַן און אונטערגעשריבען אַגרימענטס. ענדליך האָט די אַסאָסיאיישאַן אַלס גאַנצע אויך געמוזט נאָכגעבען און אַן אַלגעמיינער סעטלמענט איז געמאַכט געוואָרען.

די אַרבייטער האָבען געוואונען אַ קלאָוזד יוניאָן שאָפּ; קיין דיסטשאַרדזש; די אַרבייטס צייט איז פאַרקלענערט געוואָרען פון 45 אויף 40 שטונדען אַ וואָך; אָנדערהאַלבען מאָל געצאָלט פאַר אָווערטיים און אַ העכערונג אויף די שכירות פאַר אַלע וואָך און שטיק־אַרבייטער.

איבער דער טענה פון די בעלי בתים, אַז זיי קענען איצט ניט געבען קיין צו גרויסע העכערונגען אויף די שכירות, ווייל זיי אַרבייטען אויף קאָנטראַקטען מיט אָפּגעמאַכטע פּרייזען פאַר דער סחורה, וועלכע זיי קענען דעם סעזאָן שוין ניט ענדערען, איז דער אַגרימענט געשלאָסען געוואָרען בלויז פאַר זעקס מאָנאַטען, ביז יאַנואַר דעם 1טען, 1938. דעמאָלט וועט מען זיך ווידער צונויפקומען צו אַ קאָנפערענץ און פאַרהאַנדלען וועגען ווייטערע באַדינגונגען.

די יוניאָן האָט אויך געוואונען דאָס רעכט אונטערצוזוכען די ביכער פון די בעלי בתים צו זען אויב זיי קומען נאָך זייערע פאַרפליכטונגען אונטער'ן אַגרימענט. די סטרייקער האָבען אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג אין בעטהאָווען האָל און נאָך אַ גרינדלאַכער דיסקוסיע באַשלאָסען אָננעמען די באַדינגונגען.

באָסטאָנער רעינקאָוט מאַכער באַנייען אַגרימענט מיט העכערונג אויף שכירות.

נאָך לאַנגע קאָנפערענצען האָט דער באָסטאָנער רעינקאָוט מאַכער לאָקאל 24 אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער ניו ענגלאַנד רעינווער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן, קריגענדיג פאַר די אַרבייטער העכערונגען אויף די שכירות.

נ. ה. באַרקער, מענעדזשער פון לאָקאל, שרייבט:

„מיר באַטראַכטען דעם אַגרימענט אַלס וויכטיגען געווינס פאַר אונזערע מיטגלידער. מיר האָבען געקראָגען אַן אַלגעמיינע העכערונג פון 10 פּראָצענט אויף די שכירות און חוץ דעם, אַ העכערונג פאַר די אַרבייטער אין די שלעכט־באַצאָלטע פאַכען. די מינימום ווידזשעס פאַר פרויען אָפּערייטאָרס זיינען אויך געהעכערט געוואָרען מיט אַ דאָלאַר אַ וואָך. אַנשטאָט $14.50 אַ וואָך איז עס איצטער $15.50 פאַר אַ פערציג שטונדען וואָך.

„דער אַגרימענט איז באַנייט געוואָרען אָהן צייט־פאַרלוסט פאַר אונזערע מיטגלידער דורך די באַמיהונגען פון דזשענעראַל אָרגאַנייזער דזשעק האַלפּערין, די ביזנעס איידזשענטס פון לאָקאל — דזשעק בענגיס, דזש. שערמאַן און דזשיימס מ. באַרקער, סעקרעטאַר און די עקזעקוטיוו מיטגלידער מאָריס ראָזענטאַל און בענדזשאַמין דזשאָזעפס, צוזאַמען מיט דעם שרייבער פון די שורות.

„מיר פאַרהאַנדלען איצטער וועגען אַן אַגרימענט מיט דער „פּריים רעינקאָוט קאָ." פון בראָקטאָן און גיבען זיך אָפּ מיט אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט צווישען די אַרבייטער פון דער נעשער מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני פון סטאָוגטאָן, מאַסאַטשוזעטס".

ניו יאָרקער רעינקאָוט מאַכער שליסען נייעם אַגרימענט מיט פילע פאַרבעסערונגען נאָך אַ קורצען סטרייק.

די רעינקאָוט אַרבייטער יוניאָן לאָקאל 20 האָט נאָך אַ קורצען ערפאָלגרייכען סטרייק באַנייט דעם אַגרימענט מיט די בעלי בתים מיט באַדייטענדע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבייטער.

דער אַלטער אַגרימענט אין טרייד איז אויסגעגאַנגען דעם ערשטען אויגוסט. די פאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי בתים האָבען זיך געצויגען עטליכע וואָכען. דעם צענטען אויגוסט האָט די יוניאָן גערופען דעם סטרייק און נאָך אַ סטרייק פון קאַרגע צוויי וואָכען איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער נייער אַגרימענט אויף צוויי יאָר אויף פאָלגענדע באַדינגונגען: דעם ערשטען יאָר, ביז דעם ערשטען אויגוסט, 1938, פאַרבלייבט די אַרבייטס־וואָך 40 שטונדען. דעם צווייטען יאָר ווערט די אַרבייטס־צייט פאַרקירצט צו 37½ שטונדען אַ וואָך. די אַרבייטער קריגען גלייך אַן אַלגעמיינע העכערונג פון 10 פּראָצענט אויף די שכירות און איבער אַ יאָר אויגוסט דאַרפען זיי קריגען ווידער אַ העכערונג פון 7½ פּראָצענט אויף די ווידזשעס.

ווען די שורות ווערען געשריבען זיינען שוין די רעינקאָוט מאַכער אין אַלע שעפער אויסער איינעם צוריק ביי דער אַרבייט. דער איינציגער אויסנאַם איז דער שאָפּ פון הערים בראָדערס, פון 512 זיבעטע עוועניו, וועלכער האָט זיין שאָפּ אין מאַמאַראָנעק, ניו יאָרק. די פירמע האָט נאָך ניט געסעטעלט, אָבער פאַרהאַנדלונגען מיט איר גייען אָן און עס וועט וואַרשיינליך אין גיכען געסעטעלט ווערען.

די קאָנפערענץ קאָמיטע פון דער יוניאָן, וועלכע האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען און אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט, איז באַשטאַנען פון דעם מענעדזשער פון לאָקאל, מ. ראַפּאַפּאָרט, סאָל אימערמאַן, איזי סיסקין, דזשאָזעף פּאַסטערנאַק, גבריאל לעוויט און סעם סאַראָף.

גרויסער פּידזשאַמאַ שאָפּ אין נאָרט קאַראָליינאַ אין סטרייק.

דזשאָהן מאַרטין, אינטערנעשאָנעל פאָרטרעטער אין דער סאַוט, מעלדעט, אַז די אַרבייטער פון דער „גרינסבאָראָ מאַנופעקטשורינג קאָ.", אַ פּאַדזשאַמאַ שאָפּ, וואו עס אַרבייטען 275 אַרבייטער, זיינען דעם מאָנאַט אַרויסגעטרעטען אין סטרייק פאַר העכערע שכירות און יוניאָן אָנערקענונג. דער סטרייק ווערט אָנגעפירט פון אָרגאַנייזער עטקינס.

אַלע צוויי הונדערט און פינף און זיבעציג אַרבייטער פון דער פירמע זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל. אויס מורא פאַר אַ סטרייק האָט די פירמע נאָך פריהער נאָכגעגעבען די פערציג שטונדיגע אַרבייטס־וואָך. ווען די פאָרטרעטער פון דער יוניאָן האָבען אָבער געפאָדערט אַז די אַרבייטער זאָלען קריגען פאַר די פערציג שטונדען דיזעלבע ווידזשעס וואָס זיי האָבען פריהער געקראָגען פאַר די 48 שטונדען אַ וואָך, האָט זיך די פירמע אַנטזאָגט נאָכצוגעבען. זי האָט זיך אויך אַנטזאָגט פון אָנערקענען די יוניאָן אָפיציעל און אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט. דער סטרייק איז דעריבער גערופען געוואָרען.

אינטערנעשאָנעל ערפאָלגרייך אין אָרגאַניזירען ניט־גודס אַרבייטער איבער'ן גאַנצען לאַנד

דער ענטשלאָסענער קאַמפּיין, וואָס די אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן האָט אונטערנומען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין ניט־גודס טרייד איבער'ן גאַנצען לאַנד, ברענגט שוין וויכטיגע רעזולטאַטען. פון פאַרשידענע שטעט קומען אָן באַריכטען וועגען וויכטיגע סטרייקס און סעטלמענטס אין די פאַבריקען פון דער אָפּטיילונג אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע.

וויס־פּרעזידענט ישראל פיינבערג מעלדעט פון סאַן פראַנציסקאָ, אַז ער און אָרגאַנייזער דזשעני מעטיעס האָבען דורך אונטערהאַנדלונגען אונטערגעשריבען אַגרימענטס מיט צוויי גרויסע ניט־גודס פירמעס אין יענער שטאָט. איינע פון די געסעטעלטע פירמעס, „גאַנטנער און מאַסטערן" איז די עלטסטע פירמע אין לאַנד, עקזיסטירענדיג שוין איבער 60 יאָר. דאָס איז צום ערשטען מאָל אָבער וואָס די פירמע שרייבט אונטער אַן אַגרימענט מיט אַ יוניאָן. די צווייטע פירמע איז „די באָפּינגער-קלינגער פירמע", וועלכע באַשעפטיגט אַרום 600 אַרבייטער.

די אַרבייטער פון די ביידע פירמעס האָבען געוואונען אַ קלאָוזד יוניאָן שאָפּ; אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך און אַ העכערונג אויף די שכירות פון צען ביז 15 פּראָצענט.

פון מילוואָקי, וויסקאָנסין, מעלדעט דער מענעדזשער פון דעם אינטערנעשאָנעל לאָקאל, בען דאָלניק, אַז ער האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט די „פרידלענדער ניטינג מילס", וועלכע באַשעפטיגט הונדערט און פופציג אַרבייטער. די באַדינגונגען זיינען „קלאָוזד יוניאָן שאָפּ; יוניאָן באַדינגונגען און אַ העכערונג אויף די שכירות פון 10 ביז 20 פּראָצענט.

פון פילאַדעלפיע מעלדעט דזשענעראַל אָרגאַנייזער פריינק ליבערטי, אַז די „עסקימאָ ניטינג מילס", די וויכטיגסטע ניט־גודס פירמע אין פילאַדעלפיע, וועלכע באַשעפטיגט 125 בעל מלאכות, האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן נאָך אַ סטרייק פון דריי וואָכען. דער סטרייק איז גערופען געוואָרען נאָכדעם ווי די פירמע האָט אַוועקגעשיקט פיר אַקטיווע יוניאָן מעמבערס פון דער אַרבייט. נאָך אַן ענערגישען סטרייק האָט די פירמע אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט און נאָכגעגעבען פאָלגענדע באַדינגונגען: קלאָוזד יוניאָן שאָפּ; אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך; באַגרעניצטע אָווערטיים מיט עקסטרא געצאָלט; אַ העכערונג אויף די שכירות פון איינס ביז פיר דאָלאַר אַ וואָך פאַר וואָך אַרבייטער און פון 5 ביז 20 פּראָצענט אויף די פּרייזען פאַר שטיק־אַרבייטער, און אַ מינימום פון 14 דאָלאַר אַ וואָך פאַר ניט געלערנטע אַרבייטער. דעם אַגרימענט האָט אונטערגעשריבען סאַמיועל אָטאָ מענעדזשער פון דער פילאַדעלפיע דזשאָינט באָאַרד און דזשענעראַל אָרגאַנייזער פריינק ליבערטי.

גרויסע ניט־גודס פירמע אין בעי סיטי, מישיגען, סעטעלט מיט דער אינטערנעשאָנעל נאָך אַ קורצען סטרייק.

וויס־פּרעזידענט מאָריס ביאַליס, פאָרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנעל אין דער מידל־וועסט, מעלדעט אין אַ טעלעגראַמע צו פּרעזידענט דובינסקי, אַז די גרויסע ניט־גודס פירמע „וואָלווערין ניטינג מילס" פון בעי סיטי, מישיגען, האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן.

די וואָלווערין ניטינג מילס באַשעפטיגט 318 אַרבייטער. מיט אַ וואָך צוריק האָט די אינטערנעשאָנעל אַרויסגערופען די אַרבייטער אין סטרייק נאָכדעם ווי די פירמע האָט זיך אַנטזאָגט צו פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן און די אַרבייט איז פאָלשטענדיג אָפּגעשטעלט געוואָרען. איצט האָט די פירמע אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט פאַר איין יאָר מיט אַן אָפּשאַן פאַר נאָך אַ יאָר. די אַרבייטער האָבען געוואונען אַ קלאָוזד יוניאָן שאָפּ; אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך; אַ מינימום געהאַלט פון 14 דאָלאַר אַ וואָך און אַ העכערונג פון פינף פּראָצענט אויף די שכירות פאַר אַלע אַרבייטער וואָס קריגען איבער'ן מינימום.

דאָס איז דער ערשטער ניט־גודס שאָפּ אין מישיגען וואָס האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יר־

ער פארטראטען די סטרייקער אין גאנצן אנגעלע־
ייטען.

צווי נייע סטרייקס און עטליכע אלטע

צווי וויכטיגע נייע סטרייקס האט דער קאטאן
מענט טרייד דעפארטמענט דעם מאנאט גערופען
א צאל אלטע פארביסענע סטרייקס פארטגעזעצט
דער גרעסטער ענערגיע.
אין הוירקימער, ניו יארק, זיינען די ארבייטער
דער „דוירבי ספארטוועער אינק.” ארונטער אין
ייק ווען די פירמע האט געמאכט א פארזוך ארויפ־
יינגען אויף זיי א קאמפאני־יוניאן.
דעם ערשטען טאג פון סטרייק, ווען דער אייגענ־
ער פון דער פירמע מר. בערנארד עלאו האט דערזען
יקעט־ליין איז ער נעבאך געווען שטארק ענטוישט.
מפט האט ער און זיינע ראטגעבער, אז מיט דעם
ער וועט ארגאניזירען א קאמפאני־יוניאן און איינ־
קען א צאל ארבייטער צו סיינען די אפליקיישאנס
מיטגלידער וועט ער האבען געלייזט אלע זיינע
יטס־פראבלעמען. ווי ערשטוינט אבער איז ער גע־
ען ווען ער האט אויף דער פיקעט־ליין דערזען ניט
די הונדערט ארבייטער וואס האבען זיך אנטזאגט
ווערען מיטגלידער אין דער קאמפאני־יוניאן נאר
גאר פילע פון די וועלכע האבען אויס מורא אוועק־
יקט צו ווערען פון שאפ, אונטערגעשריבען די אפ־
שאנס.

מיט דריי טעג שפעטער האט זיך דער באס דער־
כט צו א נייעם מיטעל. ער האט נעמליך אונטער־
יבען אן אגרימענט מיט זיך אליין, דאס הייסט
ויין קאמפאני יוניאן, און האט זיך אוועקגעזעצט
טען אז די סטרייקער זאלען קומען צוריק אין שאפ
די ארבייטער אבער האבען דעם קאנטראקט גע־
קט ניט מער צוטרויען ווי דער קאמפאני־יוניאן און
ן פארבליבען אויפ'ן פיקעט־ליין.
דער נעקסטער מיטעל איז געווען ארעסטען. 50
מס זיינען ארעסטירט געווארען און געשטעלט גע־
ן אונטער בייל אויף אלערליי בלבולים. אויך אונ־
3 ארגאנייזערס — א. דעסער, גרעגארי בארדאקע
העלמער האמס — זיינען געשטעלט געווארען אונ־
בייל אויף ווארענטס וואס דער באס האט ארויס־
וארען אז זיי האבען אויף אים געזאגט ניט קיין
ריגס שיינע זאכען. די סטרייקער זיינען אבער פון
רעסטען און פארפאלגונגען ניט ענטוישט געווארען.
שטעהען פעסט אויפ'ן פיקעט־ליין און באוואכען
שאפ. דער דעפארטמענט טוט אלץ וואס נאר מעג־
צו פארזיכערען די ארבייטער א זיג. טשארלס גרין
הויפט אפיס פון דעם דעפארטמענט האט פערזענ־
פארבראכט אין הוירקימער צוויי טעג צו העלפען
סטרייק.

אין ווילאמספארט, פענסילוויניא, האט די „ר. ענד
. אנדערגארמענט קא.” אויך אויסגעפונען, אז דאס
ניזירען א קאמפאני יוניאן שאפט ניט אפ די שווע־
ייטען נאר די צרות הויבען זיך דוקא דעמאלט אן.
פירמע, וועלכע איז מיט צוויי יאר צוריק אנטלאפען
ניו יארק, האט זיך דערשראקען פאר דעם ערפאלג
דער יוניאנס ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען אירע
ייטער און האט באשלאסען צו ארגאניזירען א קאמ־
יוניאן. געזאגט און געטאן. די קאמפאני האט
ניזירט אזא מאכערייקע און האט עס א נאמען גע־
ן „די לאיאל וואירקערס קאונסיל” און טאקע
אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דעם קאונסיל.
די פירמע באשעפטיגט 500 ארבייטער. פילע פון
איז געלונגען איינצושרעקען אז די זאלען זיך אנ־
ען אן דער קאמפאני יוניאן. א הונדערט אבער
ן זיך אנטזאגט צו ווערען דארט מיטגלידער טראץ
סטראשונקעס אז מען וועט זיי ארויסווארפען פון
צוליב דער מוטיגער האנדלונג פון די ארבייטער
די אינטערנעשאנאל דערקלערט דעם שאפ אין
ק און הרץ די הונדערט האבען נאך הונדערט און
ג געווארפען די ארבייט טראץ דעם וואס זיי האבען
ער אונטערגעשריבען די אפליקיישאנס אין דער
אני יוניאן. די פראדוקציע אין שאפ איז פאר־
לט די סטרייקערס האלטען אן א מיכטיגע פיקעט־
זיי ווערען געשטיצט פון א קאמיטע פון די אוטאמ־
ל ארבייטער וועלכע זיינען אויך אין סטרייק.
אין בערוויק, פענסילוויניא, ווערט דער סטרייק גע־
צוויי פירמעס — די „דושעארא אנדערוועער קא.”
„עסטער אנדערוועער” — פארטגעזעצט מיט דער
ער ענערגיע. וויס־פרעזידענט רייזבערג האט
האלטען קאנפערענצען מיט די אייגענטימער פון די

פירמעס, אבער ביז די אגרימענטס וועלען ניט זיין געחתמ'עט וועט דער סטרייק פארטגעזעצט ווערען. נאך שטארקער ווי ביז איצט.

די פינף דרעס קאנטראקטארס פון בעטהלעהעם, פענסילוויניא, וועלכע האבען אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט דער יוניאן מיט עטליכע וואכען צוריק, האבען געקראגען א לעקציע דעם מאנאט, אז א יוניאן־אגרימענט דארף מען אפהיטען. אונטער דעם אגרימענט וואס זיי האבען אונטערגעשריבען מיט דער יוניאן האבען זיי געדארפט העכערען די שכירות פון די ארבייטער מיט 1 דאלאר יעדען מאנאט, ביז זיי וועלען דערגרייכען דעם מינימום־סקייל. דעם 15טען אויגוסט האבען זיי געדארפט געבען דעם ערשטען דאלאר. האבען די בעלי בתים זיך צוזאמענגערעדט און האבען זיך אנטזאגט צו געבען די העכערונג. רייזבערג צוזאמען מיט דוד גינגאלד, דעם סופערוויזער פון דעם דעפארטמענט אין פענסילוויניא, זיינען אוועק נאך בעטהלעהעם און דערקלערט די בעלי בתים אז אויב זיי וועלען ניט געבען די העכערונג גלייך אויפ'ן פלאץ וועט עס מיינען אז זיי ברעכען דעם אגרימענט און א סטרייק וועט גערופען ווערען. דאס האט געהאלפען און די בעלי בתים האבען פארשפראכען צו האלטען זייער אפמאך.

פיקניקס און פארוויילונגען

ווי דער זומער דערנענטערט זיך צו זיין סוף איילען זיך אונזערע מיטגלידער זיך צוזאמענקומען צווישען זיך אויסערן שאפ. דורך דעם מאנאט זיינען פארגעקומען פיר פיקניקס אין דער פענסילוויניא טעריטאריע. די ארבייטער פון דער „בלאסאם דרעס קא.” אין סקרענטאן האבען געהאט א פיקניק. די ארבייטער פון דער „ראיאל מיס דרעס”, אויך פון סקרענטאן, האבען געטאן דאס זעלבע. די לאקאלס פון איסטאן און העריסבורג האבען אראנזשירט פיקניקס פאר אלע זייערע מיטגלידער.

אין דער סאוטה־זועסט

מייער פערלשטיין, פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנעל אין דער סאוט־וועסט, שרייבט:

„מיר האבען ענדליך דורכגעבראכען די אייזערנע וואנט אין סאן אנטאניא, טעקסעס. דער קאמף פון די לעצטע פאר יאר ברענגט ענדליך רעזולטאטען. דאס ארגאניזירען פון די מעקסיקאנער ארבייטער ווערט א ווירקליכקייט.

„די פראבלעמע דא איז ניט בלויז אן עקאנאמישע, נאר אויך א ראסען פראגע. דער געדאנק אז די מעקסיקאנער זיינען ניט בארעכטיגט צו דעם זעלבען לעבענס סטאנדארד ווי די ווייסע ארבייטער, איז דא שטארק פארשפרייט. ווען מען באטראכט ווי נידעריג עס איז דא דער לעבענס סטאנדארד פון די ווייסע ארבייטער (5—6 דאלאר א וואך איז די דורכשניטליכע פארדינסטען פון די אמעריקאנער פרויען ארבייטער) קען מען זיך שוין פארשטעלען די לעבענס באדינגונגען פון די מעקסיקאנער. עס געפינען זיך דא טויזענדער מעקסיקאנער ארבייטער וועלכע ווערען באשעפטיגט אין די פארשידענע אינדוסטריען וועלכע ווארטען און בעטען זיך מען זאל זיי ארגאניזירען אום זיי זאלען קענען דערהויבען זייער לעבענס סטאנדארד צו א מענשליכער שטופע.

„מיר האבען אנגעהויבען דעם קאמפיין מיט צוויי און א האלב יאר צוריק מיט'ן סטרייק געגען דער ״דאראטהי פראקס״, וועלכער האט זיך געצויגען מאנאטען לאנג און האט רואינירט די פירמע, וואס האט געמוזט באנקראטירען נאכדעם ווי זי האט ארויסגעמופט דעם שאפ נאך דאלאס. די סטרייקער אירע אין סאן אנטאניא זיינען פארבליבען אין נויט. און כאטש די יוניאן האט מאנכע פון די סטרייקער באזעצט אויף פלעצער אין אנדערע שטעדט, איז אבער די פסיכאלאגישע ווירקונג אויף די מעקסיקאנער ארבייטער געווען א שלעכטע. מיר האבען פארגעזעצט אונזער טעטיגקייט טראץ דעם און עס איז געקומען דער סטרייק געגען דער שוירלי פראקס.

„דער סטרייק, וועלכער האט זיך געצויגען מאנאטען לאנג און האט פאראורזאכט אזוי פיל ליידען די סטרייקער און די ארגאנייזערס, איז אין דער ערשטער וואך פון אויגוסט געסעטעלט געווארען. עס האט געקענט געסעטעלט ווערען פיל פריהער ווען ניט די שענדליכע האנדלונג פון עטליכע פירער פון סאן אנטאניא סענטראל לייבאר קאונסיל, וועלכע יאבען סאבאטירט דעם סטרייק איבער דעם וואס אונזער יוניאן איז אנגעשלאסען אן דער סי. אי. א. א דאנק זייער טעטיגקייט האט דער פאליציי דירעקטאר פון שטאט פארבאטען פיקעטען און האט די פיקעטס און די ארגאנייזערס כסדר ארעסטירט ווי נאר זיי האבען זיך באוויזען אויפ'ן פיקעט ליין. אלס רעזולטאט פון דעם ארדער האבען מיר איצט עטליכע הונדערט קייסעס אין קאורט פאר ניט קיין גרעסערען פארברעכען ווי „פארשטעלען דעם סיידוואק”.

„דאס טראגישע אין דער געשיכטע איז, וואס אט־די פארפאלגונגען, וואס דער סענטראל לייבאר קאונסיל האט צושטאנד געבראכט, ווערען איצט אנגעווענדעט געגען זיי אליין. זיי האבען דא א קליינעם סטרייק אויף א בוי־פראיעקט און די פאליציי לאזט זיי ניט פיקעטען אונטער דעם זעלביגען ארדער וואס איז ארויסגעגעבען געווארען געגען אונז.

טראץ די פארפאלגונגען האבען מיר דאך דעם סטרייק געוואונען. מיר האבען אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער „שוירלי פראקס”, דעם ערשטען קלאוזד שאפ אגרימענט וואס וועלכער עס איז טרייד האט אין דער שטאט און די ערשטע באדייטענדע פאבריק וואס באשעפטיגט מעקסיקאנער ארבייטער. די פירמע פראדוצירט קינדערשע דרעסקעס און באשעפטיגט 75 ארבייטער.

נאך א לאקאל אין קענזעס סיטי.

אין קענזעס סיטי איז דעם מאנאט אינסטאלירט געווארען א נייער לאקאל, דער קאטאן דרעסמאכער לאקאל 118. די אינסטאלליישאן איז פארגעקומען אין שטאטישען אודיטאריום. ארום 500 מיטגלידער פון דעם נייעם לאקאל זיינען אנוועזענד געווען צוזאמען מיט פארטרעטער פון אלע אנדערע לאקאלס פון שטאט. עס זיינען געווען בלומען און רעדעס און דער עולם האט גוט פארבראכט.

אין דאלאס, טעקסעס.

די נעשאנעל לייבאר רילייישאנס באארד האט לעצטענס ארויסגעגעבען א טיילוויזע ענטשיידונג אין דעם סטרייק וואס מיר פירען געגען דער „שעבא ענן”. די באארד האט באפוילען אז די פירמע מוז אנערקענען אונזערע לאקאלס אין דאלאס אלס די געזעצליכע פארטרעטער פון זייערע ארבייטער פאר קאלעקטיווע פארהאנדלונגען. די ענטשיידונג וועגען בעק פעי פאר די סטרייקערס דארף נאך קומען שפעטער. די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וועלכע שטיצט די פירמע פינאנציעל, וועט נאך מסתמא באקעמפען די ענטשיידונג אין געריכט. דער סטרייק ווערט דערוויל פארגעזעצט און די אסאסיאיישאן האט זיך ווידער געווענדעט אין געריכט נאך אן אינדזשאנקשאן.

אין פינקניוויל, אילינאי.

אין פינקניוויל, איל., איז דעם מאנאט איינגעשטעלט געווארען דער נייער לאקאל מיט א שיינער אינסטאליישאן, אין דער אנוועזנהייט פון עטליכע הונדערט מיטגלידער וואס ארבייטען דארט אין שאפ און זייערע פאמיליעס און פריינד. עס זיינען געהאלטען געווארען פאסיגע רעדעס ביי דער געלעגענהייט און דער עולם האט געטאנצט.

מיט עטליכע טעג שפעטער זיינען ארגאניזירט געווארען די שאפ קאמיטעס און מען איז צוגעטראטען סעטלען פרייזען. די אויסזיכטען דארט זיינען זייער גוטע.

אין מינעאפאלים און סעינט פאול.

די לאקאלס אין קלאוק און דרעס טרייד זיינען ביזי מיט סעטלען פרייזען און די סעטלמענטס האבען זיך פיל פארבעסערט. דאס אנשטעלען פון נאך א בעאמטען, ברודער מילער, געוועזענער ביזנעס אגענט פון לאקאל 9, האט פיל געהאלפען דערצו. ברודער פינקעלשטיין איז איז איצט דער מענעדזשער פון דער יוניאן און מילער איז זיין אסיסטענט.

אין פארעסט סיטי, ארקענסא.

די „מעידוועל גארמענט קא.” האט זיך ענדליך ארומגעזעהן, אז מיט האלטען דעם שאפ געשלאסען וועלען זיי אונזערע מיטגלידער ניט אפשרעקען. און האבען דעם שאפ צוריק געעפענט. די פירמע האט דעם שאפ געשלאסען האפענדיג אז די מעמבערס וועלען זיך דערשרעקען און פארלאזען די יוניאן. די יוניאן האט די מעמבערס ארויסגעהאלפען פינאנציעל דורך דער צייט וואס דער שאפ איז געווען געשלאסען און איצט זיינען זיי ווידער ביי דער ארבייט. דער פארהער פון דער יוניאנס קלאגען געגען דער פירמע דארף באלד פארקומען פאר דער לעיבאר באארד. די קאמפאני יוניאן, וואס די באסעס האבען פרובירט גרינדען, איז ניט געווען ערפאלגרייך. די ארבייטער פארשטעהען אן עסק און וויסען וואס זיי קענען ערווארטען פון אזא באשעפעניש.

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אין טרייד

פון לואיס ע. לאַנגער
סעקרעטאַר ניו יאָרק דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכער יוניאָן

אין אונזער היינטיגען איבערבליק וועלען מיר אָנפאַנגען מיט דער פראַגע: „ווער צאַלט פאַר דער העכערונג וואָס די מאַנופעקטשורערס האָבען אונז געגעבען? צאַלט ער דאָס פון זיין אייגענעם פאַקעט, צי צאַלען די פרויען קאַסטאַמערס צו די ריטיילערס און זיי צאַלען דאָס צו די מאַנופעקטשורערס?" מיר בארירען דעם געגענשטאַנד, ווייל מיר דענקען אַז עס איז זעהר וויכטיג פאַר די קלאָוקמאכער צו וויסען ווי אַזוי דאָס רעדעל דרעהט זיך.

אַז עס איז אַזוי האָבען מיר געלעזען אין אַן אַדווערטייזמענט פון אַלע דריי אַסאָסיאיישאַנס באַלד נאָך דעם ווי די אַגרימענטס זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען. אין דעם אַדווערטייזמענט זאָגען זיי: —

„דער נייער קאָלעקטיווער ארבייטער אגרימענט אין דעם קאָוט און סוט מארקעט האָט באדייטענד געהעכערט דעם קאָסט פון דעם גארמענט. דאָס איז בלויז איינע פון די פילע אייטעמס פון געהעכערטען קאָסט, אָן וועלכען די קאָוט און סוט פירמעס שלאָגען זיך אָן. די ווארעס און די פאָרם זיינען געהעכערט געוואָרען, צוליב די העכערונגען פאָדערט זיך אַ העכערער פרייז אויף דעם פארטיגען קאָוט און סוט".

די אַגיטאַציע צו העכערען די פרייזען אויף די גאַרמענטס וואָס די מאַנופעקטשורערס האָבען אָנגעהויבען, באַלד נאָכדעם ווי זיי האָבען אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט, איז דאָס זייער פריוויליגיע. זאָרגען דעריבער דאַרפען די פרויען וואָס קויפען די גאַרמענטס. אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „אַלעס אין איינעם איז ניטאָ ביי קיינעם". ווילען די פרויען טראָגען שעהנע קליידער, מוזען זיי פאַר דעם באַצאָלען דעם געהעריגען פרייז.

מילא, וואָס אַנבאַלאַנגט די מאַנופעקטשורערס, וועלען זיי שוין ווי עס איז קריגען זייערע פרייזען. מיר זאָרגען זיך מער פאַר די קלאָוקמאכער אַז סיי די וואָס אַרבייטען פון וואָך און סיי די וואָס אַרבייטען פון שטיק זאָלען קריגען דאָס וואָס די יוניאָן האָט פאַר זיי אויסגעקעמפט.

מיר האָבען אין אונזער לעצטען איבערבליק שוין אָנגעדייטעט אַז די העכערונג וואָס די קלאָוקמאכער האָבען געקראָגען, באַטראַכטען מיר אַלס אַ שעהנעם געווינס. אַנדערע טריידס וואָלטען זיך דאָס געוואונשען. איז טאַקע אַלעס גוט. דאָך טויג עס ערשט ניט. געטויגט וואָלט עס ווען דער געווינס וואָלט ביי אים געבליבען אין קעשענע. ווייסען מיר אָבער פון ערפאַרונג, אַז ניט נאָר ער אַליין פרעהט זיך מיט זיין געווינס, נאָר דער גראָסער, דער בוטשער און דער לענדלאָרד, זיי אַלע פרעהען זיך מיט דעם געווינס וואָס די קלאָוקמאכער האָבען געקראָגען.

געגען וואָס זאָגען מיר דאָס אַלעס? — מיר זאָגען דאָס געגען דעם אַז דער קלאָוקמאכער זאָל פאָדערען אַלץ וואָס ער האָט געוואונען. וועט ער דאָס טאָן, וועט ער קענען באַגעגענען די העכערע קאָסטען אויף לעבענס־מיטלען. וועגען די מאַנופעקטשורערס וועלען מיר זיך ניט זאָרגען, ווייל זיי קאָנען זייער שטעטעל אַליין באַשטעהן.

***

אין די טרייד פייפערס און אויך אין די בולעטינס פון די מאַנופעקטשורערס ווערט אָנגעזאָגט אַ „גוטער סעזאָן". ניט איינמאָל האָט מען שוין אין די לעצטע פאַר יאָר אָנגעזאָגט גוטע סעזאָנען, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך דערפון אַ טייך. צו די בולעטינס אָדער די טרייד־ציטונגען מיינען אַ גוטען סעזאָן פון אַ סך אַרבייט, אָדער אַ סעזאָן פון גוטע פרייזען פאַר די גאַרמענטס, דאָס זאָגען זיי ניט. אין זיי ווערט געזאָגט אַז די שטאָדט ניו יאָרק איז פאַרפלייצט מיט באַיערס, אָבער ווי גרויס עס זיינען זייערע אָרדערס ווערט ניט געזאָגט. דאָס ווייסען די מאַנופעקטשורערס אַליין. דאָך גלויבען מיר, אַז די בולעטינס זיינען ניט אינגאַנצען אומגערעכט. דער היינטיגער סעזאָן דאַרף זיין אַ סעזאָן פון אַרבייט, און עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע וואָרום קיין אַרבייט זאָל ניט זיין.

אַלע אינדוסטריען אין לאַנד אַרבייטען. די סטרייקס וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט, זיינען ניט געווען קיין פאַרלענגערטע און כמעט אַלע האָבען זיך געסעטעלט מיט העכערע וויידזשעס פאַר די אַרבייטער. עס איז ריכטיג אַז פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי האָבען געסטרייקט, האָבען זיי פאַרלאָרען אין וויידזשעס, וואָס מיינט אַז זייער קויף־קראַפט אין אַלגעמיין איז פאַרקלענערט געוואָרען. דאַרום, ווען זיי האָבען מיט זייערע העכערונגען וואָס זיי האָבען באַקומען אין די וויידזשעס, נאָך ניט איינגאַנצען אָפּגעמאַכט זייערע פאַרלוסטען, האָבען זיי אָבער אַ טייל פון די פאַרלוסטען געוויס צוריקגעקראָגען.

די פאַרם געגענדען זיינען היינטיגען זומער אויך געווען מער געבענשט ווי די לעצטע זומערען. פון קיין טרוקעניש אָדער אַנדערע נאַטור אויסברוכען וואָס רואינירען דעם פאַרמער'ס פראַצע האָבען מיר דעם זומער ניט געהערט און ניט געלעזען. עס איז פאַרשטענדליך אַז ווען דער פאַרמער האָט פּראָדוקטען צו פאַרקויפען איז ער אימשטאַנד מיט דער אייננאַמע צו קויפען פאַר זיך און זיין פאַמיליע קליידער און אַנדערע זאַכען אין וועלכע זיין הויז געזינט נויטיגט זיך.

אין דעם ליכט גלויבען מיר, אַז דער האַי־יאָריגער ווינטער סעזאָן זאָל האָבען מער אַרבייט אין טרייד ווי די פאַרגאַנגענע סעזאָנען.

***

נאָך דעם סעטלמענט, ווי אויך אין דעם מאָנאַט אויגוסט, האָבען די שעפּער, וואו עס ווערט פּראָדוצירט דער בעסערער קלאָוק גאַרמענט, געהאַט מער אַרבייט ווי די שעפּער, וואו עס ווערט פּראָדוצירט די ביליגערע אַרבייט. ווי קומט עס? איז איצט פאַראַן אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף דעם בעסערען, ווי אויף דעם ביליגען קאָוט? ריכטיג, עס איז איצט אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף דעם בעסערען קאָוט, דאָך זיינען דאַ פיל מער קאַסטאַמערס וואָס פאַרלאַנגען דעם ביליגערען קאָוט. ווער איז דער ערשטער וואָס קויפט פון מאַנופעקטשורער? עס איז דער ריטעילער. ווייל די ריטעילערס האָבען זיך ענטזאָגט צו צאָלען דעם פרייז וואָס די מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס פון דער ביליגערער ליין האָבען פאַרלאַנגט, איז די אַרבייט פון דעם סאָרט גאַרמענט אָפּגעהאַלטען געוואָרען. עס איז אָנגעגאַנגען אַ מין פּאַסיווער סטרייק צווישען די ריטעילערס און פּראָדוצירער.

אַז די פּראָדוצירער פון דעם ביליגען גאַרמענט זיינען באַרעכטיגט צו אַ העכערען פרייז פאַר די קלאָוקס, איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפעל. כאָטש די יוניאָן האָט ניט קיינע גאַרמענטס צו פאַרקויפען, דאָך איז איר סימפּאַטיע מער אויף דער זייט פון די מאַנופעקטשורערס ווי אויף די ריטעילערס, פשוט דערפאַר ווייל דאָס רירט אָן דעם געהעכערטען פּראָדוקציאָנס קאָסט, וועלכען די פּראָדוצירער מוזען באַגעגענען אַלס רעזולטאַט פון די געהעכערטע שכירות וואָס די יוניאָן האָט געקראָגען פאַר די אַרבייטער דורך דעם באַנייטען אַגרימענט.

פאַר דעם בעסערען גאַרמענט וויל דער ריטעילער אויך ניט צאָלען דעם געפאָדערטען פרייז. מוז ער אָבער דאָס טאָן, ווייל מיט דעם מאַנופעקטשורער פון דעם בעסערען גאַרמענט קען ער זיך ניט פיל אַרומוואַרפען, פשוט דערפאַר ווייל פון דעם סאָרט פּראָדוצירער זיינען ניטאָ אַזוי פיל אין דעם מאַרקעט, ווי אין דער ביליגער ליין. דערפאַר איז די קאָנקורענץ ניט אַזוי האַלז־שניידענד ווי אין דער ביליגער ליין. דער ריטעילער וואָס האַנדעלט מיט דעם בעסערען גאַרמענט, מוז ער — אַפילו ווען ער וויל ניט — צאָלען די געפאָדערטע פרייז.

דורך דער צייט פון דעם קריזיס, ווען די מערסטע פרויען האָבען ניט געקענט באַהויפּטען צו קויפען אַ בעסערען גאַרמענט, האָבען פיל מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס זיך געכאַפּט פּראָדוצירען דעם ביליגען גאַרמענט, ביז די צאָל פון זיי איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען בוכשטעבליך איינעם דעם אַנדערען געשניטען דעם האַלז. איז איינער אַרויסגעקומען אין מאַרקעט מיט אַ $8.75 קאָוט, איז דער צווייטער אַרויסגעקומען מיט אַ $7.75 קאָוט און אַ דריטער מיט אַ $6.75 קאָוט און זאָגאַר מיט אַ $5.75 קאָוט. פון דער האַלז־שניידענדער קאָנקורענץ האָט געליטען דער קלאָוקמאכער, אויף וועמעס חשבון די דאָזיגע קאָנקורענץ איז אָנגעפירט געוואָרען, עס האָט רואינירט דעם מאַרקעט און דער וואָס האָט דערביי מערסטענס פּראָפיטירט איז געווען דער ריטעילער.

ווען ניכטערעט זיך אויס אַ שיכור? ווען ער האָט ניט מער קיין געלד צו קויפען שנאַפּס. דאָס זעלבע איז מיט די פּראָדוצירער פון דער ביליגער ליין אַרבייט. נאָך די יאָרען פון האַלז־שניידענדער קאָנקורענץ האָבען די פּראָדוצירער פון דעם ביליגען ליין אַרבייט זיך אויסגעניכטערט. זיי קענען ווייטער ניט אָנגעהן מיט זייער זעלבסט־רואינירענדער קאָנקורענץ. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָדערען פון ריטעילער אַ העכערען פרייז.

מיט ריטיילערס מיינען מיר ניט די קליינע סטאָר־קיפּערס. מיר מיינען די גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס, די טשעין סטאָרס און די מעיל אָרדער הייזער, וועלכע קויפען קלאָוקס אין אַ גרויסער צאָל. ווייל זיי זיינען אַ צו אָפּטער בן בית אין די הייזער פון די פּראָדוצירער פון ביליגען ליין גאַרמענט, זיינען זיי דאַרום אין אַ לאַגע צו וויסען וועלכע פון די מאַנופעקטשורערס אָדער דזשאָבערס קען אָדער קען ניט אויסהאַלטען דעם פינאַנציעלען דרוק. זיי וויסען יעדען איינעם'ס קרעדיט, און, אַלס גענויע געשעפטסלייט, וויסען זיי אויך אַז ווען דער אָדער יענער פּראָדוצירער באַצאָלט ניט אין צייט פאַר זיינע וואַרעס און די פאָרם, ווערט זיין קרעדיט געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכען.

ווי די פינאַנציעלע אומשטענדען פון דעם איינצעלנעם אָדער פון פילע זאָלען ניט זיין, האָבען אַלע מאַנופעקטשורערס פון דעם ביליגען גאַרמענט באַשלאָסען ניט מער זיך צו לאָזען דיקטירען פון דעם ריטיילער אָדער פון זיינע באַיערס און באַשטעהן אויף העכערע פרייזען. פונקט ווי די ריטעילערס וויסען וואָס עס דריקט דעם מאַנופעקטשורער, פונקט אַזוי וויסען די מאַנופעקטשורערס וואָס עס דריקט די ריטעילערס. סוף כל סוף וועלען זיי מוזען אָנפאַנגען קויפען די ביליגע קאָוטס. עס איז בלויז אַ פראַגע פון צייט.

ווערענד מיר שרייבען די דאָזיגע צייילען, פאַנגען די ריטעילערס אָן צו פאַלען אין לאַין. דער שפּיל צווישען דעם קלאָוק מאַנופעקטשורער און די ריטעילערס איז נאָך ניט אינגאַנצען צו ענדע, אָבער זיי וועלען זיך געוויס אויסגלייכען.

פון דעם וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרען, קענען די קלאָוקמאכער פאַרשטעהן וואָרום די ביליגערע לאַין האָט געהאַט ווייניגער אַרבייט ווי די בעסערע. די ריטעילערס האָבען צוריקגעהאַלטען די אַרבייט אום צו צווינגען די מאַנופעקטשורערס צו פאַרקויפען קאָוטס פאַר דעם פרייז ווי פריהער.

עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, אַז דורך דעם געראַנגעל צווישען דעם ריטיילער און דעם מאַנופעקטשורער האָבען געליטען די בעל מלאכות פון דעם קלאַס גאַרמענט. פאַר אונזערע אייגענע אינטערעסען איז דער יוניאָן'ס סימפּאַטיע מיט די מאַנופעקטשורערס און ניט מיט די ריטיילערס. ווען דער מאָנאַט האָט ניט געהאַט קיין פיל אַרבייט פון דער ביליגער לאַין, איז דאָס געווען צוליב דער אָנגעגעבענער אורזאַכע. אונזער אָפּטימיזם פאַר אַ גוטען סעזאָן איז דורך דעם אויף אַ האָר ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

***

לופט! מיט דעם קענען מיר באַצייכענען די ווייטלויפענדע פאַנטאַזיעס פון יענע פערזאָנען, וועלכע פאַרשפּרייטען קלאַנגען אין מאַרקעט, אַז די יוניאָן איז געגען עפּענען אינסייד שעפּער. וואָלטען די דאָזיגע פערזאָנען זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם, וואָלט עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה. געהען זיי אָבער ווייטער און זאָגען, אַז די יוניאָן איז געגען עפּענען אינסייד שעפּער ווייל זי איז פאַראינטערעסירט אָנצוהאַלטען די קאָנטראַקטינג סיסטעם אין טרייד. פון וועלכע קוואַלען עס קומען די דאָזיגע קלאַנגען האָבען מיר ניט קיין אַהנונג; זיכער איז, אַז די וואָס פאַרשפּרייטען די קלאַנגען האָבען דערביי די כוונה צו שאַפען אַ מיש־מאַש אין די מוחות פון אונזערע מעמבערס. הגם מיר קענען אַזעלכע אומזיניגע קלאַנגען ניט אָפּשטעלען, איז אָבער נויטיג אויפצוקלערען די פּאָליסי פון דער יוניאָן, אום צו שאַפען קלאָרקייט צווישען די מעמבערס באַצוג צו דעם ענין.

די יוניאָן איז אימער געווען און איז אויך היינט פאַר אינסייד שעפּער. עס איז איר וואונש צו זעהן דעם טאָג ווען אין דעם גאַנצען טרייד זאָלען זיין בלויז אינסייד מאַנופעקטשורערס. אַז דאָס איז דער יוניאָן'ס וואונש

ניאַן און אַזוי ווי דאָס איז איינע פון די גרעסטע פירמעס אין סטייט פון דעם טרייד, וועט עס זיכער האָבען אַ ווירקונג אויך אויף די אנדערע פירמעס. אינטערנעשאָנעל אָרגאַנייזער א. פלאָטקין איז אנוועזענד געווען ביי די קאָנפערענצען מיט דער פירמע און האָט אונטערגעשריבען דעם אגרימענט צוזאמען מיט דזשאָ צוקערמאַן, וועלכער האָט אָנגעפירט דעם סטרייק.

ניט־גודס מילען אין קליוולאַנד שטימען פאַר אינטערנעשאָנאַל

טראָץ די פאַראייניגטע כחות פון די בעלי בתים, פּאָליציי און גענגסטערס, און די הילף וואָס זיי קריגען פון די אָרגאַנייזערס פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אונטער דער פירערשאַפט פון קלאהערטי, האָבען דאָך די איבערוועגענדע מערהייט פון די ניט־גודס ארבייטער אין צוויי מילען אין קליוולאנד באוויזען, אַז זיי שטעהען מיט דער אינטערנעשאָנעל און ווילען אַז די יוניאָן זאָל זיי פארטרעטען אין קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי בתים וועגען ארבייטס־באַדינגונגען.

די אָפּשטימונג איז געהאַלטען געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון דער נעשאָנעל לייבאָר רילײשאָנס באָארד. געשטימט האָבען די ארבייטער פון דריי מילען. אין דער „פעדעראל ניטינג מיל", די גרעסטע פון זיי אַלע, האָט די אינטערנעשאָנעל געוואונען מיט 290 שטימען געגען די 148 שטימען וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאר דער קאָמפּאַני יוניאָן, וואָס די א. פ. אָוו ל. האָט געטשאַרטערט. אין דער „באמבערגער רעינטהאל קאָ." האָט די אינטערנעשאָנעל געוואונען מיט 136 שטימען געגען די 132 וואָס זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען פאר דער א. פ. אָוו ל.; בלויז אין דער „סטאָון ניטינג מיל" האָט די א. פ. אָוו ל. געקראָגען אַ מאַיאָריטעט.

די באָסעס, נאַטירליך, איילען זיך ניט צו אָנערקענען דעם רעזולטאט פון דער אָפּשטימונג און אָנהויבען פאַרהאַנדלען מיט דער אינטערנעשאָנעל פאר אַן אַגרימענט. די סטרייקערס האָבען דעריבער פאר קיין מינוט ניט אָפּגעשטעלט די פּיקעט ליין. פאַרקערט, דאָס פּיקעטען איז נאָך פארשטאַרקט געוואָרען און וועט אָנהאַלטען ביז די באָסעס וועלען סעטלען מיט דער יוניאָן וואָס אירע ארבייטער האָבען אויסגעקליבען.

אויס פאַרצווייפלונג פון דעם העלדישען קאַמף וואָס די סטרייקער פירען אַן געגען דעם פאַרזוך פון די באָסעס מיט דער הילף פון די א. פ. אָוו ל. אָרגאַנייזערס אַריפּצוצווינגען אויף זיי אַ יוניאָן געגען זייער ווילען, האָבען זיך די לעצטע גענומען צו דעם אַלטען מיטעל פון טעראָר און בויאַנישע אָנפאלען אויף די סטרייקער און די אָרגאַנייזערס פון דער אינטערנעשאָנעל. וויס־פּרעזידענט ראָוז פּעסאָטא איז צוויי מאָל באַפאַלען געוואָרען און צושלאָגען געוואָרען אויפ׳ן פּיקעט ליין. אויך אַנדערע סטרייקערס און פירער זיינען אַטאַקירט געוואָרען. דאָס אָבער שרעקט זיי ניט אָפּ. ניט קיין בעסערען ערפאָלג האָט געמאַכט די פּאָליציי מיט אירע אַרעסטען. אין איין טאָג האָבען זיי אַרעסטירט 75 פּיקעטס. יעדעס מאָל, וואָס זיי האָבען אַ צענדליג מיידלאַך אַוועקגעפירט אין פּאָליציי סטיישאָן, האָבען אַנדערע צען פאַרנומען זייערע פּלעצער. איידער זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט דער לעצטער גרופּע, איז די ערשטע גרופּע שוין געווען ארויס אויף בעיל און — ווידער אויפ׳ן פּיקעט ליין. נאָכדעם ווי זיי האָבען אַרעסטירט 75, זיינען די פּאָליס מיד געוואָרען און אויפגעגעבען די אַרעסטען אלס נוצלאָז.

געגען די שלעגער האָט זיך אויך געפונען אַ מיטעל. 500 שטאָל און אויטאָמאָביל ארבייטער, דערהערענדיג פון די איבערפאלען אויף די אינטערנעשאָנעל פּיקעטס, זיינען מאָנטאָג, דעם 9טען אויגוסט, געקומען אויפ׳ן פּיקעט ליין. די שלעגער זיינען צעלאָפען אַזוי שנעל ווי זיי האָבען דערזעהן די יוניאָן מחנה אָנקומען. די ארבייטער זיינען געווען פון דער פישער באָדי קאָ.; די ווייט מאָטאָר טראָק קאָ.; די קאַריגען מעק קיני סטיל מילס און פון אַנדערע אָרגאַניזירטע שעפּער.

וויס־פּרעזידענט איבראַם קאַטאָווסקי, וועלכער איז געווען אַוועק אַ שטיק צייט צו ערהאָלען זיך פון דעם בלוטיגען איבערפאַל וואָס איז אויף אים געמאַכט געוואָרען מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, איז שוין צוריק אין קליוולאנד און האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפען אין דער ארבייט צו פירען דעם סטרייק.

טראָק דרייווערס יוניאָן לאָק. 102 אָרגאַניזירט די שיפּינג קלוירקס

נאָך אַ קורצען ענערגישען אָרגאַניזאַציאָנס־קאמפּיין וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ סטרייק אונטער דער פירערשאַפט פון סאול מעץ, מענעדזשער פון לאָקאַל 102, זיינען איצט ארום פיר הונדערט שיפּינג קלוירקס, די וואָס נעמען צו, טשעקען און פאַרפּאַקען די פאַרטיגע קלאָוקס און דרעסעס אין די ווער־הייזער, געוואָרען מיטגלידער פון לאָקאַל און אַרבייטען אונטער אַ יוניאָן־קאָנטראַקט.

אונטער דעם אַגרימענט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען לעצטען מאָנאַט, קריגען די אַרבייטער אַ מינימום פון 22 דאָלאַר אַ וואָך; אַ העכערונג פון צען פּראָצענט אויף די שכירות פאַר די וואָס האָבען געקראָגען איבער׳ן מינימום; 54 סענט אַ שטונדע פאַר ציטווייליגע אַרבייטער; איין וואָך וואַקיישאָן מיט געהאַלט און אַנדערע יוניאָן־באַדינגונגען, איינגעשלאָסען קלאָוזד שאָפּ.

די פאַרבעסערונגען וואָס די אַרבייטער האָבען געוואונען דורך דעם אַגרימענט, דעם ערשטען אין דעם טרייד, קען באַגרייפען בלויז איינער וואָס ווייס אונטער וואָס פאַר אַ שקלאַפעריי די שיפּינג קלוירקס האָבען ביז איצט געאַרבייט. די סטעדי אַרבייטער פלעגען קריגען 12 און 14 דאָלאַר אַ וואָך; ציטווייליגע אַרבייטער פלעגען קריגען ארום 32 סענט אַ שטונדע.

אונטער דעם איצטיגען אַגרימענט איז די אַרבייטס־וואָך באַגרענעצט צו 48 שטונדען אַ וואָך און ניט מער ווי 8 שטונדען אַ טאָג; ציטווייליגע ארבייטער מוזען קריגען ניט ווייניגער ווי 27 שטונדען אַ וואָך און ווען זיי קומען אַריין אין פּלאַץ מוז מען זיי געבען ווייניגסטענס 4½ שטונדען אַרבייט. קיין נייע הענט טאָר דער באָס ניט אַריינעמען סיידען די ציטווייליגע אַרבייטער וואָס ער באַשעפטיגט האָבען ווייניגסטענס 36 שטונדען אַרבייט די וואָך.

אַנטלאָפענער בעלט שאָפּ אין סטרייק.

די פירמע „סלאָוט און קליין" האָט געהאַט אַ שאָפּ פון ליידיס בעלטס אין ניו יאָרק. מיט אַ דריי מאָנאַטען צוריק האָט די בעלט־מאַכער יוניאָן לאָקאַל 40 געגרופען אַ סטרייק אין דעם שאָפּ און די נעשאָנאַל לייבאָר רילײשאָנס באָארד האָט דורכגעפירט אַן אָפּשטימונג צווישען די אַרבייטער צו באַשטימען וועמען זיי ווילען אַלס זייערע פאַרטרעטער אין פאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי בתים. אַנשטאָט אָבער צו סעטלען מיט דער יוניאָן איז די פירמע אַנטלאָפען מיטן שאָפּ נאָך דזשוירזי סיטי.

אין דזשוירזי סיטי האָבען אָבער די באָסעס אויך געטראָפען דער יוניאָן און די „לאַיאַלע" אַרבייטער האָבען געטאָן דאָס זעלבע וואָס די ניו יאָרקער אַרבייטער האָבען געטאָן, זיי האָבען זיך אַנגעשלאָסען אַן לאָקאַל 40, ווייניגסטענס אַ גרויסער טייל פון זיי. די אַרבייט אין דעם שאָפּ איז גאַר היבש געשטערט. איצט רעכענט די יוניאָן אַז די בעלי בתים וועלען איינזעהן אַז פון דער יוניאָן קען מען ניט אַנטלויפען און וועלען סעטלען.

הערי דובינסקי, געוועזענער וויס־פּרעזידענט פון אינטערנעשאָנעל, געשטאָרבען

הערי דובינסקי, איינער פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל און געוועזענער וויס־פּרעזידענט, איז געשטאָרבען מיטוואָך, דעם 28טען יולי, אין באָסטאָן אין עלטער פון 60 יאָר.

דובינסקי איז געקומען נאָך אַמעריקע פון לאָנדאָן אין 1903 און האָט זיך באַזעצט אין באָסטאָן וואו ער איז געוואָרען אַ רעין־קאָוט מאַכער. ער האָט זיך גלייך אַנגעשלאָסען אַן דער יוניאָן און איז געוואָרען אַקטיוו. שפּעטער צו האָט ער געמופּט נאָך ניו יאָרק, וואו ער איז געוואָרען שטאַרק טעטיג אין לאָקאַל 20, זייענדיג מענעדזשער פון דעם לאָקאַל פאַר אַ צאָל יאָרען.

אין 1912 איז ער ערוויילט געוואָרען צו דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד ביי דער טאָראָנטאָ קאָנווענשאָן פון וועלכער ער האָט רעזיגנירט אין 1915. ער איז נאָכדעם געווען פאַרבונדען מיט דער קלאָוק דזשאָינט באָארד און מיט דער באָסטאָן וואָירקערס יוניאָן און האָט געאַרבייט אין שפּעטער אין שיקאַגאָ און אין דער וועסט. הערי דובינסקי איז אַלע זיינע יאָרען געווען אַן איבערגעבענער יוניאָן־מאַן.

אַ שמחה ביי די קלאָוקמאַכער פון לואיס קאָהען שאָפּ.

אַנשטאָט אַ רעזאָלוציע ווילען מיר אָפּגעבען אַ באַריכט פון אַן אָריגינעלער פאַרווילונג, וואָס מיר, די אַרבייטער פון לואיס קאָהען, 500 זיבעטע עוועניו, האָבען געהאַט דעם וויק־ענד פון דעם 25טען יוני, אונטער די בלויע הימלען און שמעקענדע גראָזען און בלומען פון ספּרינג וואַלי.

ס׳איז געווען 2 טעג פון גענוס, פרייד און געזאַנג. טענץ האָבען אויך ניט געפעלט. אונזער מיטאַרבייטער, ברודער ה. אַרקין, האָט צוגעשטעלט די מוזיק אויף פּיאַנאָ און באַלאַלייקע.

יעדער מאַלצייט וואָס דער „גאַרטנערס אינן" האָט אונז סערווירט, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ באַנקעט און דער גאַנצער געגענט אַרום איז פאַרהילכט געוואָרען פון אונזער געזאַנג און פרעהליכקייט.

שבת אָוונט האָבען מיר געגעבען אַ קאָנצערט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז ניט נאָר זיינען מיר טיכטיגע שאָפּ אַרבייטער און גוטע יוניאָן לייט, נאָר אויך פיינע זינגער. אַזוי האָבען אונז פאַרזיכערט די געסט פון די שכנה׳שע האָטעלען, וועלכע זיינען אונז געקומען הערן.

דער זונטאַגדיגער דינער איז געווען דער קלימאַקס פון דער אונטערנעמונג. מיר האָבען געפייערט די פאַרענדיגונג פון אַ 40 וואָכען צייט קאָנטראַקט און אויסגעדריקט אונזער אכטונג און אָנערקענונג דורך אַ פיינער מתנה צו אונזער טשערמאַן, ה. פריימאַן, פאַר זיין איבערגעבענקייט און גוטע אַרבייט לטובת די אַרבייטער פון אונזער שאָפּ.

די ברידער דזשייק ראַמבראַווסקי און מ. יאַבלאָוו, מ. מעטץ, י. קאָהען, לעוויט און שוועסטער ליווי האָבען באַגריסט דעם טשערמאַן און אַלע אַרבייטער פון זייער שאָפּ פאַר זייער סאָלידאַריטעט איינער צום צווייטען.

ברודער ב. גאָלוב, דער אסיסטענט מענעדזשער פון לאָקאַל 117, האָט באַגריסט אַלעמען און ווינשט ברודער פריימאַן ווייטערדיגען ערפאָלג אין זיין אַרבייט און זאָגט אויך אַז אויב מר. קאָהען וועט וועלען נאָך אַ צייט־קאָנטראַקט וועט עס שוין זיין פאַר 42 וואָכען און אַ העכערונג אין געהאַלט.

דער טאָאַסטמאַסטער, מ. דייטש, האָט דאַן פאָרגעשטעלט אונזער באַלעבאָס, לואיס קאָהען, וועלכער האָט מיט זיין משפחה פאַרבראַכט דעם וויק־ענד מיט אונז און טאַקע באַצאָלט דעם גרעסטען טייל פון ביל. מר. קאָהען האָט געהאַלטען אַ געלונגענע רעדע.

ברודער ברעטשניידער, אונזער ביזנעס אגענט, האָט געהאַלטען אַ זאַכליכע רעדע און פאַרשפּראָכען אויך אויף ווייטער זיין קאָאָפּעראַציע.

ברודער פריימאַן, ענטפערענדיג אויף אַלע באַגריסונגען און גוטע וואונשען, האָט באַדאַנקט פאַר דער מתנה און געזאָגט צווישען אַנדערעס, אַז וואָס ער איז טשערמאַן שוין פאַר די לעצטע 9 יאָר, איז אַ דאַנק דעם צוטרויען און קאָאָפּעראַציע וואָס ער קריגט פון דער יוניאָן און פון די שאָפּ מיטגלידער. ער זאָגט צו אויף ווייטער צו דינען די אינטערעסען פון די אַרבייטער פון שאָפּ.

ברודער ראַדיש׳ס פאָרשלאָג צו באַדאַנקען דער אַראַנזשמענטס קאָמיטע פאַר איר גוטער אַרבייט, איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

משה דייטש, ל. 177, טשערמ. אַראַנזש. קאָמ.
דוד באַראָן, ל. 35; מ. יאַבלאָוו, ל. 9;
מ. מעטץ, ל. 177; לעוויט, ל. 10;
י. קאָהען, ל. 117.

קלאָוקמאַכער געוואָרענט ניט צו לאָזען זיך פאַרפירען פון געלט־זאַמלער אָהן קרעדענשעלס פון דזשאָינט באָארד

קריגענדיג באַריכטען, אַז געוויסע פּערזאָנען זאַמלען געלט אין די קלאָוק שעפּער באַהויפּטענדיג אַז זיי זיינען אויטאָריזירט פון דער דזשאָינט באָארד צו מאַכען אַזוינע זאַמלונגען, האָט לואיס לאַנגער, סעקרעטער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד, אַרויסגעשיקט אַ וואָרנונג צו אַלע קלאָוק־מאַכער ניט צו לאָזען זיך פאַרפירען פון אַזוינע זאַמלער וועלכע די יוניאָן האָט קיין מאָל ניט אויטאָריזירט און ווייס ניט פאַר וועלכע צוועקען דאָס געלט ווערט געזאַמעלט. די אַרבייטער ווערען אויפגעפאָדערט צו פרעגען פון די פּערזאָנען אַ קרעדענשעל פון דער דזשאָינט באָארד איידער זיי גיבען זיי געלט. די וועלכע קענען אַזאַ קרעדענשעל ניט ווייזען האָבען אַזאַ ערלויבעניש פון דער יוניאָן קיינמאָל ניט געקראָגען.

אויפ׳ן דרעסמאַכער פראָנט

פון
ג. מ. מינקאָף

איז דער איצטיגער הערבסט סעזאָן ביי דרעסעס אַ גוטער אָדער ניט? אַרבייטען אונזערע מיטגלידער? מאַכען זיי אַ לעבען? נאָך אַ שטיקעל אויספאָרשונג וואָס מיר האָבען געמאַכט צווישען רענק און פיילערס אין דרעס־מאַרקעט, שאַפּ־טשערלייט וואָס קומען אין אָפיס צאָלען דיוס און איניגע ביזנעס־אַגענטען, קען מען זאָגען אַז ביי די בעסערע ליין דרעסעס איז דאָ אַרבייט און די אַרבייטער פאַרדינען. די לאַגע אין די אַנדערע ליינס און איבערהויפּט אין דער אַזוי גערופענער מיטעל פּרייז־ליין — דאָס הייסט צווישען 2.75 און 6.75 — איז פאַרלויפיג ניט קיין גינסטיגע. ברודער איב דייטש, דער מענעדזשער פון אונזער נעשאַנאַל דעפּאַרטמענט, צום ביישפּיל, איז מיט דער מיינונג אַז די ביליגערע ליין הייזער וועלכע האָבען אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלאכע יאָר פּראָפּיטירט אויפ׳ן חשבון פון די בעסערע ליינס, מאַכען איצט דורך אַ שטילען קריזיס. „די עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג", זאָגט דייטש, „האָט געפירט דערצו אַז פרויען זאָלען קויפען בעסערע דרעסעס. דאָס איז אַ נאַטירליכער פּראָצעס. די צעהנדליגע טויזענטער אַרבייטער וועלכע האָבען נאָך ניט קיין דזשאָבס און מוזען לעבען פון די קלעגליכע סומע וואָס ווערט באַוויליגט פון דער רעגירונג, האָבען ניט קיין אַנדער ברירה ווי קויפען די סאַמע ביליגסטע. איז וועהרענד עס איז דאָ אַ ביסעל אַרבייט ביי די 2.87 און די 2.25 ליינס, ווערט אָבער די נאָכפראַגע אויף די 3.75 און 4.75 ליינס אַלץ קלענער. די מאַנופעקטשורערס, אין די לעצטע ליינס, וועלען זיך מוזען צופּאַסען צו די נייע אומשטענדען" דערביי האָט ברודער דייטש אָנגעוויזען אַז אין דעם גאַנצען ענין שפּילען אַ גרויסע ראָליע די דעפּאַרטמענט סטאָרס וועלכע פאַרטרייבען די אינדעפּענדענט סטאָרקיפּערס און דיקטירען זייערע אייגענע מקחים און קויף־באַדינגונגען.

אַן אינטערעסאַנטען געדאַנק האָט אויך אַרויסגעבראַכט בר. נייטען מאַרגאָליס, וועלכער איז אַנוועזענד געווען ביים געשפּרעך. „דרעסמאַכער", זאָגט ברודער מאַרגאָליס, „מוזען מאַכען שלום מיט׳ן געדאַנק אַז יענע ביזי סיזאָנס וועלכע מיר האָבען געהאַט אין אונזער טרייד מיט 5 און 10 יאָר צוריק, וועלען מיר שוין מעהר ניט זעהן. ערשטענס טאָרט איר ניט פאַרגעסען אַז קרוב צו 25 טויזענט מענשען זיינען צוגעקומען אין טרייד זייט אונזער גרויסען סטרייק פון 1933. אמת, פרויען קויפען טאַקע מעהר דרעסעס, אָבער נאָך אַלץ ניט אין דער פּראָפּאָרציע וואָס עס קומען צו נייע אַרבייטער. צווייטענס, פאַלט ביי אונז צו ביסלאַך אַוועק די שאַרפע צוטיילונג פון ביזי און סלעק סיזאָנס. פּירמעס וועלכע האָבען דעם גליק צו קריגען גוטע דעזיינערס אַרבייטען לענגערע סיזאָנס ווי אַמאָל. די ביטערקייט פון דעם אַמאָליגען סלעק סיזאָן ווערט צו ביסלאַך געלינדערט און אויף דעם באַדאַרף מען זיך ניט באַקלאָגען".

ברודער מאַרגאָליס האָט דאָ, אָן צווייפעל, אַרויסגעבראַכט אַן אַפּיקורסישען אָבער גלייכצייטיג אַן אינטערעסאַנטען געדאַנק. די אַמאָליגע „ביזי", וועלכע איז באַשטאַנען פון 5 און 6 טעג אַרבייט אַ וואָך, מיט אַן עקסטרא 10 אָדער 12 שטונדען אָווערטיים, איז אַ זאַך דער פאַרגאַנגענהייט און אויף דעם לוינט זיך ניט צו פאַרלירען קיין טרערען. פאַרקערט! מיר דאַרפען באַגריסען די ענדערונג, אין דער האָפענונג, אַז מיט דער צייט וועלען אונזערע מיטגלידער אַרבייטען ווי נאָרמאַלע מענשען אַ גאַנץ יאָר אַנשטאָט אַרויסצויאָגען פון זיך די נשמה אין די קורצע פאַר וואָכען סיזאָן און אַרומדרעהען זיך ליידיג און פאַרצווייפעלט די איבעריגע צייט.

גוואַלד, פאַר וואָס אַזאַ יאָגעניש?

דאָס ברענגט אונז טאַקע צו אַן ענין וועלכען מיר האָבען שוין לאַנג געהאַט בדעה צו באַרירען, נעמליך, די פראַגע פון יאָגען זיך. גוואַלד, פאַרוואָס אַזאַ ווילדע יאָגעניש?

אָט איז אָנומעלט צו אונז צוגעקומען אַ מיטגליד פון לאָקאַל 22, וועלכען מיר קענען שוין אַ היבשע פּאָר יאָר. מיר האָבען זיך חבריש באַגריסט. „אַי, ברודער מינקאָף", זאָגט אונזער באַזוכער, „עס איז ניט גוט. עס טויג ניט". „נו, — האָבען מיר אים געזוכט צו באַרוהיגען, — מען וועט באַלד אָנפאַנגען צו אַרבייטען. עס וועט פריילאַך ווערען אויפ׳ן האַרצען, עס וועט זיין בעסער". „אָט וועגען דעם טאַקע האָב איך מיט אייך געוואָלט כאַפּען אַ פּאָר ווערטער", זאָגט אונז דער ברודער. „עס איז ניטאָ קיין כחות. די היינטיגע יאָגעניש, דאָס זיצען באַגראָבען ביים מאַשין ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ אַ גאַנצען טאָג, לייגט אונז יונגערהייט אין דר׳ערד אריין. מען פאַרגינט זיך ניט דעם פאַרגעניגען אַרויסצורײדען אַ וואָרט. מען זשאַלעוועט אפילו די פּאָר מינוט וואָס אַ לעבעדיגער מענש מוז זיך ערלויבען פאַר זיינע נאַטירליכע באַקוועמליכקייטען. און מיינט ניט, חלילה, אַז איך באַשולדיג אונזער יוניאָן אין עפּעס. איך וויס, אַז דאָס איז דעם אַרבייטער׳ס אייגענע שולד. ער וויסט זיך ניט ווי אויפצופירען".

אפשר האָט אונזער באַזוכער די זאַך אַביסעלע איבערגעטריבען. אַביסעל צו שטאַרק באַזאַלצט. עס איז אָבער פאָרט אַן אמת, אַז אין גאַר אַ סך שעפּער האָט זיך די יאָגעניש מגפה שטאַרק באַפעסטיגט. מען באַדאַרף ניט זיין קיין מאַרקסיסטישער גאון צו פאַרשטעהן אַז מענשען יאָגען פון זיך ניט די נשמה פון וואוילטאָג וועגען. די סיזאָנס זיינען קורצע. די פאַרדינסטען קליינע. די הוצאות גרויסע. איילט מען זיך. נאָך אַ דרעס, נאָך אַ דרעס. די בעלי בתים, נאַטירליך, האָבען ניט דאַגעגען. וואָס אַ דרעס מער, ווערט דער „אָווערהעד" רעדוצירט. ווערט דער פּראָפּיט גרעסער. אָבער דורך דעם וואָס די אַרבייטער גיבען אַרויס מעהר דרעסעס, פאַרגרעסערען זיי דאָך ניט די נאָכפראַגע אויף דרעסעס. און נאָך אַ זאַך. דעם בעל הבית אַרט ניט וואָס דער אַרבייטער שעפּט אויס זיינע לעצטע קרעפטען אום אַרויסצוגעבען די עטליכע „עקסטרא" דרעסעס. ער גיט אייך באַלד אין גדן אריין די פּידע, וואָס דער אַרבייטער האָט פאַר דער וואָך פאַרדינט. סוף כל סוף וועט די יאָגעניש ווירקען אויף אונזערע שטיק־מקחים. זיי וועלען רעדוצירט ווערען. לוינט זיך עס?

און וואָס איז טאַקע מכח דעם געזונט? אמת טאַקע, מען קען ניט פאַרגלייכען די פראַגע פון געזונט צו אַ דרעס. אַ דרעס איז דאָך עפּעס אַן עסק, אַ געשעפט! וואָס טויג אָבער דער עסק, דער געשעפט ווען עס איז ניטאָ קיין געזונט? אַנו, לייענט אָקאַרשט דורך דעם באַריכט פון קראַנקען־פאָנד פון לאָקאַל 22, וועט איהר זעהן וואָס דאָס ווילדע איילעניש און יאָגעניש האָט אויפגעטאָן צו וואָסערע 2 טויזענט מיטגלידער אין 1936 כלעבען, עס לוינט זיך ניט.

לאָזט ניט פאַלען אונזערע שפּאַנישע חברים!

אין פאַרלויף פון דעם 14 מאָנאַטדיגען קאַמף וועלכען די שפּאַנישע אַרבייטער פירען אַן געגען די פאַשיסטען און זייערע משרתים פון איטאַליע און דייטשלאַנד, אין יעדער זאמלונג אונטערנעמונג, האָבען זיך די דרעסמאַכער אויסגעצייכענט דורך זייער וואַרימהערציגקייט און ליבעראַליטעט. דרעסמאַכער האָבען ניט נאָר ביישטייערט די נויטיגע געלט־מיטלען צו קויפען אַמבולאַנסען און מעדיצינישע הילף פאַר די בראַווע קעמפער אין שפּאַניע; דרעסמאַכער קעמפען אויך אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע. עס וועט פיליכט איבעראַשען מאַנכע לעזער צו וויסען אַז אַ צאָל מיטגלידער פון לאָקאַל 22, וועמעס נעמען און בילדער עס ווערען ערגעץ ניט דערמאָנט, קעמפען צוזאַמען מיט די לאָיאַליסטען אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער.

לעצטענס האָט זיך אין ניו יאָרק געגרינדעט די „טרייד יוניאָן רעליף קאָמיטע פאַר ספּעין", אַן וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסען אַלע היגע פּראָגרעסיווע יוניאָנס מיט פּרעזידענט דייוויד דובינסקי אַלס טרעזשורער און סאַשאַ זימערמאַן אַלס טשערמאַן. די קאָמיטע האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפען אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר־פאָנד צו בויען האָספּיטעלער פאַר די פאַרוואונדעטע און היימען פאַר די יתומים. די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאַל 22 האָט פאַרשפּראָכען צוצושטעלען איר קוואָטע פון 10,000 דאָלאַר אין פאַרלויף פון די קומענדע פּאָר וואָכען. פאַר דעם צוועק זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען ספּעציעלע סטעמפּס, וועלכע ווערען אַצינד פאַרטיילט דורך די שאַפּ־טשערלייטע. מיר צווייפלען ניט, אַז די דרעסמאַכער וועלען זיך אויך אין דעם קאַמפּיין אַריינוואַרפען מיט זייער גאַנצען ענטוזיאַזם און איבערגעבענהייט. אויב אייער שאַפּ־טשערמאַן האָט ניט קיינע סטעמפּס, ווענדעט זיך אין אָפיס פון לאָקאַל 22 אויף דער 40טער גאַס.

דערביי איז ווערט צו דערמאָנען די שעהנע טאַט פון די אַרבייטער פון דער „על. ענד אייטש. דרעס קאָ.", 236 וועסט 26טע סטריט, פאַר וועמען דער אָפיס האָט אויפגעמאַכט 50 דאָלאַר פון דער פירמע. די אַרבייטער האָבען די גאַנצע סומע איבערגעגעבען צום שפּאַנישען פאָנד. אויך די אַרבייטער פון האָראָוויץ און דובערמאַן האָבען זיך אָפּגערופען אויף אַ זעהר חשוב׳ען אופן.

די אַרבעטסלאָזע מוזען קריגען אַרבעט

ביים דזשאָינט באָארד מיטינג פון אויגוסט דעם 3טען האָט ברודער סאַשאַ זימערמאַן, מענעדזשער פון לאָקאַל 22, אויפגעהויבען די פראַגע פון געפינען דזשאָבס פאַר אונזערע אַרבייטסלאָזע מיטגלידער. ברודער זימערמאַן האָט אָנגעוויזען אַז אין אַ סך שעפּער האָבען די אַרבייטער אָנגענומען אַזאַ פּאָליסי: אָנפאַנגס סיזאָן וויל מען ניט אַרויפלאָזען קיינעם צו דער אַרבייט דערפאַר וואָס מען איז דאָך אַרומגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט ליידיג, מוז מען דאָך אַליין עפּעס אַריינכאַפּען. שפּעטער זעהט מען זיך אַרום, אַז . . . באַלד איז דאָך שוין נאָכ׳ן סיזאָן, וועט דאָך אויסקומען צו טיילען זיך מיט דער אַרבייט. בינו לבינו זיינען יענע מענשען, וועמעס שעפּער עס האָבען זיך צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער סיבה פאַרמאַכט, אויף גרויסע צרות. „אַזאַ צושטאַנד, — האָט זימערמאַן אויסגערופען, — טאָר ניט געדולדעט ווערען. די אַרבעטסלאָזע מיטגלידער מוזען אַרויפגענומען ווערען צו דער אַרבייט און טאַקע איצט, אין אָנפאַנג פון סיזאָן". די דזשאָינט באָארד האָט באַשלאָסען צו ווענדען זיך שריפטליך צו די שאַפּ־טשערלייטע אויפפאָדערענדיג זייער פולע שטיצע אין דעם פאַרזוך צו באַזעצען די אַרבעטלאָזע אין שעפּער. עס איז באַשלאָסען געוואָרען אַז אין יעדען פאַל וואו עס וועט זיך אַרויסווייזען אַז די אַרבייטער האָבען געשטערט וועלכען עס איז אַרבייטסלאָזען צו קריגען אַ דזשאָב, זאָלען די באַטרעפענדע שטרענג באַשטראָפט ווערען.

אַלגעמיינער קאָנטראָל אין מאָנאַט סעפּטעמבער

די דרעס דזשאָינט באָארד האָט געלאָזט וויסען די שאַפּ־טשערלייטע אַז אָנפאַנג סעפּטעמבער וועט אין יעדען שאַפּ געמאַכט ווערען אַן אַלגעמיינער קאָנטראָל. טשערלייטע וועלען מוזען צושטעלען אַן אָפיציעלע ליסט פון זייערע אַרבייטער, אָנוויזענדיג דעם לאָקאַל און

אָו ל. מאַכט אַ פאַרזוך צו העלפען ברעכען דעם סטרייק פון די ניט־גודס אַרבייטער אין קליוולאַנד. זי האָט אויך געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירען אַ ניט־גודס לאָקאַל אין ניו יאָרק און האָט גערופען מיטינגען פון געוויסע מילס, אָבער דער ענטפער פון די אַרבייטער איז געווען אַזאַ, אַז זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען פון שלאַכטפעלד. די ניט־גודס אַרבייטער ווילען זיכער ניט דעם ברודער־קריג אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, אָבער אין דער זעלבער צייט וועלען מיר ניט ערלויבען קיינעם פון וואָס פאַר אַ זייט ער זאָל ניט קומען, צו צושפּליטערען די רייען פון די ניט־גודס אַרבייטער. אונטער דעם באַנער פון אונזער אינטערנעשאַנאַל האָבען זיי געמאַכט פאָרטשריט, און אונטער דעם זעלבען באַנער וועלען זיי ווייטער מאַרשירען ביז אַלע ניט־גודס אַרבייטער אין לאַנד וועלען אָרגאַניזירט ווערען.

מיר גלויבען, אַז צו דער קומענדער קאָנווענשאַן פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, ווען דער באַריכט פון אונזער פּרעזידענט און פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד וועט אָפּגעגעבען ווערען, וועלען מיר זיך דערוויסען פון די העראָאישע קאַמפען פון די ניט־גודס אַרבייטער און די פאָרטרעטערשאַפט צו דער קאָנווענשאַן פון די ניט־גודס אַרבייטער זעלבסט וועט ווייזען, אַז די איינציגע אָרגאַניזאַציע וועלכע איז ווירקליך פאַראינטערעסירט אין אָרגאַניזירען, קעמפען און אויסבעסערען די לאַגע פון די ניט־גודס אַרבייטער, איז די אינטערנעשאַנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

איז פאר קיינעם קיין סוד ניט. די קאנטראקטארס, אזוי גוט ווי די דזשאבערס וויסען עס, ווייל די יוניאן זאגט זיי דאס ביי יעדער געלעגענהייט.

די יוניאן איז פאר דעם, אז די דזשאבערס זאלען עפענען אינסייד שעפער און זי שטערט קיינעם ניט דערין. זי איז בלויז געגען דעם אז א דזשאבער זאל עפענען אן אינסייד שאפ, ווען ער וויל דורך דעם זיך באפרייען פון זיינע קאנטראקטארס אויף אן אופן וועלכער איז ניט אין איינקלאנג מיט דעם אגרימענט, וועלכען די יוניאן האט מיט דער קאנטראקטאר'ס אסס'ן. א דזשאבער קען עפענען אן אינסייד שאפ, ווען זיינע רעגיסטרירטע קאנטראקטארס רעזיגנירען פון דער קאנטראקטאר'ס אסס'ן, און דער דזשאבער נעמט זיך אונטער צו באשעפטיגען זייערע ארבייטער. אזוי שנעל ווי א קאנטראקטאר רעזיגנירט פון זיין אסס'ן, איז ער ניט מער בארעכטיגט צו דער פראטעקציע וואס דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער אסס'ן גיט אים. אזוי לויטעט דער אגרימענט, און עס איז דארום אן אומזין זיך לאזען איינרעדען אז די יוניאן איז געגען עפענען אינסייד שעפער, און אז זי איז פאראינטערעסירט אנצוהאלטען דעם קאנטראקטינג סיסטעם אין טרייד.

די יוניאן האט דעם קאנטראקטינג סיסטעם ניט געשאפען. דער קאנטראקטינג סיסטעם אין אונזער טרייד איז עלטער פון אונזער יוניאן. דעם סאב-קאנטראקטינג סיסטעם האבען די מאנופעקטשורערס געשאפען אין אונזער טרייד באלד נאך דעם 1910 גענעראל סטרייק, אלס א מיטעל אפצושוואכען די יוניאן. מיר זיינען צופרידען ווען די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס האבען אנגעפאנגען באגרייפען אז דער קאנטראקטינג סיסטעם איז אן עקאנאמישע אויסברענגעריי און אז דער „גולם", וועלכען זיי אליין האבען באשאפען, שטיקט זיי, און זיי וואלטען געוואלט פון אים פטור ווערען. ווען די אינדוסטריעלע עלעמענטען האבען אנגעפאנגען קריגען די נייגונג פאר אינסייד שעפער איז נויטיג אז די קלאוקמאכער זאלען וויסען אז די „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס", וואס הערשט אצינד אין אונזער טרייד, טרייבט זיי דערצו. אז עס איז אזוי, דארף מען בלויז מאכען א פארגלייך צווישען דער צאל ארבייטער וואס זיינען געווען באשעפטיגט אין די אינסייד שעפער אידער די „לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס" איז איינגעפירט געווארען אין טרייד, מיט דער צאל ארבייטער וואס ווערען אצינד באשעפטיגט אין די אינסייד שעפער. אידער „לימיטיישאן" איז איינגעפירט געווארען, האבען די אינסייד שעפער באשעפטיגט ניט מער ווי 4,000 קלאוקמאכער; אצינד ווערען אין יענע שעפער באשעפטיגט נאענט צו 13,000 ארבייטער. די ענדערונג האט געבראכט די „לימיטיישאן". דארום מוז די יוניאן האנדלען זעהר פארזיכטיג ווען עס קומט צו דעם פונקט וואס רירט אן די פראגע. אזוי ווי אונטער דעם „לימיטיישאן" פונקט איז יעדער רעגיסטרירטער קאנטראקטאר, ווי אויך זיינע ארבייטער, געשיצט מיט זייער עקזיסטענץ, קען די יוניאן דארום ניט צושטימען צו ערלויבען א דזשאבער עפענען אן אינסייד שאפ, ווען דאס איז פארבונדען מיט ארויסווארפען זיינע רעגיסטרירטע קאנטראקטארס, סיידען זיינע קאנטראקטארס שטימען איין אים צו באפרייען דורך רעזיגנירען פון דער אסאסיאיישאן.

**

דער גאנג פון דער יוניאן מאשינערי איז צוריק א נארמאלער. אין די לעצטע וואכען נאך דעם סעטלמענט איז דער אפיס געווען זעהר שטארק באלאגערט פון מעמבערס. עס איז דאס מאל געווען א גרעסערע ביזי ווי אין א געוויינליכען יאר. דאס איז געקומען דערפון ווייל אלעס איז אויסגעפאלען מיט אמאל און די מאשינערי, ווי גרויס און פערפעקט זי זאל ניט זיין, איז פאר איר געווען אונמעגליך זיך צו ספראווען מיט אמאל מיט אלע קאמפליינטס אדער פארלאנגען פון די מעמבערס.

ווארום עס איז אזוי איז גאנץ פשוט. צווישען דער צייט פון דעם אויסגעהענדען און באנייטען אגרימענט, ווען די מאשינערי צווישען דער יוניאן און די אסאסיאיישאנס פונקציאנירט ניט, דאמאלס קענען די זעהר ערנסטע קאמפליינטס ניט גלייך אטענדעט ווערען, ווייל ניט די יוניאן און ניט די מאנופעקטשורערס וויסען וואס דער נייער אגרימענט וועט אין זיך ענטהאלטען. איז נאטירליך אז באלד ווי דער סעטלמענט ווערט געמאכט, שווימען באלד ארויף די ערנסטע קאמפליינטס אויף דער אויבערפלאכע. די יוניאן מוז די מעמבערס באלד ענטפערען. זיי זיינען פון די גאר ערשטע צו וועמען די יוניאן האט א פליכט צו געבען איר פולע אויפמערקזאמקייט.

דארטען וואו עס איז ניטא קיין קאמפליינטס, איז דא די פראגע פון פרייזען סעטלען. אלע מאנופעקטשורערס זיינען גרייט אנצופאנגען דעם סעזאן און יעדער שטיק-ארבייט שאפ פארלאנגט אז זייערע פרייזען זאלען גלייך געסעטעלט ווערען. דאס מאל איז אויף דער יוניאן די פראגע פון פרייזען סעטלען פיל שווערער אויסגעפאלען ווי ווען עס איז בעפאר, ווייל די יוניאן האט אנגענומען די פאליסי אז קיין שאפ זאל זיך ניט זעצען ארבייטען אויף ניט קיין געסעטעלטע גארמענטס. די יוניאן האט דאס געטאן אלס א נויטוועדיגקייט צו באשיצען דעם מעמבער און זי האט דאס אויך געטאן בכיוון אום איבערצוציינען אז די וועלכע ארבייטען פון שטיק האבען געקראגען די זעלבע העכערונג ווי די וועלכע ארבייטען פון וואך.

מיר באריערען די פראגע אום די מעמבערס זאלען וויסען, אז אויב דאס פרייז סעטלען איז ביי זיי ניט גלייך אטענדעט געווארען, איז דאס ניט געווען די שולד פון דער יוניאן. ערשטענס, איז אלעס אנגעקומען מיט אמאל און, צווייטענס, געהט צו דאס סעטלען פון די פרייזען ניט אזוי שנעל דערפאר, וואס די מאנופעקטשורערס אדער דזשאבערס האלטען אמאל צוריק די סעטלמענטס, ווייל זיי זוכען אזוי ארום צו פארמאטערען די יוניאן. ווען זיי זעהען איין, אז זיי קענען די יוניאן ניט פארמאטערען, פאנגען זיי ערשט דאן אן צו סעטלען.

מיר ערקלערען, דאס דערפאר וואס א טייל פון אונזערע מעמבערס זיינען אונטער דעם איינדרוק, אז די פרייז סעטלמענטס פארציהען זיך צוליב דעם וואס אונזער סעטלמענט אפאראט איז ניט גענוג געשיקט, האבען אין דעם אונזערע מעמבערס א טעות. אונזער סעטלמענט אפאראט איז ניט נאר געשיקט, נאר אויך געאיבט. עס איז אבער פיזיש אונמעגליך צו ערלידיגען אלע סעטלמענטס מיט איין מאל. דארום מוזען אונזערע מעמבערס, צוליב זייערע אייגענע אינטערעסען, האבען אביסעל געדולד.

**

די אמעריקען לייבאר פארטי, פון וועלכער מיר זיינען א טייל, האט פאר די קומענדע שטאטישע וואלען נאמינירט ברודער איזידאר נאגלער, גענעראל מענעדזשער פון אונזער דזשאינט באארד, פאר דעם אמט פון בארא פרעזידענט פון די בראנקס. עס איז געוויס א גרויסער כבוד פאר אונזער יוניאן, וואס אונזער הויפט פירער איז באעהרט געווארען מיט דער נאמינאציע פאר אזא וויכטיגען אמט, און מיר גראטולירען אונזער ברודער נאגלער אויף זיין דערהויבען ווערען צו אזא גדולה. מיר ווילען, ביי דער געלעגענהייט, זאגען א פאר ווערטער צו די בירגער פון די בראנקס אין אלגעמיין, און ספעציעל צו דער טרייד יוניאן באפעלקערונג, וואס געפינט זיך דארט, הויפטזעכליך די מעמבערס פון אונזער אייגענעם טרייד.

געאגראפיש איז די בראנקס די דריטע גרעסטע קאונטי פון דער שטאט ניו יארק. זי פארמאגט א באפעלקערונג פון נאענט צו אנדערהאלבען מיליאן, פאר וועמעס באקוועמליכקייטען דער בארא פרעזידענט מוז זארגען. ניט אלע בירגער פון די בראנקס קענען ברודער נאגלער אזוי גוט ווי די קלאוקמאכער. ער איז פארבונדען מיט דער יוניאן טעטיגקייט זייט פילע יארען. ער האט דורך דער צייט פון זיין לאנגיאריגער טעטיגקייט באקליידט פארשידענע אמטען, און האט זיך דערהויבען צו זיין איצטיגען הויכען פאסטען דורך זיין ערנסטקייט און דורך די ספעציעלע פעהיגקייטען וואס ער פארמאגט. ניט נאר איז ער באליבט ביי די קלאוקמאכער, נאר ער איז אויך באליבט אין פילע אנדערע קרייזען אין און אויסערהאלב דער ארבייטער באוועגונג.

זיין נאמינאציע פאר בארא פרעזידענט פון די בראנקס דארפען די בירגער פון די בראנקס — ניט רעדענדיג וועגען די קלאוקמאכער און אנדערע יוניאן לייט וואס וואוינען דארט — באטראכטען פאר א גרויסען כבוד און פריווילעגיע.

אויפ'ן ניטגודס ארבייטער פראנט

פון **ל. נעלסאן**, מענעדזשער
דזשאינט קאונסיל ניט גודס ווארקערס יוניאן

באזוכט קליוולאנד אין פילאדעלפיא, געקראגען באריכטען פון סאן פראנציסקא אין לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע; די ניו ענגלאנד שטאטען און פראקטיש פון יעדען שטאט און שטעטעל וואו געשטריקטע קליידער ווערען פראדוצירט. באזוכענדיג די שטעט און לייענענדיג די באריכטען, באזוכענדיג די פיקעט-ליינס און זעענדיג ווי די ניט-גודס ארבייטער קעמפען, זעען מיר אז די באשליסע פון אונזער לעצטער קאנווענשאן אין באצוג צו די ניט-גודס ארבייטער ווערט דורכגעפירט אין לעבען.

ביי דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין אטלאנטיק סיטי איז געווען פארטראטען בלויז איין לאקאל פון ניט-גודס ארבייטער פון ניו יארק. לויט די לעצטע באריכטען, עקזיסטירען שוין איצט זעקס לאקאלען פון ניט-גודס ארבייטער אין פארשיידענע געגענדען אין לאנד, פון פאסיפישען ים ביז דעם אטלאנטישען ים. ארגאנייזערס זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון אונזער אינטערנעשאנאל איבער'ן גאנצען לאנד. זיי האבען פאנאנדערגעטראגען דעם רוף פון אונזער קאנווענשאן צו אלע ניט-גודס ארבייטער און דער אפרוף פון די ניט-גודס ארבייטער איז א גלענצענדער. ברודער רייזבערג, וויס-פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, האט שוין אין זיין דעפארטמענט ארגאניזירט עטליכע טויזענט ניט-גודס ארבייטער אין די ניו ענגלאנד שטאטען און ער מאכט ווייטערע פארשריטען. דער דזשאינט קאונסיל האט אנגענומען א רעזאלוציע באדאנקענדיג אים פאר דער גוטער ארבייט אויף דעם ניט-גודס פעלד.

אגרימענטס זיינען אונטערגעשריבען געווארען פאר טויזענטער ניט-גודס ארבייטער איבער'ן לאנד, מיט קירצערע שטונדען און העכערונגען אין געהאלט. דער טרוים פון די ניט-גודס ארבייטער ווערט פארווירקליכט. די ניט-גודס ארבייטער האבען אויסגעגלייכט זייערע פלייצעס. זיי שטייען אונטער דער פירערשאפט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. ניט מער בעטלען, נאר פאדערען, קעמפען און זיגען.

איר האט געדארפט זען די ניט-גודס ארבייטער אין קליוולאנד אויף די פיקעט-ליינס, מיט וואס פאר א שטאלץ און אפפערווילליגקייט זיי קעמפען געגען אלע פינסטערע עלעמענטען וועלכע עס האבען זיך פארבונדען צו צוברעכען זייער הערואישען סטרייק. די פינאנציעלע, ארגאניזאציאנעלע און מאראלישע שטיצע וועלכע זיי קריגען פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן דורך אונזער פרעזידענט, דוד דובינסקי, איז אוממעגליך איבערצוגעבען אויף די זייטען פון דער „גערעכטיגקייט" און ווען איך האב באריכטעט צו פרעזידענט דובינסקי וועגען דער סטרייק-סיטואציע אין קליוולאנד איז זיין ענטפער געווען; דער קאמף וועט אנגעפירט ווערען אפגעזען פון קאסטען און צייט. מיר ווילען דעם קאמף ניט אויפגעבען ביז וואנען די ניט-גודס ארבייטער וועלען ארגאניזירט ווערען".

אין פילאדעלפיע זיינען פארגעקומען סטרייקס און עס זיינען געסעטעלט געווארען שעפער, וועלכע האבען אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט דער יוניאן. א גאנצער סטעף ארגאנייזערס זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון אונזער אינטערנעשאנאל אין פילאדעלפיע. די ניט-גודס ארבייטער האבען ענדליך אנגעפאנגען ערוואכען און וועלען זיכער זיין א שטאלץ פאר אונזער אינטערנעשאנאל אזוי גוט ווי פאר די אנדערע אפטיילונגען פון דער פרויען קליידער-אינדוסטריע.

אין ניו יארק ווערען סטרייקס אנגעפירט פון דעם דזשאינט קאונסיל און מיר גרייטען זיך צו פאר א גאנץ גרויסען ארגאניזאציאנס-דרייוו פאר דעם איצטיגען ווינטער-סעזאן. לעצטענס זיינען די פאלגענדע מילס ארגאניזירט געווארען און אונטערגעשריבען אגרימענטס מיט דער יוניאן: די קארענט, ניו דיעל, אימפיריאל, פארסאם, עקספערט, דיוריבל, הייגרעיד, גדאבליו און מעריס. די האיגרעיד און גראבליו זיינען געווען אין סטרייק זינט דעם חודש דזשון, 1936. די פיקעט-ליינס זיינען ניט ארונטערגענומען געווארען ביז וואנען די צווי פירמעס זיינען געווען געצוואונגען נאכצוגעבען די פאדערונגען פון אונזער יוניאן און זיינען איצט הונדערט פראצענט יוניאן-שעפער.

דער אינערליכער קאמף אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן-באוועגונג האט געטראפען די ניט-גודס ארבייטער אין די נאדעל-טריידס די ערשטע. די א. פ.

צווישען די קלאָוק־פּרעסערס אין שאַפּ און אין דער יוניאָן

פון י. ברעסלאו, מענעדזשער.

פונקט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, האָט לאָקאַל 35 גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען פאַר דעם נייעם קלאָוק־אַגרימענט. לויט מיין מיינונג, איז דער אַגרימענט דער בעסטער אין דער געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן. קיין פריהערדיגער אַגרימענט קען זיך ניט פאַרגלייכען מיט דעם איצטיגען אין די פּראָגרעסיווע מאָסנאָמען, ספּעציעל אין די פאַרשיידענע פונקטען וועלכע גיבען אונז אַזאַ שטאַרקען קאָנטראָל צו ענפאָרסען דעם אַגרימענט. ווען עס זאָל נאָר זיין אַרבייט, זיינען אונזערע אַרבייטער זיכער אַז די אַרבייט וועט געמאַכט ווערען אין ניו יאָרק און יוניאָן־באַדינגונגען וועלען דורכגעפירט ווערען הונדערט פּראָצענט. ליידער איז דער סעזאָן דערווייל ניט איבעריגס גוט. עס איז פאַקטיש נאָך ניטאָ קיין אַרבייט אין טרייד. מען דאַרף אָבער ניט אויפגעבען די האָפענונג. עס איז איבערהויפּט וויכטיג, אַז אונזערע מיטגלידער זאָלען זיך ניט לאָזען פאַרפירען פון פאַלשע פאַרשפּרעכענס פון די בעלי בתים אַז ווען זיי וועלען אַרבייטען ביליגער וועט זיין מער אַרבייט. דאָס זיינען בלויז בבא מעשות. ווען עס וועט זיין אַרבייט, וועלען עס די אַרבייטער קריגען אונטער די באַדינגונגען פון אַגרימענט. ווען קיין אַרבייט איז ניטאָ, וועט דאָס אַרונטערלאָזען פון די פּרייזען קיין אַרבייט ניט ברייגגען.

דער סטאַפּעדזש אין סקוירט טרייד.

כאָטש, מען האָט פיל דערפון ניט געשריבען אין די צייטונגען, איז דאָך דער סטאַפּעדזש וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען אין סקוירט טייד געווען אַ באַגייסטערנדע פּאַסירונג. דער אַגרימענט אין סקוירט־טרייד איז אויסגעגאַנגען אין דער זעלבער צייט מיט דעם קלאָוק־אַגרימענט און די צוויסטיגקייטען מיט די מאַנופעקטשורערס האָבען ניט געקענט אויסגעגליכען ווערען ביז די סקוירט־מאַכער האָבען באַוויזען זייער מאַכט.

אַזוי ווי אונזערע פּרעסערס פאַרנעמען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער סקוירט און ספּאָרט סוטס שעפּער האָט אונזער אָפיס זיך באַטייליגט אין די פאַרשיידענע קאָנפערענצען מיט די מאַנופעקטשורערס פאַר דער באַנייאונג פון דעם אַגרימענט.

דער אַגרימענט פון די סקוירט און ספּאָרטוועער אַרבייטער איז ענליך צום אַגרימענט פון די קלאָוקמאַכער. וואָס אַנבאַלאַנגט די פּרעסערס, האָבען מיר די גרעסטע שוועריגקייט געהאַט מיט די מאַנופעקטשורערס וואָס פּראָדוצירען די $12.75 ביז $16.75 אַ דאָזען ליינס. עס איז געווען זייער שווער צו קריגען פון די בעלי בתים אַ העכערונג אין די ליינס און נאָכדעם ווי מיר האָבען עס שוין געקראָגען איז עס געווען שווער אויסצואַרבייטען אַ פּראַקטישען וועג ווי אַזוי די פּרעסערס זאָלען קריגען די העכערונג אין פּיי־ענוועלאָפּ.

מיטוואָך, דעם 12טען אויגוסט, האָבען די ספּאָרטוועער און סקוירט פּרעסערס אָפּגעהאַלטען אַ זעלטען שיינעם און גוט באַזוכטען מיטינג, וואו דער אַגרימענט איז פאַר זיי דערקלערט געוואָרען. איך וויל דאָ אויסדריקען מיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אַנטוויקעלטען טרייד יוניאָן גייסט וואָס אָט די פּרעסערס האָבען אַרויסגעוויזען. ביי אונז אין לאָקאַל רופען מיר זיי „די נ. ר. א. בייביס", ווייל זיי זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען דורך דער צייט פון דער נ. ר. א. איך בין אָבער גליקליך צו ערקלערען, אַז פון פּערזענליך דיסקוטירען מיט פילע פון זיי און באַאָבאַכטענדיג זייער אויפפירונג אין שאַפּ און ביי מעמבערשיפּ־מיטינגס, האָב איך געזען אַז זיי זיינען אַן אויסגעצייכענטער עלעמענט אין אונזער יוניאָן. באַוואוסטזיניג איבער די גרויסע פאַרבעסערונגען, וואָס אונזער יוניאָן האָט זיי געבראַכט, ווייזען די פּרעסערס אַרויס אַ לעבעדיגען אינטערעס אין יוניאָן־אַנגעלעגענהייטען און זאַפּען אין זיך שנעל איין דעם גייסט און הויכען סטאַנדאַרד פון לאָקאַל 35.

דורך דער גאַנצער צייט פון די פאַרהאַנדלונגען בין איך געווען אין שטענדיגער באַרירונג מיט דער אַדווייזאָרי קאָמיטע פון די סקוירט און ספּאָרט וועאַר פּרעסערס פון לאָקאַל 35 און האָב דורך דעם געוואונען פיל נוצליכע אינפאָרמאַציע. די קאָמיטע איז באַשטאַנען פון דזשאָו מאַנסי, טשערמאַן; ע. ווייסמאַן, סעקרעטער; ד. באַטאַן; ס. מאַיסאַ; ב. הערשקאָוויץ; ג. יאַסקאַלקאַ; א. קאָהען, מאַקס צייעס. א. פּאַפּאַראַ, י. טאַרעס, ה. סטראַוס, י. קאָהען, ב. בראַוואַ און מ קופּערמאַן, לאָקאַל טשערמאַן, און י. ברעסלאו, מענעדזשער פון לאָקאַל.

די פּראָבלעם פון די אַרבייטסלאָזע.

דער דעפּאַרטמענט פאַר די אַרבייטסלאָזע פון לאָקאַל 35, וועלכער האָט דורך די לעצטע פיר סעזאָנען געשאַפען אַזוי פיל הונדערטע טעג אַרבייט פאַר אַרבייטסלאָזע פּרעסערס, האָט סוף יולי זיך ווידער געעפענט. צום באַדויערען, מוז איך זאָגען, אַז כאָטש די צאָל אַרבייטסלאָזע איז איצט ניט גרעסער ווי עס איז געוויינליך אין דעם סעזאָן, זיינען דאָך די טעג אַרבייט ווייניגער ווי אַלע מאָל אין דער צייט צוליב דעם וואָס עס איז סלעק אין טרייד. מיר האָבען געקראָגען זייער ווייניגע פאַרלאַנגען פאַר פּרעסערס אויף איין טאָג.

מיר מוזען אָבער אויפפּאַסען און העלפען אונזערע אַרבייטסלאָזע און באַטראַכטען זייער לאַגע אַלס אַ נויטפאַל. איך אַפּעליר דעריבער צו אַלע פּרעסער אין די שעפּער וואו עס זיינען פאַראַן ניט פאַרנומענע פּלעצער ביים פּרעס־טיש צו געבען דזשאָבס די אַרבייטסלאָזע פּרעסער. איך בעט אויך די פּרעסערס צו לאָזען וויסען אין אָפיס וואו עס זיינען פאַראַן ליידיגע פּלעצער און ניט זיין שטרענג טעכניש און וואַרטען ביז די יוניאָן וועט אָפּרופען. אַפילו אויב איר האָט נאָך ניט געמאַכט קיין פולע צוויי וואָכען, לאָזט וויסען דעם אָפיס ווען איר ווילט געבען אַ טאָג אַרבייט.

וועגען דעם פאַרבאָט אויף גרופּען.

דער באַשלוס צו פאַרבאָטען קלובס, גרופּעס, סאָסייעטיס און ענליכע אָרגאַניזאַציעס, האָט אַרויסגערופען אַ דיסקוסיע אין אונזערע, אַזוי גוט ווי אין אַלע קלאָוקמאַכער רייען. אָבער, ווי האָט געשריבען אונזער רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט", דר. האָפמאַן, אַז איצט איז ניט די פראַגע צו דיסקוטירען צי דער באַשלוס איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער. דאָס האָט באַלאַנגט אין דער פּעריאָדע ווען די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען. דעמאָלט איז געווען די צייט צו דיסקוטירען. איצט איז דאָס איינציגע וואָס איז געבליבען, איז דורכפירען דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן. און אין איינקלאַנג מיט דעם באַשלוס האָט אונזער לאָקאַל געקראָגען אַ בריף פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, אַז ביז דעם 12טען סעפּטעמבער דאַרפען זיך אַלע אַזוינע קלובס און גרופּעס אויפלייזען.

אַלס אַ לאָקאַל וואָס איז אַלע מאָל געווען לאָיאַל צו דער אינטערנעשאָנעל און האָט אַלע מאָל דורכגעפירט די באַשלוסען פון אונזער אינטערנעשאָנעל, לאָזען מיר וויסען אַלע אונזערע מעמבערס וואָס האָבען באַלאַנגט צו אַזוינע גרופּען, אַז ביז דעם 12טען סעפּטעמבער זאָלען זיי זיך צוריקציהען פון דיזע קלובס אָדער גרופּען און מיט דעם אַרויסצייגען זייער לאָיאַליטעט צו דעם לאָקאַל און צו דער אינטערנעשאָנעל. מיר זיינען איבערצייגט, אַז די פּרעסערס זיינען אַלע מאָל געווען לאָיאַל צו דער יוניאָן און וועלען דאָס אויך איבערצייגען יעצט, און וועלען שטעלען זייער יוניאָן העכער פון גרופּען־פּאָליטיקס און וועלען האַלטען הויך די פאָן פון דער יוניאָן און וועלען אָפּהיטען אירע באַשלוסען. דער לאָזונג וועט ווערען: נאָ מאָר קלאַבס — נאָ מאָר גרופּס! מיר האָבען איין יוניאָן, און אַרום איר וועלען מיר זיך אַרומרינגלען און מאַכען איר פעסטער און מעכטיגער פאַר די אינטערעסען פון אַלע פּרעסערס.

* * *

אַזוי ווי עס געהט צו אַ נייעם יאָר, און אַזוי ווי דאָס לעצטע יאָר איז ניט געווען אַזאַ יאָר ווי מיר האָבען אַלע געהאָפט צו האָבען, ווילען מיר איך אַלעמען ווינשען אַז דער קומענדער יאָר זאָל זיין אַ פיל בעסערער, אַ פיל פּרוכטבאַרער; אַ יאָר פון געזונד און פּרנסה. לאָמיר האָפען, אַז עס וועט פאַרווירקליכט ווערען.

לשנה טובה תכתבו!

באָטאָן און נאָוועלטי וואָירקערס יוניאָן שרייבט אונטער אַן אַגרימענט מיט דער פּלעסטיק אַסס'ן מיט באַדייטענדע געווינסען

די באָטאָן און נאָוועלטי אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 132 פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט דעם מאָנאַט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן אין פּלאַסטיק טרייד. דאָס זיינען די מאַנופעקטשורערס, וואָס פּראָדוצירען באָטאָנס, נאָוועלטיס און באַקאַלס פאַר פרויען קליידער פון סעלולאָיד און אַנדערע פּלאַסטישע מאַטעריאַלען. צו דער אַסאָסיאיישאָן באַלאַנגען 15 פירמעס וועלכע באַשעפטיגען צוזאַמען אַרום 900 אַרבייטער. צוזאַמען מיט די פיר גרויסע פירמעס אין דעם טרייד, וועלכע האָבען פריער אונטערגעשריבען אינדעפּענדענט אַגרימענטס מיט דער יוניאָן, אַרבייטען שוין איצט אַרום 1400 אַרבייטער פון דעם טרייד אונטער יוניאָן־באַדינגונגען.

ווי מאַרטין פעלדמאַן, דער מענעדזשער פון לאָקאַל 132, וועלכער האָט געפירט די פאַרהאַנדלונגען און אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט, גיט איבער, האָבען די אַרבייטער דורך די אַגרימענטס געוואונען וויכטיגע פאַרבעסערונגען. די אַרבייטער האָבען איצט אַ קלאָוזד יוניאָן שאָפּ. די אַרבייטס־שטונדען זיינען פאַרקלענערט געוואָרען פון 46 און 48 שטונדען אַ וואָך צו 40 שטונדען. פאַר אָווערטיים ווערט געצאָלט עקסטרא. די אַרבייטער קריגען באַצאָלט פאַר צוויי געזעצליכע ימים טובים אין יאָר ניט אַרבייטענדיג און די שכירות זיינען געהעכערט געוואָרען פאַר אַלע אַרבייטער מיט פון צוויי ביז צוויי און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך.

די פאַרהאַנדלונגען, וואָס די יוניאָן האָט געפירט מיט דער אַסאָסיאיישאָן אין קאָווערד באָטאָן טרייד צו באַנייען דעם אַגרימענט וועלכער איז אויסגעגאַנגען דעם 15טען אויגוסט, איז אָפּגעבראָכען געוואָרען צוליב דער איינגעשפּאַרטקייט פון די בעלי בתים געגען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן. די יוניאָן פאָדערט פאַר די קאָווערד באָטאָן אַרבייטער אַ 35 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, אַ העכערונג אויף די שכירות פון 75 סענט אויף אַ דאָלאַר אַ שטונדע, עקסטרא געצאָלט פאַר אָווערטיים און זעקס געזעצליכע ימים טובים מיט געצאָלט. די יוניאָן גרייט זיך צו רופען אַ סטרייק אין דעם טרייד אויב די בעלי בתים וועלען פאַרבלייבען איינגעשפּאַרט.

אין דעם קאַמפּיין, וואָס די באָטאָן און נאָוועלטי אַרבייטער יוניאָן האָט אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין דעם מעטאַל נאָוועלטי און ביליגען דזשולערי טרייד וועלכע אַרבייטען אויף באַקאַלס, בראַטשעס און באַפּוצונגען אויף פרויען־קליידער, האָט די יוניאָן אויך געמאַכט באַדייטענדען פאָרטשריט. ווי פעלדמאַן דערקלערט, האָט די יוניאָן שוין אונטערגעשריבען אַגרימענטס מיט צוויי פון די גרעסטע און וויכטיגסטע פירמעס פון דער אָפּטיילונג פון טרייד. די צוויי פירמעס זיינען: „טריפּערי, קרוסמאַן און פישעל" פון 460 וועסט 34טע סטריט, וועלכע באַשעפטיגט 300 אַרבייטער, און די „אָטיסאָן נאָוועלטי" פון 22 וועסט 38טע סטריט מיט 75 אַרבייטער. די באַדינגונגען וואָס די אַרבייטער האָבען געוואונען אונטער די אַגרימענטס זיינען: קלאָוזד יוניאָן שאָפּ, אַ 40־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, אַנדערטהאַלבען מאָל געצאָלט פאַר אָווערטיים און אַ העכערונג אויף די שכירות פון 10 ביז 22½ פּראָצענט.

די יוניאָן זעצט פאָר דעם קאַמפּיין צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון דעם טרייד וועלכע אַרבייטען נאָך אונטער די ערגסטע באַדינגונגען.

דער פּירערשאַפט פון דער באָטאָן און נאָוועלטי אַרבייטער לאָקאַל איז אויך געלונגען צו אָרגאַניזירען פינף פון די זיבען פירמעס וואָס מאַכען די מעטאַלענע פאָרמעס פאַר די קאָווערד באָטאָנס. אין דעם טרייד ווערען באַשעפטיגט אין גאַנצען שטאָט בלויז אַרום 300 אַרבייטער, אָבער זיי געפינען זיך אין אַ שליסעל־פּאָזיציע אין טרייד, ווייל אָן זייערע פאָרמעס קען מען קיין קאָווערד באָטאָנס ניט מאַכען און זיי קענען דעריבער אָפּשטעלען דעם גאַנצען טרייד. די אַרבייטער האָבען דורך דעם אַגרימענט געוואונען אַ 40 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, אַ העכערונג אויף די שכירות און עקסטרא געצאָלט פאַר אָווערטיים.

לעדזשער נומער, ווי אויך די שולדען פון יעדען מיט־
גליד.

אין אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז עס ווערט גע־
מאַכט ווערען אַ גענויע אונטערזוכונג אום אויסצוגע־
פינען וואו עס האַלט מיט די יוניאַן ביכלאַך, און אויב
עס האָט זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט אַ מענש וועלכער
האָט אין גאַנצען קיין יוניאַן ביכעל ניט, אָדער אַזעלכע
וועלכע האָבען אַ טבע אַנצואווייזען אַז זייערע יוניאַן־
ביכלאַך זיינען „אין אָפיס", ווערט מען זיי הייסען געהן
און אויף אַזאַ אופן העלפען געפינען פלעצער פאַר אַר־
בעטסלאָזע יוניאַן מיטגלידער.

שאַפּ טשערלייטע ווערען דאַרום אויפגעפאָדערט
באַצייטענס בודק חמץ זיין זייערע שעפּער און זעהן וואו
עס האַלט מיט די יוניאַן־ביכלאַך און גלייך ארונטער־
שיקען די ניט־יוניאַן אַרבייטער. די דזשאָינט באָארד
איז אַנטשלאָסען שטרענג דורכצופירען דעם באַשלוס.

מען ווערט מוזען באַזוכען די יוניאַן פאַרזאַמלונגען

די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאַל 22 האָט לעצ־
טענס אויפגענומען די פראַגע פון לאָקאַלע מיטגלידער
פאַרזאַמלונגען. די פירערשאַפט פון לאָקאַל שטיצט זיך
אויף דעם געדאַנק, אַז די קאָאָפּעראַטיווע מיטווירקונג
פון דער ברייטער מיטגלידערשאַפט איז אַלע מאָל נוי־
טיג אום אויפצוהאַלטען די יוניאַן באַדינגונגען אין די
שעפּער און גלייכצייטיג זוכען וועגען און מיטלען פאַר
ווייטערדיגע דערגרייכונגען. אמת, די איניציאַטאָרען
פון דער אָדער יענער ספּעציפישער אָרגאַניזאַציאָנעלער
אונטערנעמונג, קענען זיין די מיטגלידער פון דער עק־
זעקוטיווע, דורכפירען אָבער די זאַך אין לעבען, דאָס
קען געטאָן ווערען בלויז מיט דער הילף פון די מאַסען.

פאַר דעם און ענליכע צוועקען רופען אונזערע
לאָקאַלען מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען, וואו עס ווערען
פאַרגעלייגט אָפיציעלע באַריכטען און די מיטגלידער
דיסקוטירען, אינטערפּעלירען און שטימען דערפאַר אָדער
דאַגעגען די פאַרשלעגע פון דער אַדמיניסטראַציע. איז
אָבער די צרה וואָס די ברייטע שיכטען פון דער יוניאַן־
מיטגלידערשאַפט זיינען אַביסעל אַפּאַטיש צו די אָפי־
ציעלע יוניאַן פאַרזאַמלונגען. אפשר איז עס דערפאַר
וואָס זיי קריגען די יוניאַן־נייס אין דער אָפיציעלער
יוניאַן־פּרעסע און אַזוי ווי די שאַפּ־סכסוכים ווערען דאַך
סיי ווי סיי אויפגענומען אין אָפיס, האָבען זיי קיין אינ־
טערעס ניט צו באַזוכען די מיטינגען, און אפשר זיינען
אונזערע מיטינגען ניט אינטערעסאַנט גענוג. ווער ווייס?
קיין פּאַטענט אויף די זאַכען האָט קיינער ניט. אונזער
משפחה האָט זיך אַן עין הרע גאַנץ שעהן פאַרמעהרט,
און דאָס וואָס עס איז געווען גוט פאַר מאַנכע פון אונז
מיט עטליכע יאָר צוריק שמעקט פיליכט ניט דעם
עולם פון 1937. קומט אַצינד די עקזעקוטיווע פון לאָ־
קאַל 22 מיט די פאָלגענדע צוויי רעקאָמענדאַציעס:

ערשטענס, זאָל יעדער צווייטע פאַרזאַמלונג האָבען
אויסער אַ קורצען באַריכט פון לאָקאַלען מענעדזשער, אַ
ליטעראַרישע פּראָגראַם, באַשטעהענד פון אַ רייכען קאָנ־
צערט. צווייטענס, זאָל יעדער מיטגליד מוזען באַזוכען
ווענגיסטענס 1 מיטינג אין מאָנאַט, און די וואָס וועלען
דאָס ניט טאָן זאָלען באַצאָלען 1 דאָלאַר שטראָף.

לאָקאַל 22 האַלט ניט שטאַרק פון דער שטראָף־
מעטאָדע. הגם עס איז דאָ אויך אַן אַלטער באַשלוס
וועלכער איז ביז מיט עטליכע יאָר צוריק — אונטער
גאַנץ פאַרשיידענאַרטיגע אַדמיניסטראַציעס — שטרענג
דורכגעפירט געוואָרען אין לעבען. עס איז צו האָפען,
אַז דער פּלאַן ווערט גענוג אויסגעברייטערט ווערען און
אַז די ליטעראַרישע פּראָגראַמען וועלען זיין פון אַזאַ
רייכען כאַראַקטער אַז ניט נאָר וועט מען ניט דאַרפען
קיינעם שטראָפירען, נאָר מען זאָל צוריקשיקען מענ־
שען אויס מאַנגעל אין פּלאַץ. מיר פאַרמעגען די קול־
טורעלע קרעפטען און מאַטעריעלע מיטלען צו פאַר־
ווירקליכען אַזאַ פּראָגראַם. אונזערע מענשען האָבען ליב
גוטע מוזיק, קינסטלערישע פאָרשטעלונגען, ליטעראַ־
רישע פאָרלעזונגען. פאַרקערט, זיי האָבען פיינט אַז מען
גראַגערט זיי צופיל און איבערהויפּט ווען מען טוט עס
אויפ'ן שטיגער ווי דאָס ווערט אָפט פּראַקטיצירט אויף
אונזערע פאַרזאַמלונגען, וואו יעדער איינער וועלכער
האָט גאָט אין האַרצען רעדט און ווידערהאָלט דאָס וואָס
דער ערשטער רעדנער האָט געזאָגט און דער צווייטער
האָט איבערגע'חזר'ט א. אַז. וו.

אַ קורצער, זאַכליכער, מינדליכער באַריכט פון מע־
נעדזשער; אַ באַשרענקטע צייט פאַר אינטערפּעלאַ־
ציעס מיט אַנטוואָרטען און די איבעריגע שטונדע אָדער
שטונדע און אַ האַלב פאַר אַן עכט ליטעראַרישער אָדער
מוזיקאַלישער פּראָגראַם, און די פראַגע ווענגן פאַרזאַמ־
לונגס־באַזוכונגען ווערט ביי אונז אין גאַנצען באַזייטיגט
ווערען.

אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון דרעס בעלי בתים

לואיס רובין, דער אייביג־צאַפּלדיגער דירעקטאָר
פון דער „פּאָפּיולאַר פּרייז דרעס אַסאָסיאיישאַן", האָט
זיך לעצטענס צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין שיקאַגאָ,
וואו ער האָט, לויט אַן אינטערוויו אין דער „וואָמענס
וועאַר", געפונען „אַז עס עקזיסטירט איבער'ן גאַנצען
לאַנד אַ באַגעהר צו אָרגאַניזירען אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַ־
ניזאַציע פון דרעס־מאַנופעקטשורערס". פאַר דעם צוועק
ערוואַרטעט מען, אַז אַ קאָנפערענץ זאָל אין גיכען אָפּ־
געהאַלטען ווערען אין שיקאַגאָ אָדער אַנדערש־וואו, אָבער
ניט אין ניו יאָרק, ווייל מען וויל ניט אַז דאָס זאָל חס
ושלום ארונטערפאַלען אונטער'ן איינפלוס פון די „ניו
יאָרקער".

מר. רובין האָט שוין פּרובירט אַזוי פיל זאַכען,
וועלכע זיינען צוליב אַזאַ אָדער אַנאַנדער אורזאַכע צו־
פאַלען געוואָרען, אַז מיר פאַרגינען איהם זיין לעצטע
אונטערנעמונג מיט'ן פולען האַרצען. אָבער אונז דוכט
זיך, אַז עס ווערט זיך אים ניט איינגעבען, אויב ניט צוליב
אַן אַנדער סיבה איז דערפאַר וואָס מר. מאָרטימער לאַנ־
זיט, דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער „נעשאַנאַל
דרעס מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן", האָט איהם
באַלד פון אָנפאַנג אָפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען עמער
וואַסער. „זאָל ער פריהער איינשטעלען אַביסעל אָרד־
נונג דאָ אין ניו יאָרק איידער ער פאַרנעמט זיך מיט
די גאַנצע פאַראייניגטע שטאַטען", האָט מר. לאַנזיט גע־
זאָגט, ווען מען האָט איהם געפרעגט זיין מיינונג איבער
מר. רובינ'ס שיקאַגאָר קאָנפערענץ. אַן מר. לאַנזיט
און נאָך ענליכע צו אים, ווערט פון דער גאַנצער מעשה
זיך אויסלאָזען אַ בוידים.

הימעל, ערד און זיפּערס

גוואַלד, וואָס טוט מען מיט די זיפּערס? בעסער
געזאָגט, וואָס טוט מען אָן די זיפּערס? וואו מען טרעפט
אַן דרעסמאַכער, איז די ערשטע זאַך, וואָס איהר הערט:
זיפּערס! עס איז ביי אונז געוואָרען אַ סדרה זיפּערס.
אַרבעט איינער ניט, איז עס צוליב זיפּערס. פאַרדינט
מען ניט, איז עס זיפּערס. טראָגט איינער אַרום אַ באַרג
מיט טיקעטס און קען זיי ניט אַריינגעבען פאַר פּידע,
איז עס ווייטער זיפּערס. און אויב דער היינטיגער סיזאָן
ווערט ניט זיין דאָס וואָס מען ערוואַרטעט, ווערט עס געוויס
זיין די שולד פון די דיופּאָנטס מיט זייערע זיפּערס.
עפּעס אַזוי ווי דער רבונו של עולם אַליין האָט באַשלאָ־
סען אָפּצוטאָן די אָרימע דרעסמאַכער אַ שפּיצעל. גוואַלד,
וואו כאַפּט מען דעם דעזיינער, וועלכער האָט אויסגע־
טראַכט, אַז זיפּערס פאַר דרעסעס איז גליכער פון
קנעפּלאַך?

אין קאַמף פאַר פּאָליטישער אומאָפּהענגיגקייט

אונזער אינטערנעשאַנאַל צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע
פּראָגרעסיווע טרייד יוניאָנס וועלכע שטעלען צוזאַמען
„די אַמעריקען לייבאָר פּאַרטי", זיינען אַצינד שטאַרק
אַקטיוו אין דעם קאַמפּיין פאַר סיטי מעיאָר, קאַונסיל
מיטגלידער א. אַז. וו.

דאָס איז דער צווייטער קאַמפּיין, וועלכער געפינט
אַלע שיכטען פון דער היגער פּראָגרעסיווער אַרבייטער־
באַוועגונג געאייניגט אויף אַ געמיינשאַפטליכען צעטעל.
מיטגלידער פון די דרעס לאָקאַלען, וועלכע האָבען אַזוי
סימפּאַטיש געאַרבייט אין לעצטען קאַמפּיין, וועלען זיך
אויך הייאָהר ניט אָפּזאָגען פון טאָן זייער פליכט.

די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף טאָן איז אַנשליסען
זיך אַלס מיטגליד פון דער פּאַרטיי. מען קען ניט
אַפּעלירען צו אַן אַנדערען טאָן דאָס וואָס מען טוט אַליין
ניט. פאַר דעם איז אין לאָקאַל 22 און אויך אין די
אַנדערע לאָקאַלען געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע „א.
ל. פּ. קאַמפּיין קאָמיטע", וועמעס אויפגאַבע עס איז פאַר־
צושלאָגען מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. דער הויפּט־
אָפיס פון דער פּאַרטיי ווערט אין גיכען ארויסלאָזען קאָ־
לעקשאַן ליסטען אין די שעפּער, כדי צו שאַפען די
נויטיגע געלט־מיטלען. עס איז צו האָפען, אַז אויך אין
דעם פּרט וועלען זיך אונזערע מענשען וואַרים אָפּרופען.

אויסער מיטגלידער און געלט, נויטיגט זיך די
פּאַרטיי אין הילף פון אַן אַנדער כאַראַקטער. מען דאַרף
קריגען אונטערשריפטען. מען דאַרף זיך זעהן מיט ביר־
גער, מען דאַרף פאַרשפּרייטען ליטעראַטור. אַרבעט איז
דאָ אָן אַ שיעור. ווענדעט זיך אין אָפיס פון לאָקאַל 22
פאַר מעהר אינפאָרמאַציע. שליסט זיך אָן אָן דער קאַמ־
פּיין־קאָמיטע. מיט אייער הילף, מיט דער הילף פון
יעדען פּראָגרעסיוון מענשען קען די לייבאָר־פּאַרטיי
היינטיגס מאָל ערוועהלען איהר צעטעל אין דער בראָנקס
און אַנדערע געגענדען פון שטאָדט.

די אינטערנעשאָנאַל אויפ'ן קאָפּענהאַגענער קאָנגרעס

דעם 20טען אויגוסט איז אין קאָפּענהאַגען אָפּגע־
האַלטען געוואָרען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון
אַלוועלטליכען שניידער פאַרבאַנד. ברודער דזשוליוס
האָכמאַן, דזשענעראַל מענעדזשער פון דרעס דזשאָינט
באָארד, איז געווען דער איינציגער פאָרטרעטער פון די
פאַראייניגטע שטאַטען.

אַ שאָד, באמנות, וואָס די אַנדערע אַמעריקאַנער
שניידער יוניאָנס האָבען ניט געפונען די מעגליכקייטען
אָדער ריכטיגער געזאָגט דעם ווילען, צו זיין פאָרטראָ־
טען אויפ'ן קאָנגרעס און דערמיט באַרייכערען זיין איינ־
פלוס און געוויכט.

אָט טאַקע צוליב דעם און צוליב אַנדערע טעמים
זיינען מיר אַלע אַזוי שטאָלץ מיט אונזער אינטערנעשאָ־
נאַל, מיט איר ברייטען בליק, איר פּערספּעקטיוו, איר
באַגער צו העלפען די אַנדערע, די שוואַכערע צווייגען
פון דער באַוועגונג.

וואָס אַנבאַלאַנגט ברודער האָכמאַן, זיינען מיר זיכער
אַז ער האָט מיט כבוד און ווירדע דאָרט אונז אַלעמען
פאָרטראָטען. ער קען די מלאָכה. „ליוו איט טו דזשו־
ליוס!"

מיר וועלען די פּוילישע אידען ניט פאַרגעסען

די דרעס לאָקאַלען זיינען געווען פאָרטראָטען אויפ'ן
גרויסען פאָלקס קאָנפערענץ, וועלכער איז אָנפאַנגס היינ־
טיגס יאָהר אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק. די
אידישע אַרבייטערשאַפט האָט זיך, אויף יענעם קאָנפע־
רענץ, פאַרפליכטעט צו שאַפען אַ באַדייטענדע סומע געלט
צו העלפען, אויף ווי ווייט מעגליך, די אידישע מאַסען
דורכמאַכען דעם עקאָנאָמישען קריזיס וועלכער איז אויף
זיי ארויפגעצוואונגען געוואָרען מצד זייער אַנטיסעמיטי־
שער און האַלב־פאַשיסטישער רעגירונג.

די קלאָוקמאַכער, די פאַריערס און אַנדערע טריידס
האָבען שוין מיט אַ לענגערער צייט צוריק געמאַכט
זייערע ביישטייערונגען. צוליב דעם שוואַכען ספּרינג
סיזאָן האָבען עס די דרעסמאַכער ניט געקענט טאָן
פריהער. די דזשאָינט באָארד האָט אָבער באַשלאָסען
צו ערלויבען די מיטגלידער צו אַרבייטען אַ האַלבען
טאָג שבת, 11טען סעפּטעמבער, פאַר וועלכען זיי וועלען
קריגען באַצאָלט „טיים ענד איי העף". אָט די עקסטראַ
פאַרדינסטען — „די העף" — ווערט געהן פאַר'ן פאָנד
פון די פּויליש־אידישע אַרבייטער־מאַסען. אויף אַזאַ
אופן, איז צו האָפען, ווערט געשאַפען ווערען אַ שעהנע
סומע געלט אין וועלכער אונזערע ברידער אין פּוילען
נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק.

אַנערקענונג רעזאָלוציע.

מיר, די אַרבייטער פון מאַקס ברוקס, 247 וועסט
37טע סטריט, פאַרזאַמלט ביי אַ מיטינג אין אָפיס פון דער
יוניאָן, האָבען איינשטימיג אָנגענומען די פאָלגענדע רע־
זאָלוציע:

נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט די אונערמידליכע אַרבייט
וואָס די ברידער ב. גאָלוב, דער אַסיסטענט מענעדזשער
פון לאָקאַל 117, און אַנטעל, אונזער ביזנעס אַגענט, האָ־
בען געלייסטעט פאַר אונזער שאַפּ באַלמעלאָכעס, אַטענ־
דענדיק פּינקטליך צו אַלע אונזערע שאַפּ אַנגעלעגענ־
הייטען, און

אין אַנבאַטראַכט דאָס אַ דאַנק זייער מיטהילף און
איבערגעבענהייט איז אונז געלונגען צו קריגען אַ נייעם
צייט גאַראַנטי פאַר 6 מאָנאַטען אַרבייט,

זיי עס דאַרום באַשלאָסען אויסצודריקען צו זיי אונ־
זער דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג מיט דעם פּרעזענטי־
רען זיי מיט ווערטפולע מתנות און מיר ווינשען אַז זיי
זאָלען עס נוצען געזונטערהייט.

ביי דער געלעגענהייט דריקען מיר אויך אויס אונ־
זער דאַנקבאַרקייט צום טשערמאַן, ברודער סעם רובין,
וועלכער האָט אַלס אונזער פאָרטרעטער אין שאַפּ, אויפ־
ריכטיג און איבערגעבען אויפגעפּאַסט אויף זיינע פליכטען.

מיט דעם גרעסטען צוטרויען צו זיי און מיט דער
האָפנונג אַז זיי וועלען אימער פאָרזעצען זייער גוטע אַר־
בייט פאַר אונז און פאַר אַלע קלאָוקמאַכער, וואָס קומט
זיי אויס צו זיין אין באַרירונג, פאַרבלייבען מיר,

אין נאָמען פון שאַפּ,
סאָל פאַלין, היימע קלייטבערג, מאָריס
גראָס, סעם קעספּער, אייבראַהעם בער־
נער, לאָקאַל 35 — די קאָמיטע.

מען פּיקניקט אין און ארום שיקאַגאָ

פון מאָריס ביאַלים
וויס-פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

דער אמת איז, אַז איך וואָלט געוואָלט שרייבען וועגען דעם סיזאָן פון ארבייט, דאָס הייסט, וואָס פאר אַ סיזאָן עס איז ביי די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאכער. אָבער אַזוי ווי עס איז זומער, איז דאָ ביי אונז נאָך אַ סיזאָן — דער סיזאָן פון פיקניקס און גלאָט אזוי ארויס-פאָרען פון אונזערע מיטגלידער. אום צו קענען ביי-וואוינען אַלע פיקניקס און אַרויספאָרען, דארף מען אין שיקאַגאָ און אומגעגענד מער ווי איין וויס-פרעזידענט. אָי בין איך מקנה ניו יאָרק, וואָס האָט, קיין בייז אויג זאָל מען ניט געבען, אַזוי פיל וויס-פרעזידענטען. מיט די פיק-ניקס און אויספאָרונגען ווער איך דאָ פשוט צוריסען אויף שטיקער. אַ גליק נאָך, וואָס אויסער די אונאַנגענעמליכקייטען איז דאָ פארגעניגען אויך. יע! אַ פארגעניגען צו זעהן ווי אונזערע מיטגלידער פארברענגען אין וואלד, אין פעלד, זינגען לידער, שפילן גיימס און אינמיטען דערינען — שאַ, מען רופט דעם וויס-פרעזידענט צו רעדען וועגען דער יוניאָן, וועגען סי-אַי-אָ אָדער גאָר וועגען שטאָל סטרייק.

נו, לאָמיר זעהן. דעם ערשטען פיקניק האָט געמאכט אונזער בייבי-לאָקאל 268. דאָס איז אַ לאָקאל פון קלאָוקמאכער אין לאַפּאָרט, אינדיאַנאַ. די קלאָוקמאכער אין לאַפּאָרט האָבען פאר פילע יאָרען געארבייט אָהן אַ יוניאָן. לעצטענס זיינען זיי אָרגאַניזירט געוואָרען און אויפגעבויט אַ זייער שיינע יוניאָן. זיי זעהען אין דעם אונטערשייד פון ארבייטען אונטער יוניאָן באַדינגונגען, דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס זייער פיק-ניק וואָס איז געהאלטען געוואָרן דעם 17טען יולי, איז געווען אַזאַ ערפאָלג. אונזער דזשאָינט באָארד איז געווען פארטראָטען דורך זייער אַ שיינער קאָמיטע און זיינען אויפגענומען געוואָרען ווי עס פּאַסט אויפצונעמען געסט.

דעם 24טען און 25טען יולי האָט דער עדיוקיישאָנעל דעפּארטמענט פון אונזער דזשאָינט באָארד פאראַנשטאָלטעט אַ אינסטיטוט אין דעם וואומענס טרייד יוניאָן ליג קעמפּ, וואָס געפינט זיך ארום 30 מייל פון שיקאַגאָ ביי דעם דיספּליינס ריווער. עס זיינען ארויסגעקומען אָרום 75 פון אונזערע מיטגלידער מיט זייערע פאמיליעס' עס זיינען געווען צוויי טעג פון לערע און פארגעניגען. די פרימאָרגענס זיינען פארבראכט געוואָרען אין קלאַסען, וואו אָנגעזעענע רעדנער האָבען געלעקטשורט און געענטפערט פראַגען. נאָך מיטאָג האָט מען פארבראכט אין פארוויילונג. זייער פראַכטפול האָט מען פארבראכט שבת אָונט. ביז ווייט ווייט אין דער נאכט אַריין זיינען אונזערע מיטגלידער געזעסען ארום אַ פייער, געזונגען לידער, דעקלאַמירט און גלאַט זיך געלאַזט וואוילגיין און פארגעניגען געהאט פון גאָט'ס וועלטעל אין אַ שיינער זומער נאַכט!

שבת, דעם 31טען יולי, האָט לאָקאל 76, דער היגער וואהייט גודס לאָקאל און לאָקאל 261 פון לינדזשערי און פאַדזשאַמאַ מאַכער, אַראַנזשירט אַ פיק-ניק אין דעם שיינעם וואַלד, וואָס געפינט זיך אין מאָרטען גראָוו. דאָס איז געווען אַ טאָג פון פארגעניגען, ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס איז געווען אַ פיק-ניק פון די ארבייטער פון די היגע קאָטען שעפּער, קען מען באמת זאָגען: די יוניאָן האָט זיי געבראכט זונשיין. מיט עטלאכע יאָר צוריק איידער די אינטערנעשאָנעל האָט אָנגעפאנגען צו אָרגאַניזירען די קאָטען דרעס ארבייטער, האָבען זיי דאָך געארבייט ווי שקלאַפען 75—80 שטונדען אַ וואָך פאר דריי אָדער פיר דאָלער. היינט, מיט דער הילף פון דער יוניאָן, קומען זיי זיך צוזאמען אין פרייען וואַלד, עסען צוזאמען, זינגען און פארברענגען צוזאמען. איך האָב אויך דיזען פיק-ניק בייגעוואוינט, ווייל עס שאַפט מיר אַ אויסערגעווייניליכען פארגעניגען צו זעהן וואָס אונזער יוניאָן האָט אויפגעטאָן און וועט נאָך אויפטאָן פאר די קאָטען ארבייטער!

שבת, דעם 31טען דזשולײַ, איז אויך געווען אַ שאָפּ פיק-ניק. די ארבייטער פון איזענבערג און סאָנס, דער היגער גרעסטער סילק דרעס שאָפּ, זיינען זיך צוזאמענגעקומען מיט זייערע פאמיליעס. אויך די באַלעבאָטים מיט זייערע פאמיליעס זיינען אנוועזענד געווען. דער שיקאַגאָער דזשאָינט באָארד בייזבאָל טים האָט געשפּילט באָל. מען האָט געלאכט און געשטיפט, געגעסען און געטרונקען; פארבראכט ווי פרייע קלאַסענבאַוואוסטע ארבייטער.

שבת, דעם 6טען אויגוסט, איז אין אונזער טעריטאָריע פאָרגעקומען צוויי פיק-ניקס, איינער אין מילוואָקי, וויסקאָנסין, און דער צווייטען אין פעאָריא, אילינאָיס. אַזוי ווי איין שטאָט פון דער צווייטער איז ארום 300 מייל, פארשטייט זיך, אַז איך האָב נאָר געקענט באַוויזען צו זיין אויף איינעם פון די צוויי פיק-ניקס — אין פעאָריא. כאָטש די ארבייטער פון פעאָריא לאָקאל 113 זיינען שוין אָרגאַניזירט אַ שיינע עטליכע מאָנאַטען, פונדעסטוועגען איז מיר ניט אויסגעקומען צו זיין דאָרטען, ווייל אלעס גייט צו רעגולער, אזוי ווי עס בעדארף צו זיין. דעריבער האָב איך באַשלאָסען צו קומען אַהין און זיך באַקענען מיט אונזערע שוועסטער און ברידער. די מיטגלידערשאפט האָט מיך אויפגענומען זייער שיין. זייער האַלטונג באַווייזט זייער אינטעליגענץ און ביי מיר איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז זייער יוניאָן וועט וואקסען שענער און איינפלוסרייכער. דער פיק-ניק איז געהאַלטען געוואָרען אין גרענד וויו פארק נעבען דעם אילינאָי ריווער, אַ פראַכטפולער פלאַץ. אונזערע מיטגלידער, אַלט און יונג, זיינען געקומען מיט פרייליכע פנים'ער. אַלע האָבען זיך באַטייליגט אין גיימס. נאָכהער זיינען אלע אַרויף אויפ'ן פּאַוויליאָן און מען האָט גערעדט וועגען דער יוניאָן. גערעדט האָט אָרגאַנייזער ברודער רופּער, שוועסטער קעראָליין באָרד, טשערליידי פון דיקייטור, איל. יוניאָן; שוועסטער רעי בלאָטשאָ, טשערליידי פון שיקאַגאָער סילק דרעסמאכער לאָקאל 100, וועלכע איז געווען אלס גאַסט, און איך. פאַרנאכט האָט מען סערווירט לאַנגע טישען מיט אלע סאָרטען מאכלים, וועלכע די מיטגלידער האָבען מיטגעבראַכט. דער פיק-ניק האָט זיך פארענדיגט מיט אַ טאַנץ אויפ'ן פארק פּאַוויליאָן, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען ביז שפּעט אין אָוונד!

ווי מען האָט מיר היינט איבערגעגעבען, איז דער פיק-ניק פון אונזער מילוואָקיער יוניאָן געווען אַן אויסגעצייכענטער ערפאָלג. ברודער דאלניק וועט אודאי אַליין באַריכטען וועגען דעם.

זונטאַג, דעם 7טען אויגוסט, האָבען אונזערע מיטגלידער פון דער באַטאַוויא אילינאָיס קלאָוקמאכער יוניאָן לאָקאל 189 געהאט זייער פיק-ניק אין דעם פראכטפולען פיליפס פארק אין אוראָרא, אילינאָי. דער פארק, וואָס איז אַזוי אויך פראכטפול, איז נאָך שענער געוואָרען ווען ער איז אָנגעפילט געוואָרען מיט'ן הילכיגען געלעכטער פון אונזערע שוועסטער קלאָוקמאכער, וועלכע האָבען געלאכט און געזונגען. עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען אַז עס זיינען זיכער געווען העכער 500 פון אונזערע מיטגלידער און געסט. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרען אַ שיינער קאָנצערט. אַממייסטען האָבען זיך אויסגעצייכענט אַ גרופּע קינדער פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע האָבען דורכגעפירט עטליכע נומערן פון „טעפּ" און אַקראָבאַטישע טענץ. אַ פּרוי פון איינעם פון אונזערע מעמבערס האָט אונטערהאַלטען די אנוועזענדע מיט זינגען אַריעס פון „סאַמסאָן און דעלאַילא" און פון „מעדעם באַטערפלאַי". די היגע דזשאָינט באָארד איז געווען פארטראָטען דורך אַ שיינער קאָמיטע און האָבען פארבראכט מיט די באַטעוויער מיטגלידער ווי אַ שיינע גרויסע פאמיליע! די ביזנעס איידזשענטס פון דער היגער דזשאָינט באָארד, דזש. קאַץ, א. ראַבינאָוויץ און מייער באַרקאַן, האָבען אַדרעסירט די אנוועזענדע. רעדעס זיינען אויך געהאלטען געוואָרען פון דער סעקרעטערין פון דעם העלדישען לאָקאל 90 און ברודער מאקס נאָוואַק.

מיט דעם ענדיגען זיך נאָך ניט די פיק-ניקס. נעקסטען שבת איז דער פיק-ניק אין דיקייטאָר, איל. אין צוויי וואָכען ארום וועט די זעלבע טעטיגקייט פאָרקומען אין פאָרט-וויין, אינדיאַנא. אָבער דער גרעסטער איוועגט פון סיזאָן וועט פאָרקומען נעקסטען שבת, דעם 14טען אויגוסט. דאָס וועט זיין דער עקסקורשאָן וואָס די דזשאָינט באָארד האָט יערליך. העכער 700 טיקעטס זיינען שוין פארקויפט געוואָרען. לאָמיר האָפען אַז עס וועט זיין אַ שיינער טאָג, דאַן איז גאָר קיין פראגע ניט, אַז אַלע וועלען האָבען אַ פארגעניגענדען טאָג!

דאַנק און אנערקענונג רעזאָלוציעס

די ארבייטער פון דער „דאראנא דרעס שאָפּ", 151 וועסט 26טע סטריט, האָבען פרעזענטירט דעם שאָפּ-טשערמאַן, סעם קופערשטיין, מיט אַ ווערטפולער מתנה, אַלס אויסדרוק פון אנערקענונג פאר זיין גוטער יוניאָן ארבייט אין שאָפּ און אין דער יוניאָן.

מיר ווינשען אים געזונט מיט זיין פאַמיליע און ער זאָל פאָרטזעצען זיין גוטע פרוכטבאָרע ארבייט.

סעם ביסטראַצקי, דזשאָ שאַגערמאַן,
סיידי האָראָוויץ פון לאָק 22, ליידזשע
פאַסקוואַל, לאָק. 89, ווילים קיזנער, לאָק. 60.
די שאָפּ קאָמיטע

מיר, די ארבייטער פון ווינשטיין, קאָנטראַקטאָר פון דזשאבער זאַלענקאָ און מעלניק, פון 248 וועסט 38טע סטריט, האָבען ביי אַ מיטינג דעם 27טען יולי, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו באַדאַנקען ברודער סטענזאָר פאר זיין ערפאָלגרייכער ארבייט אין קריגען אונז אַ רעיז אויף די באַדי פרייזען.

מיר האָפען אַז ער וועט ווייטער טאָן גוטע ארבייט פאר דעם וואָהלזיין פון די ארבייטער.

קאָמיטע: שולמאַן, ליווי, פישמאַן.
ה. טעל, טשערמאַן פון דער קאָמ.

בלאַוז שעפּער באַדאַנקען טשערליידי פאר גוטער ארבייט.

מיר, די ארבייטער פון לואי לייבאָוויצעס שאָפּ, 736 בראָדוויי, האָבען פרעזענטירט אונזער טשערליידי, בעסי בערנשטיין, מיט אַ ווערטפולער מתנה פאר איר גוטער ארבייט פאר'ן שאָפּ. מיר האָפען אַז זי וועט די גוטע ארבייט פאָרטזעצען אויף ווייטער.

פעני שפּרעכער, יעטא עפּשטיין און
סעם בערמאַן — שאָפּ קאָמיטע

די ארבייטער פון די גאָטהיים קאָוט קאָ., 214 וועסט 39טע סטריט, ניו יאָרק, האָבען ביי אַ מיטינג דעם 10טען מאַי באַשלאָסען אויסצודריקען אַ דאַנק ברודער פּיטציאַני פאָר זיין גוטער ארבייט.

מ. קאָהען — טשערמאַן
ב. קאָהען, א. שאַפּירא, ל. וואָלמאַן —
מיטגלידער פון לאָקאל 117.
לאַקס און גרינסאַף — פון לאָקאל 9.
פּופּילאַ און וו. גערסטיין — פון לאָק. 35.

ערלויבט מיר אויסצודריקען דורך דער „גערעכטיגקייט" מיין אויפריכטיגען דאַנק צו די ארבייטער פון סעם גובערניק שאָפּ פאר דער ברידערליכער הילף און פינאַנציעלע שטיצע וואָס זיי האָבען מיר געגעבען ווען איך בין ארויס פון האָספּיטאַל נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעמאַכט 2 אָפּעראַציעס.

איך דאַנק די ארבייטער און דעם שאָפּ-טשערמאַן, דייוויס.
איי ב גאָלדשטיין.

מיר, די ארבייטער פון פרעד פערלבערג'ס שאָפּ, פאַרזאַמעלט ביי אַ מיטינג אין אָפיס פון אונזער יוניאָן, 218 וועסט 40טע סטריט, דעם 26טען אַפּריל, 1937, דריקען אויס אין דער פאָרמע פון אַ מתנה אַ האַרציגען דאַנק צו אונזער ביזנעס-אַגענט לואיס ראָזענטאַל, פאר זיין איבערגעבענהייט אין אויספירען די פליכטען וואָס אַן איבערגעגעבענער ארבייטער-פארטרעטער דאַרף אויספירען.

מיר זיינען שטאָלץ מיט דער פירערשאַפט פון אונזער יוניאָן, אַ פירערשאַפט וועלכע דינט אונערמידליך די אינטערעסען פון די ארבייטער.

זעצט פאר אייער ארבייט און זייט זיכער, אַז די ארבייטער ווייסען ווי עס אָפּצושאַצען!

ה. פאַרמאַן — שאָפּ טשערמאַן;
מ. פּילטשיק, ס. ווילנער, איידאַ טאַסקאַ.

פיר יאָר ארבייט פון דרעס־פרעסערס יוניאָן לאָקאַל 60

פון מאקס קאָהען
מענעדזשער לאָקאַל 60.

אויגוסט דעם 27טען איז געוואָרען פיר יאָר זינט דער נייער לאָקאַל 60 פון דער אינטערנעשאָנעל איז געקומען צום לעבען.

מיר האָבען אויפגעבויט דעם לאָקאַל מיט ליידיגע הענט. מיר האָבען דאָס דערגרייכט ווייל מיר האָבען געגלויבט אין אונזערע אייגענע כחות און זיך אויך פאַרלאָזט אויף אונזער גרויסער אינטערנעשאָנאַל, באַזונדערס אויף ברודער דובינסקי׳ן, אַז אויב די לאַגע וועט זיין קריטיש, וועט ער אונז ניט לאָזען פאַלען, ווי ער העלפט איצט פאַרשיידענע אַנדערע לאָקאַלען.

ווען איך גיב איצט אַ קוק אויף אונזער לאָקאַל, ווען איך באַטראַכט זיין וואוקס אין מיטגלידערשאַפט, זיין פינאַנציעלען און מאָראַלישען דערפאָלג, ווילט זיך מיר אויסרופען הויך אויף אַ קול: „עס האָבען זיך געלוינט די ליידען. עס לוינט זיך אַוועקצוגעבען אַלץ כדי אויפצובויען אַזאַ בנין״.

איך האָלט שוין 27 יאָר אין טאָן בויאונגס אַרבייט. דאָס איז די צאָל יאָרען וואָס איך בין אַ מיטגליד אין דער יוניאָן. ניט אַלע יאָרען בין איך געווען אין דער אַדמיניסטראַציע, אָבער איך האָב תמיד געהאָלפען דער אַדמיניסטראַציע.

אין 1916 בין איך געוואָרען אַן עקזעקוטיוו מיטגליד פון לאָקאַל 35. איך האָב אָנגעהאַלטען פאַרשיידענע אַמטען. זיבען יאָר בין איך געווען דער טשערמאַן פון לאָקאַל. איך בין אַלע מאָל געווען אַ מיטגליד פון דער דזשאָינט באָארד, אַדער אַ מיטגליד פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס. דערנאָך בין איך געוואָרען דער אָפּיציעלער מענעדזשער פון לאָקאַל 35. מען קאָן זיך ניט פאַרגינען, ניט צו זיין אַקטיוו אין דער יוניאָן. און איצט בין איך דער מענעדזשער פון לאָקאַל 60.

אין וואָס באַשטייט אונזער קראַפט און פאַר וואָס שטייען די מיטגלידער אַזוי נאָהענט צו דער אַדמיניסטראַציע? אפילו די וואָס זיינען מיט אונז ניט געווען איינפאַרשטאַנען זיינען איצט גאַנץ נאָהענט צום אָפּיס, און עס איז ביי אונז פאַרשוואונדען די מיינונגס פאַרשיידענהייט. דאָס מיינט ניט, אַז די מיטגלידער, וואָס האָבען וואָס צו קריטיקירען, דאַרפען האַלטען דאָס מויל פאַרמאַכט. ניין! מיר ווילען, אַז יעדער איינער, וואָס האָט אויסצוזעצען געגען דער אַדמיניסטראַציע, זאָל דאָס טאָן אויף אַן אָנשטענדיגען און קאָנסטרוקטיווען אופן און אָנווייזען אויף די פעלערען, אויב אַזוינע זיינען פאַראַן.

מיר האָבען געהאַט גרויסע אויפגאַבען ביי אונז אין לאָקאַל. מיר האָבען אויסגעוואָרצעלט די קאָנטראַקטינג סיסטעם, די סיסטעם, לויט וועלכער איינער האָלט אַן אַ פלאַץ מיט מענשען, וואָס זאָלען ארבייטען פאַר אים. מיר האָבען אָפּגעשאַפען דעם פאַוואָריטיזם — די סיסטעם, לויט וועלכער איינער קען זאָגען דעם צווייטען: „קום מיט מיר, איך וועל דיר טאָן אַ טובה״ „און אפשר וועט ער נאָך עפּעס קריגען דערפאַר״. מיר האָבען אָנגענומען אַ שטאַרקע און שטרענגע שטעלונג אויסצוראָטייען אַט די איבלען. מיר ווילען, אַז אַלע מיטגלידער זאָלען האָבען אַ גלייכען צוטריט צו דער יוניאָן און אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען גיין דורך אַ הינטער־טיר.

אונזער פירערשאַפט איז אַ פּראַקטישע. זי האָט שוין דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. דעריבער טאָקע איז אונז ניט אָנגעקומען שווער צו מאַכען אַ סוף צו די אויבען־דערמאַנטע איבלען און צו געבען אַ וואָרנונג צו די אַלע, וועלכע האָבען אַמאָל געלעבט אויפ׳ן חשבון פון דעם אַרבייטער, אַז ווייטער קענען זיי אַזוי אין דער יוניאָן ניט אָנגיין. מיר האָבען דאָס געלאָזט וויסען דורך דער פרעסע און אויך אויף די מיטינגען פון די מעמבערס.

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגען דער אַרבייט ביי אונז אין אָפּיס און ווי אַזוי מיר קאָנטראָלירען די באַדינגונגען אין די שעפּער אַזוי, אַז אונזערע בעל־מלאכות זאָלען האָבען דעם פולען בענעפיט פון דעם אַגרימענט.

אונזער אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים איז געסעטעלט געוואָרען אויפ׳ן באַזיס פון אַ סקעדזשול פון $2.25 ביז $12.75 דרעסעס. אין דער בעסערער „לאַין״ סעטלען מיר די פּרייזען לויט דעם ווערט פון די דרעסעס אַדער אַנצוגען. עס ווענדעט זיך אין דעם. וויפיל ארבייט דאַרט איז פאַראַן.

ווי אַזוי טוען מיר דאָס? די ערשטע אויפגאַבע אונזערע איז צו רופען די אַלע פרעסערס פון די קאָנטראַקטאָרס, וואָס ארבייטען פאַר דעם זעלבען דזשאָבער, אויסצוגעפינען צי די פרעסערס קריגען די פּרייזען. מיר פרעגען די בעל מלאכות ווי אַזוי עס גייט ביי זיי די אַרבייט און מיר אונטערזוכען די פאַרדינסטען. טאָמער איז עפּעס ניט גלאַטיג, שיקען מיר אַריין אַן אַקאַונטענט. אַזוי אַרום האָבען מיר איינגעקאַסירט „בעקפעי״ אין די שווערע טויזענטער דאָלער.

וואָס אנבאַלאַנגט די בעסערע „לאַין״, רופען מיר די פרעסערס פון די קאָנטראַקטאָרס אַרויף צום דזשאָבער און מיר סעטלען מיט׳ן דזשאָבער׳ס צוזאַג. מיר ווילען דערביי האָבען די צושטימונג פון די בעל מלאכות. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מיר זיינען שוין דערמיט צופרידען. די לעבענס מיטלען זיינען געשטיגען, פּרוּווען מיר קריגען פאַרבעסערונגען פאַר די מיטגלידער. און מיר קריגען טאַקע אויך. מיר האָבען געקראַגען אַן אַלגעמיינע העכערונג אין לוין פאַר פאַרשיידענע לאַינס אַרבייט, ווי פאַר טוניקס, פליפּס און אַנדערע סוטס. דאָס האָבען מיר ניט געהאַט איינגעשלאָסען אין אַגרימענט, ווייל דעמאָלט איז קיין פראַגע וועגען דעם ניט געווען. מען האָט דעם סאָרט לאַין כמעט ניט געמאַכט. מיר האָבען דאָס געסעטעלט דורך דעם אומפּאַרטייאישען טשערמאַן אַהן וועלכען עס איז טומעל. דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן האָט געזען, אַז אונזערע פאָדערונגען זיינען גערעכטע און ער האָט אַרויסגעגעבען די אַנטשיידונג. מיר האָבען אַליין געפּרואווט זוכען די ערטער, וואו דעם מעמבער טוט וויי, און איידער נאָך די מכה איז געקומען, האָבען מיר שוין געפונען די רפואה. דערמיט מיין איך אונזער אַנעמפּלאָימענט דעפּאַרטמענט (דעפּאַרטמענט פאַר ארבייטסלאָזע), וואָס מיר האָבען איינגעפירט.

מיר האָבען איינגעפירט אַט דעם דעפּאַרטמענט, ווייל מיר האָבען געזען, אַז דורך דעם פונקט וועגען לימיטיישאָן, דורך וועלכען אַזוי פיל קאָנטראַקטאָרס וועלען אַרויספאַלען פון די דזשאָבערס, וועלען ליידען אונזערע בעל מלאכות. מיר האָבען אָנגעהויבען טראַכטען: וואָס קאָנען מיר טאָן מיט די ארבייטער אין אַזאַ פאַל? מיר האָבען דעריבער באַשלאָסען איינצושטעלען אַן אַנעמפּלאָימענט דעפּאַרטמענט מיט מענשען, אַז זיי זאָלען זוכען ארבייט פאַר די אַרבייטסלאָזע, דורך קאָנטראָלירען די שעפּער, און אויך דורך אַ באַשלוס, אַז די וואָס ארבייטען פולע צוויי וואָכען דאַרפען געבען איין טאָג אַרבייט פאַר די אַרבייטסלאָזע. דריי מענשען גייען אַרום אַ גאַנצען טאָג מיט קאַרטלאַך פון שאָפּ צו שאָפּ צו זאַמלען די פלעדזשעס פאַר אַ פּאָר טעג ארבייט און אויך העלפען אוועקשטעלען בעל־מלאכות אויף שטענדיגע דזשאָבס.

און אויך דאַ ווידער האָב איך געדאַרפט קריגען דעם „גוד וויל״ פון די פאַרשיידענע אַסאָסיאיישאָנס צו קריגען פון זיי קרעדענשעלס צו גיין אין די שעפּער. מיר האָבען געקראָגען אַ פאַרשפּרעכען פון די באַלעבאַטים, אַז זיי וועלען אונז ניט שטערען אין אונזער אַרבייט און מיט אונז קאָאָפּערירען. אַזוי אַרום האָבען מיר אין משך פון איין יאָר צייט אַרויסגעגעבען אַרבייט פאַר 130 טויזענט דאָלער פאַר אַרבייטסלאָזע. פאַר דעם סעזאָן אַליין, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער, האָבען מיר געגעבען ארבייט פאַר העכער 70 טויזענד דאָלער. חוץ דעם זיינען 150 אַרבייטער אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף שטענדיגע דזשאָבס. ביי אונז אין דער יוניאָן איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי אַז איינער זאָל הונגערען.

מיר זיינען גרייט דאָס צו באַווייזען פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג און אויך פאַר יעדען איינעם, וואָס איז פאַראינטערעסירט אַריבערצוקומען צו אונז אין אָפּיס און זיך דערין איבערצייגען. דער אויבענדערמאָנטער דעפּאַרטמענט ווערט ניט אָפּגעשטעלט אפילו אויף איין טאָג אין יאָר, אַ חוץ יום טובים. ער אַרבייט אויך אין די שבתים. מיר וועלען ניט רוהען ביז די אַרבייטסלאָזיגקייט וועט אינגאַנצען פאַרשווינדען, און מיר האָבען גרויסע אויסזיכטען, אַז אַזוי זאָל עס טאָקע פּאַסירען.

ביי אונז אין אָפּיס גייט אָן אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר אַ לעבעדיגע אַקטיוויטעט. אויסער די יוניאָן טעטיגקייט האָבען מיר אַ פאַרשיידענאַרטיגע טעטיגקייט אין די באַזונדערע דעפּאַרטמענטס. אַט האָבען מיר איינגעשטעלט אַ ספּעציעלען מענשען פאַר דער קולטור און פאַרוויילונג אַקטיוויטעט. מיר האָבען אַזעלכע ספּאָרט אַקטיוויטעטען ווי בעיז באָל, בעסקעט באָל, סאַקער, פוט באָל און שווימען. מיר פירען דורך פאַרשיידענע אַטלעטישע איבונגען. מיר וועלען אויך איינפירען פאַרשיידענע קלאַסען אין אידיש און ענגליש. עס וועלען דורכגעפירט ווערען פאַרשיידענע לעקציעס. מיר וועלען אַריינברענגען אויך פאַרשיידענע אַנדערע פאָרמען פון פאַרוויילונגען. אונזער לאָקאַל וועט אויך האָבען אַ ספּעציעלען מענשען, וואָס וועט זיך אָפּגעבען מיט איינאָרדנען דאָס זינגען פון אַרבייטער און פאָלקס לידער, ווי אויך אַ דראַמאַטישע גרופּע. די אַרבייט פון דער אינטערנעשאָנאַל וועט דורך דעם אַלעמען ניט נאָר ניט געשטערט ווערען, נאָר נאָך מער דערמוטיגט ווערען.

ווי אַזוי עס איז מעגליך געווען דורכצופירען אַט די גאַנצע ארבייט? — איך האָב מיט זיך אַ פּראַקטישען מענשען, אונזער טשערמאַן פון לאָקאַל, ברודער וואַסיליעווסקי. ער איז אַלעמען גוט באַקאַנט. עס קומט אויך אַ גרויסען דאַנק דער עקזעקוטיוו באָארד, דעם סעקרעטאַר סאַיפּס, אויך די ביזנעס אַגענטען, אָנפאַנגענדיג פון ברודער לאַנדסמאַן און ענדיגענדיג מיט ברודער גוזמאַן. איך קאָן אַלעמען ניט אויסרעכענען, ווייל זייער צעטעל איז גרויס. אָבער זיי זיינען אַלע ביי מיר איינס.

דאָס, אין קורצען, זיינען די אויפטואונגען און פּראָבלעמען, וועלכע מיר האָבען געלעזט אין משך פון פיר יאָר פון אונזער עקזיסטענץ. די מיה און די ארבייט פון דער פירערשאַפט ווי אויך די איבערגעבנקייט פון די מיטגלידער פון אונזער לאָקאַל 60 האָט דערפירט צו גלענצענדע רעזולטאַטען. זאָלען מיר זען די צייט, און איך בין איבערצייגט, אַז מיר וועלען, ווען אינזער קרייז וועט זיך אויסברייטערען, רייפער ווערען, און דער אַרבייטער וועט ווערען דער וואַכזאַמסטער פאַקטאָר, און קריגען די פולסטע באַלוינונג און בענעפיט פון זיין אַרבייט.

שאָפּ־טשערמאַן און בעאַמטע געעהרט ביי באַנקעט.

די אַרבייטער פון רייזמאַן־ראָטמאַן קאָרפּאָרײשאָן, 520 אַכטע עוועניו, האָבען ביי אַ שיינעם באַנקעט געגעבען אַנערקענונג דעם מענעדזשער פון ריפּער דעפּאַרטמענט אין דער קלאָוק דזשאָינט באָארד י. העלער, דעם שאָפּ טשערמאַן הענרי גוירשפּיעלד און דעם אַסיסטענט טשערמאַן האַלענדער.

ביים באַנקעט זיינען אַנוועזענד געווען די אַרבייטער פון אינסייד שאָפּ און קאָמיטעס פון די פאָלגענדע קאָנטראַקטינג שעפּער אין ניו יאָרק וואָס אַרבייטען פאַר דער פירמע: „סקלאָווער און קאַבליק״, „מעקסלעסער״, „טרי באַראַ קאָוט״ און „אַדאָלף רייזמאַן״. פון דער יוניאָן זיינען אַנוועזענד געווען י. העלער, דזש. סניידער, א. בעלסאָן און ל. ליפּסקי פון לאָקאַל 117; י. ברעסלאָוו און סטיין פון לאָקאַל 35 און מאָריס גרייפער פון לאָקאַל 82. אויך מר. דעניעל רייזמאַן פון דער פירמע איז אַנוועזענד געווען.

דזשייקאָב דיימאָנד, טשערמאַן פון דער ערענדזשמענט קאָמיטע האָט פאָרגעשטעלט י. ברעסלאָו אַלס טאָסט מייסטער פון אָווענט. ווערטפולע פּרעזענטען זיינען געגעבען געוואָרען צו די ברידער הוירשפּילד, האַלענדער און י. העלער פאַר זייער גוטער איבערגעבענער אַרבייט פאַרן שאָפּ. רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען פון דזש. סניידער, אב. בעלסאָן, מאָריס גרייפער, מאָריס ראָזענבלום און סעם שיינבערג, לויבענדיג די גוטע אַרבייט פון דעם טשערמאַן, אַסיסטענט טשערמאַן און דעם מענעדזשער פאַר זייער גוטער אַרבייט. די באַטרעפענדע האָבען באַדאַנקט די אַרבייטער פאַר די פּרעזענטען אין קורצע רעדעס. עס האָט אויך גערעדט מר. רייזמאַן פון דער פירמע. ערענדזשמענט קאָמיטע: דזש. דיימאָנד טשערמאַן, י. אבענהויז סעק., מאָריס ראָזענבלום, דייוו פרידמאַן, מעקס עלפענבאַום, לואיס שאַפּירא און סעם שיינבערג.

אינטערנעשאנאל גרייט זיך צו ארגאניזירען באלטימאר

פון א. ד. גלושאקאוו
סעקרעטאר באלטימאר דזשאינט באארד

לאנגע יארען פון שקלאפעריי אין באלטימאר — א שטאט וואס איז באוואוסט איבעראל אלס אן „אפען שאפ קלאוק מארקעט", האט געמאכט פון דעם באלטימארער קלאוקמאכער (וועלכער איז, דרך אגב, פארערכענט צווישען די עלטסטע יוניאן לייט אין דער אינטערנעשאנאל) א מענש אהן א גלויבען אין דעם „היינט" און דעם „מארגען"...

דאס איז דער פסיכאלאגישער געדאנקען גאנג פון כמעט די גרעסטע צאל באלטימארער קלאוקמאכער. באלטימאר האט אבער אלע מאל געהאט און האט יעצט אויך א קליינע צאל אקטיווע יוניאן טוער, וועלכע האבען אימער צו געהאפט און געגלויבט מיט אן אידעאלען גלויבען, אז דער באלטימאר קלאוק-מארקעט וועט זיין מיט לייטען גלייך; יעדער קלאוק שאפ — א יוניאן שאפ; יעדער גארמענט — א געסעטעלטער און דער פעי ענוועלאפ וועט קענען ליכטיגער מאכען די טרויעריג פינסטערע לאגע פון דעם באלטימארער קלאוקמאכער'ס היים...

מיר האבען יארען לאנג געקלאפט אין דער טיר פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, מיר האבען געבעטען און פארלאנגט מאראלע און פינאנציעלע שטיצע, העלפען ארגאניזירען באלטימארער קלאוק מאדקעט און הילף איז געקומען!

פון דעם יאר 1930, ווען די אינטערנעשאנעל איז (ניט היינט גדאכט) געווען א געפלאגטע און פאראריםטע פון אינערע און אויסערע שטרייטיגקייטען, שוין דאן האט די אינטערנעשאנאל פון דאס לעצטע אויסגעגעבען אין באלטימאר טויזענטער דאלער, האט ארגאניזירט דעם קלענסטען טייל קלאוק שעפער אין באלטימאר, און פון דאס ניי ווידער אויפגעלעבט דעם אלטען נומער, לאקאל 4, א. ל. ג. וו. יו. און כאטש עס איז אמת, אז פרעזידענט דובינסקי פלעגט אימער צו, אויפנעמענדיג די באלטימארער קאמיטעטען, וואס פלעגען קומען בעטען הילף, פארווארפען: אז די באלטימארער קלאוקמאכער פעלט דער ווילען צו האבען א יוניאן!... „אז מען וויל, קען מען אלעס אויפטאן!"... — אזוי, אדער כמעט אזוי פלעגט אונזער פרעזידענט זיך צושרייען... אבער זיין מוסר און שרייען, זעהען מיר יעצט באשיינפערליך איז געווען א פאטערליכער, ער האט געמיינט אונזער טובה! והראיה, אין 1933 האט פרעזידענט דובינסקי געשיקט אין באלטימאר וויס פרעזידענט טשארלס קריינדלער צו ארגאניזירען די אפען שעפער, וועלכע שטיקען און ווערגען אונז אין באלטימאר, און עס איז אויך ווי א בייז אין האלז דעם גאנצען ארגאניזירטען קלאוק טרייד איבער'ן לאנד.

און כאטש וויס פרעזידענט קריינדלער איז א מענש מיט עקזעקוטיוו פיהיגקייטען, דאך איז אים, לידער, ניט געלונגען צו ארגאניזירען די אפען שאפ פעסטונגען אין באלטימאר. עס מוז דא אבער קרעדיטירט ווערען, דאס וויס פרעזידענט קריינדלער האט געזוכט פארשידענע וועגען און מיטלען אוועקצושטעלען באלטימארער יוניאן אויף א שטארקערען באדען. און עס איז זיין פארשלאג געווען צו פרעזידענט דובינסקי, צו שיקען אין באלטימאר ברודער מאיר פערלשטיין, וועלכער האט מיט זיין פיהיגקייט געמאכט זיך א נאמען אלס בעסטער ארגאנייזער אין דער אינטערנעשאנאל פאר זיין ערפאלגרייכען ארגאניזאציאנס קאמפיין אין סעינט לואיס און אנדערע שטעדט.

שוין ביי דעם ערשטען מיטינג פון באלטימארער דזשאינט באארד מיט ברודער פערלשטיין, האט דער שרייבער פון דיזע צייל ען געהאט דאס פארגעניגען צו רעקארדען די פראקטישע פארשלאגען פון ברודער פערלשטיין, וועלכער איז געקומען מיט דער מיסיע צו ארגאניזירען באלטימארער קלאוק מארקעט.

ברודער פערלשטיין האט זיין ארגאניזאציאנס ארבייט אין באלטימאר אנגעפאנגען פון די מיטגלידער פון דער דזשאינט באארד, פון יוניאן אפיס, און פון די יוניאן באאמטע... און מיר האבען גלייך געזעהן, אז מיר האבען מיט זיך א מענשען, אן ארגאנייזער, וואס איז א קינסטלער אין זיין פאך!... ברודער פערלשטיין האט אונז גלייך געמאכט פילען און פארשטיין, אז די באלטימארער קלאוקמאכער זיינען דער זעלבער אקטיווער יוניאן מאטעריאל וואס מען געפינט צווישען די ניו יארקער אקטיווע יוניאן לייט. און ברודער פערלשטיין'ס לאגישער שכל און צוציהונגס קראפט האט אונז אלעמען ווי מאגנעטיזירט צו טאן ארגאניזאציאנס ארבייט לויט זיין פראקטישען אנגעצייכענטען פלאן.

לאמיר דא מיט פרייד פארעפענטליכען די גוטע רעזולטאטען פון ברודער פערלשטיין'ס ארגאניזאציאנס פיהיגקייט. שבת, דעם 7טען אויגוסט, האט ברודער פערלשטיין גערופען א ספעשעל דזשאינט באארד מיטינג צו באריכטען פון דעם גלענצענדען סעטעלמענט מיט דער גרעסטער קלאוק פירמע אין באלטימאר — די „לואיס מארקוס קארפארעישאן", וועלכע באשעפטיגט איבער 400 ארבייטער אין באלטימאר, יארק און העריסבורג, פענסילוויניע. די פירמע האט אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן אויף צוויי יאר, גאראנטירענדיג קלאוזד יוניאן שאפ, יוניאן שטונדען און ווידזש סקייל, יוניאן פרייז קאמיטעס און ארביטריישאן-מאשינערי צו שליכטען סיכסוכים.

מיט א וואך שפעטער איז אן אגרימענט אונטערגעשריבען געווארען מיט דער פירמע „סילווערשטיין און שלאסהעם", וועלכע באשעפטיגט 50 בעל מלאכות אויף א גוטער לאין ארבייט. דער לעצטער געווינס איז דער אגרימענט, וואס איז מיטוואך, דעם 18טען אויגוסט, אונטערגעשריבען געווארען מיט דער פירמע „פייאניר קלאוק קאמפאני". די פירמע איז די צווייטע גרעסטע קלאוק פירמע אין באלטימאר און איינע פון די גרעסטע קלאוק קאמפאניס אין לאנד. די פירמע באשעפטיגט דריי הונדערט ארבייטער אין צוויי שעפער, איינער אין באלטימאר און דער צווייטער אין וועינסבארא, פא. זיבעצען יאר צייט איז די פירמע געווען אן אפען שאפ און איצט איז זי געצוואונגען געווען אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן, איינשטעלען א קלאוזד יוניאן שאפ און געבען די ארבייטער יוניאן שטונדען, שכירות און באדינגונגען.

מיר האבען נאך אין באלטימאר עטליכע גרויסע „בערען" אין קלאוק טרייד וואס זיינען ניט ארגאניזירט, אבער זיכער, אז זיי וועלען שוין אריין אין דער יוניאן!

נאטיצען וועגען געזונט

פון פאולין ס. ניומאן
סאשעל דירעקטאר פון יוניאן העלט סענטער

זארגט ניט — אויב איהר קענט זיך העלפען

ביי א מיטינג אין שיקאגא ניט לאנג צוריק, האט דר. הענריך נעכלעס געזאגט: „זארג פאראורזאכט מאגען געשווירען ביי די רייכע אזוי גוט ווי ביי די ארבייטסלאזע". ווייסען מיר שוין איצטער פארוואס מיר האבען אזוי פיל צווישען אונז וואס ליידען פון דער דאזיגער קרענק. ווי אזוי אבער אפצושאפען זארג האט אונז דער גוטער דאקטאר ניט דערציילט. איין מיטעל אפצושאפען זארג וואלט געווען, צו באזארגען אלע ארבייטס פייאיגע מענער און פרויען מיט באשעפטיגונג און א יערליכען איינקונפט. דאס שיינט אונז, וואלט אוועקגענומען די גרעסטע אורזאכע פון זארג פאר אונזערע מעמבערס. די פראגע פון א יערליכען איינקונפט פאר לוין-ארבייטער ווערט איצט דיסקוטירט פון פארשידענע עקאנאמיסטען אלס לעזונג פון דער פראבלעם פון סעזאן ארבייט. מיר גלויבען, אז די פראגע דארף זיין אויפ'ן טאג-ארדנונג פון יעדער יוניאן.

ווידער וועגען האספיטאל דינסט

עס נעמט אונז שטונדען לאנג יעדען טאג צו דערקלערען אונזערע מיטגלידער, אז דער יוניאן העלט סענטער קען ניט באזארגען זיי און זייערע פאמיליעס מיט האספיטאל פלאץ אין האלב-פריוואטע צימערען און פריוואטע כירורגען פאר אפעראציעס סיידען זיי קענען באצאלען דערפאר. אפילו אין די האספיטעלער, וואס די אינטערנעשאנאל שטיצט דורך דער אידישער צדקה פעדעראציע, קענען זיי קיין זאך ניט קריגען אין גאנצען אהן געלט.

אונטער די אומשטענדען שיינט אונז, אז פאר איינצעלנע מיטגלידער וואלט זיין ראטזאם זיך אנצושליסען אן דער „האספיטאל באזארגונג פאר דריי סענט א טאג פלאן" ביז עס וועט איינגעשטעלט ווערען עפעס בעסערס אויף דעם געביט. דאס באזארגט איינעם מיט 21 טעג האספיטאל ווען ער נויטיגט זיך אין דעם, איינגעשלאסען די לאבאראטאריע טעסטס, עקס רעי אונטערזוכונגען און ענליכעס. דאס באזארגט ניט דעם פאציענט מיט א דאקטאר אדער כירורג, דערפאר מוז ער צאלען באזונדער. אבער אזוי ווי די קאסטען פון האספיטאל זיינען געוויינליך מער ווי די געצאלט פאר א דאקטאר, לוינט זיך פאר אן איינצעלנעם מענשען צו באלאנגען. פאר א פאמיליע איז עס נאך דערווילע צו טייער פאר אן ארבייטער.

צו אונזערע פריינט איבעראל

דער יוניאן העלט סענטער בכלל און די שרייבערין פון די שורות בפרט, זיינען זייער צופרידען ווען די פריינט פון דער ארבייטער באוועגונג האבען זיי אין זינען. צייטענווייז אבער פארדריסט אונז אט דער אין זינען האבען ווען עס ווערט געברויכט אלס גרונט צו שיקען אהער אלערליי מענשען, אזוי-גערופענע פראפעסיאנאלען, וועלכע נויטיגען זיך אין שטעלעס.

ניט לאנג צוריק איז איין מענש אזוינער אונז געקומען זעהן. ער האט געבראכט א בריף פון א פראמינענטען מענשען אין דער באוועגונג, וועלכער האט זיך אנגעהויבען מיט די ווערטער: „דערמיט וויל איך אייך פארשטעלען דאקטאר ... ער נויטיגט זיך אין א שטעלע". נאך א געשפרעך מיט'ן „דאקטאר" פאר עטליכע מינוטען האב איך אויסגעפונען, אז דער מענש איז איבערהויפט ניט קיין מעדיצינישער דאקטאר, נאר א „נאטור הוילער" — וואס דאס זאל ניט מיינען. אנדערע ווערען געשיקט אהער, וועלכע טויגען זיך ניט פאר אונז און זיי פארנעמען בלויז אומזיסטע צייט. די פריינט, וועלכע שיקען זיי וויל איך זאגען, דער יוניאן העלט סענטער האט זיך געשאפען א רעפוטאציע פאר זיינע עטישע און פראפעסיאנאלע סטאנדארדס דורך די 24 יאר, צווישען די אויטאריטעטען אין דער מעדיצינישער פראפעסיע. די ניו יארק סטייט באארד און סאשעל וועלפעיר האט אונזער אינסטיטוציע אונטערזוכט יעדען יאר און האט זי שטארק געלויבט. אונזערע מיטגלידער זיינען זיכער בארעכטיגט באהאנדעלט צו ווערען פון די בעסטע מענשען אין דער פראפעסיע. מיר ווילען די רעפוטאציע אויפהאלטען און נאך פארבעסערען. אונזערע פריינט קענען אונז העלפען דורך ניט שיקען אונז מענשען, וועלכע באהויפטען צו זיין דאס וואס זיי זיינען נישט. א שאד אונזער צייט.

באשיצט אייער געזונט

מיט אלע מיטלען וואס מיר פארמאגען פרובירען מיר אויפקלערען אונזערע מיטגלידער, אז זייער געזונט איז די טייערסטע זאך וואס זיי פארמאגען; אז זיי מרזען עס אפהיטען. פאר טויזענטער פון זיי איז עס א נייס, אז זיי מוזען האבען באזונדערע גלעזער צו טרינקען; באזונדערע האנטיכער; אז זיי דארפען האבען גוטע שפייז און א באלאנסירטע דיעטע; זיי ווייסען נישט ווי וויכטיג עס איז פרישע לופט, זונשיין און עקסערסייז, רו און גענוג שלאף. זיי ווייסען נישט ווי זיך אפצוהיטען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען, ווייל קיינער האט עס זיי קיינמאל ניט געזאגט. אין אנדערע ווערטער: אויב מיר ווילען, אז אונזער גרויסע מיטגלידערשאפט זאל קענען טאן די ארבייט פאר אונזער ארגאניזאציע, מוז מען זיי לערנען ווי אויפצופאסען אויף זייער געזונט. קראנקהייט פארניכטעט זייער מעגליכקייט צו פארדינען פאר זיך. זיי ווערען א לאסט פאר זיך אליין, פאר זייערע פאמיליעס און סוף כל סוף — אויף דער געזעלשאפט. וועלען די עדיוקיישאנאל דירעקטארס פון אונזערע לאקאלס אין ניו יארק זיין אזוי גוט און איינשליסען געשפרעכען איבער געזונט פראגען אין זייערע פראגראמען? דער יוניאן העלט סענטער וועט מיט צופרידענהייט ארויסהעלפען.

די אינטערנעשאַנאַל ביי דער ארבייט אין מאָנטרעאַל

פון בערנארד שעהן
גענעראל ארגאניזער א. ל. ג. וו. י.

די הייסע זומער וואכען האבען אויף א האר ניט אפגעשוואכט די אינטענסיווע טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנעל אין מאנטרעאל, א טעטיגקייט וואס איז לעצטענס געווארען זעהר פארצווייגט. אלע דעפארטמענטען פון אונזער אינטערנעשאנעל אין מאנטרעאל זיינען געווען שטארק אקטיוו אין דעם לעצטען חודש, די פעריאדע איבער וועלכער איך וויל איצט געבען אן איבערזיכט, מאכענדיג אזוי קורץ ווי נאר מעגליך.

איך וועל אנהויבען פון דעם קלאוקס דעפארטמענט.

דער קלאוק סיזאן אין מאנטרעאל איז ניט קיין גוטער; ס'איז ניט אזוי ווי מיר האבען ערווארטעט. אבער דאך האבען מיר ניט קיין ערנסטע ארבייטסלאזיגקייט פראבלעם. עס זיינען פאראן ארום 15 פרעסערס, וועלכע זיינען ניט באשעפטיגט, אויסער זיי ארבייטען אלע אנדערע בעל-מלאכות. פרעסערס האבען שטענדיג צוגעשטעלט א שטיקעל איבערפלוס אין פארגלייך צו די אנדערע „קרעפטס".

צו פארלייכטערען די לאגע פון די ארבייטסלאזע פרעסערס האבען די באשעפטיגטע פרעסערס זיך געטעקסט צו איין דאלאר א וואך. דאס וועט שאפען א פאנד, מיט וועלכען אונזערע ארבייטסלאזע פרעסערס-מיטגלידער וועלען געשטיצט ווערען פאר דער צייט וואס זיי געהען ארום לידיג.

אין די לעצטע עטלאכע וואכען איז אונזער אפיס, מיט דער הילף פון דער עקזעקוטיוו באארד, געווען פארנומען אין אויסגלייכען לוין-סטענדארדס אין די שוואך-באצאהלטע שעפער. כאטש לויט דעם נאר וואס געשלאסענעם קאלעקטיווען אגרימענט, דארפען אונזערע מיטגלידער קריגען לוין-העכערונגען אנפאנגענדיג פון א 5 פראצענט „רעיז" דעם ערשטען יאנואר, און מיט א צווייטען ענליכען „רעיז" דעם ערשטען יולי, האבען מיר אבער דאך איצט שוין געקראגען לוין-העכערונגען פאר הונדערטע ארבייטער אין די שעפער, וואו די לוין-סטענדארדס זיינען געווען צוריקגעשטאנען. דאס, נאטירליך, האט ניט צו טאן מיט די אויבענדערמאנטע „רעיזעס" וואס זיי דארפען באקומען לויט דעם קאנטראקט. איך וועל ברענגען איניגע ביישפילען: אין דעם „מעי גארמענט שאפ" האבען מיר געקראגען א לוין-העכערונג פאר אלע פרעסערס. אין דזש. שווארצ'ס שאפ האבען מיר באקומען „רעיזעס" פאר די פינישערס. דאס זעלבע אויך אין דעם שאפ פון „גארמענט סיילס". אין בערגמאנ'ס שאפ האבען מיר געקראגען העכערונגען פאר פינישערס, פרעסערס, שניידערס און ליינינג-מאכער. אין מאנכע שעפער האבען מיר רעווידירט די פרייזען, נאכדעם ווי מיר האבען געפילט, אז די פרייז-קאמיטע האט די פרייזען ניט ריכטיג איינגעשטעלט, און מיר האבען אזוי ארום געקראגען ווייטערע „רעיזעס" פאר די מיטגלידער.

פארשטעהט זיך, אז דאס האט שטארק געהויבען דעם פרעסטיזש פון דער יוניאן אין די אויגען פון די יוניאן מיטגלידער, וועלכע זעהען ווי אזוי די יוניאן פארבעסערט זייערע לעבענס-באדינגונגען.

דרעס דעפארטמענט.

מיטגלידער פון דער דרעס מאנופעקטשורערס גילד האבען זיך געקלאגט, אז די לוין-סטענדארדס וועלכע דער אומפארטייאישער טשערמאן האט ענטשיידעט, זיינען צו הויך. זיי האבען פארלאנגט, אז א רעוויזיע זאל געמאכט ווערען אין די איינגעשטעלטע מינימומס.

אין פארבינדונג מיט דעם דאזיגען פארלאנג, זיינען קאנפערענצען אפגעהאלטען געווארען דעם 4טען און 5טען אויגוסט. ביי די דאזיגע קאנפערענצען, וועלכע זיינען געווען אונטער'ן פארזיץ פון אומפארטייאישען טשערמאן, דייוויד קוירש, האט די יוניאן דערקלערט, אז אויך זי איז ניט צופרידען מיט די מינימומס, זיי האבען באדארפט זיין גרעסער. אבער די יוניאן האט אין די 50 יאר פון איר עקזיסטענץ זיך אויסגעלערנט, אז ענטשיידונגען פון ארביטרייטארס ווערען רעספעקטירט. די שטעלונג פון דער יוניאן איז געווען געגען א רעוויזיע. די בעלי בתים, איינזעהענדיג, אז ס'איז ניטא פאר זיי קיין גלייכער אויסוועג, ווי ארויסצודרעהען זיך פון דער ענטשיידונג, האבען ארויסגעשטעלט די פאדערונג, אז מען זאל פאר זיי מאכען לייכטער דאס איינפירען פון די מינימומס. מיר האבען ניט געקענט איינגאנצען איגנארירען זייער פארלאנג און זיינען איינגעגאנגען אויף א שטיקעל קאנצעסיע. מיר האבען איינגעשטימט אז פינישערס וואס האבען געהאט געקראגען פון 7 ביז 10 דאלאר א וואך זאלען באקומען דערווייל 11 דאלאר א וואך אנשטאט $12.50. די וועלכע קריגען פון 10 דאלאר א וואך און העכער זאלען באלד באקומען $12.50. דערפאר האבען מיר פארזיכערט, אז אט די פינישערס, וועלכע וועלען, לויט דער רעוויזיע, קריגען דערווייל 11 דאלער א וואך, זאלען אין משך פון 6 חדשים ארויפקומען צו $12.50, דורכדעם וואס זיי וועלען יעדע 2 חדשים באקומען א 50 סענט רעיז. דעם ערשטען רעיז זאלען זיי קריגען דעם ערשטען אקטאבער. דעם צווייטען רעיז דעם 1טען דעצעמבער און דער דריטען — דעם 1טען פעברואר. אט די לייכטע רעוויזיע איז געמאכט געווארען בלויז וועגען די פינישערס. פאר אלע אנדערע „קרעפטס" געהען די איינגעשטעלטע מינימומס באלד אריין אין קראפט.

וואס איז שייך בעק-פעי איז באשטימט געווארען, אז אלע בעלי-בתים דארפען באצאהלען בעק-פעי, 10 פראצענט אויף די פארדינסטען פון דעם 7טען מאי ביז דעם 7טען יולי. פון דעם 7טען יולי ביז דעם 16טען אויגוסט דארף די בעק-פעי זיין אויף דעם באזיס פון די איינגעשטעלטע מינימומס.

דער אפיס איז איצט שטארק פארנומען און מיר ארבייטען פשוט „אווערטיים" איינצושטעלען די לוין-סקיילס. אונזערע ביזנעס-איידזשענטס געהען ארום פון שאפ צו שאפ און לוין-העכערונגען, וועלכע באטרעפען טויזענדער דאלאר א וואך, ווערען געקראגען. אלס א ביישפיל וויל איך אנגעבען איינעם פון אונזערע שעפער. מיר וועלען נעמען, למשל, דעם שאפ פון „דעקעלבוים בראס". האבען מיר דארט פאר 92 ארבייטער געקראגען לוין-העכערונגען וואס באטרעפען 152 דאלאר א וואך. אויסער אט די 10 פראצענט העכערונג אין ווייַדזשעס דורך דער פארקלענערונג פון 4 שעה אויף דער וואך ארבייט.

ס'איז אינטערעסאנט צוצוגעבען, אז ווען אונזערע לוין-סטענדארדס זיינען באקאנט געווארען, האבען די קאטוילישע סינדיקאטען, וועלכע קענען נאך ניט פארגעסען די מפלה וואס זיי האבען געהאט ווען זיי האבען פארפירט מיט אונז א מלחמה אין דעם לעצטען דרעסמאכער סטרייק, ארויס אין דער פראנצויזישער פרעסע מיט אן ערקלערונג, אז זיי וועלען פראטעסטירען למאי מיר זיינען איינגעגאנגען אויף אזעלכע לוין-סטאנדארדס. פארשטעהט זיך, אז זייער ערקלערונג האט מער ווי שפאס ניט ארויסגערופען און זיי זיינען איצט דער וויץ פון די פראנצויזישע ארבייטארינס, וועלכע טוליען זיך צו דער „אינטערנעשאנעל", וויסענדיג וואס די יוניאן האט פאר זיי אויפגעטאן אין אזא קורצער צייט, דאס העכערען זייער לוין און רעדוצירען 4 שטונדען פון זייער ארבייטס-וואך.

די דרעס-ארבייטער זיינען איצט פארנומען מיט ערוויילען עקזעקוטיוועס. די דרעס-פרעסער וועלען ערוויילען זייערע עקזעקוטיוו-בעאמטע ביי א מיטינג דעם 27טען אויגוסט. אנדערע ברענטשעס פון דער דרעסמאכער יוניאן וועלען אפהאלטען מיטינגען קומענדע וואך צו נאמינירען און ערוויילען זייערע עקזעקוטיוועס.

אפטאון ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

אונזער ארבייט צו ארגאניזירען דעם אפ-טאון גארמענט צענטער געהט אן אינטענסיוו און ערפאלגרייך און ס'איז שוין ניט ווייט דער טאג ווען די מאנופעקטשורערס פון דעם דאזיגען צענטער וועלען גערופען ווערען צו א קאנפערענץ צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן וועגען שליסען א קאלעקטיווען אגרימענט.

דערווייל זיינען די בעלי-בתים געוואלדיג נערוועז, זיך שרעקענדיג פאר דעם טאג ווען אזא רוף וועט צו זיי געשיקט ווערען. מאנכע בעלי-בתים, ווייזט אויס, ווילען שוין פארלויפען דעם וועג און זיך פרובירען ראטעווען מיט די קאטוילישע יוניאנס, ווי דאס האבען — זעהר ניט ערפאלגרייך — געטאן געוויסע מאנופעקטשורערס פון דעם דאון-טאון דיסטריקט, פאר דעם סטרייק. אלס א ביישפיל וועט אילוסטרירען פאלגענדער פאקט:

א באוואוסטער מאנופעקטשורער, וועלכער שפילט גראד א בכבוד'יגע ראליע אין דער אידישער געזעלשאפטליכקייט, האט פרייטאג, דעם 13טען אויגוסט — און דער דאזיגער 13טער און א פרייטאג איז פאר אים ווירקליך געווען שלימזל'דיג! — האט ארייננגערופען זיינע קאטערס און זיי געזאגט, אז ער וויל דאס זיי זאלען זיך אנשליסען אין דער קאטוילישער יוניאן. ער האט שוין אפילו געהאט אנגעגרייט אפליקאציע-פארמס אויסצומאכען. האבען א טייל קאטערס, די פראנצויזישע, איינגעשטימט, און א טייל ניט. אויפ'ן צווייטען טאג, שבת פריה, איז ער אריין אין שאפ, אפגעשטעלט די ארבייט און געהאלטען א רעדע פאר די מיידלאך. עס האבען דאן געארבייט ארום 150 מיידלאך פון די 400, וועלכע ער באשעפטיגט געווינליך, — און זיי אויפגעפאדערט, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער קאטוילישער יוניאן. וואס האט פאסירט: די אידישע מיידלאך האבען באלד אויסגעבראכען אין א ג,עוויין, הערענדיג אז א אידישער בעל-הבית שיקט זיי צו א קלויסטער-יוניאן. די פראנצויזישע מיידלאך האבען, פארשטעהט זיך, ניט געוויינט, אבער זיי האבען פשוט ערקלערט, אז אויב אנשליסען זיך אן א יוניאן, וועלען זיי זיך אנשליסען אן דער יוניאן וועלכע זיי וועלען אליין אויסקלייבען. אינ'ם זעלבען טאג איז דער גאנצער שאפ געקומען צו דער „אינטערנעשאנעל" און דער זעהר אינטערעסאנטער „פינאל" איז געווען, דאס דער מאנופעקטשורער איז געקומען מאנטאג פרי אין שאפ און זיך עפענטליך ענטשולדיגט פאר די מיידלאך, למאי ער האט זיי געוואלט שיקען אין דער קאטוילישער יוניאן.

פון זיכערע קוועלען דערוויס איך זיך, אז די בעלי-בתים פון אפטאן האבען אפגעהאלטען א ספעציעלען מיטינג צו באהאנדלען אט דעם אינצידענט. וואס זיי האבען דארט באשלאסען — דאס ווייסען מיר ניט דערווייל. אלענפאלס, ערווארטען מיר, אז גאר קירצליך וועלען מיר האבען א סטרייק געגען יענער פירמע וואס האט געהאט געמאכט דעם טעות צו בעטען אירע ארבייטער אנצושליסען זיך אן דער קאטוילישער יוניאן.

עמבראידערי דעפארטמענט.

ווען די דאזיגע שורות ווערען געשריבען, גרייטען מיר זיך צו א קאנפערענץ מיט די עמבראידערי בעלי-בתים וועגען איינשטעלען א קאלעקטיווען אגרימענט אין טרייד. די קאנפערענץ קומט פאר מאנטאג, דעם 22טען ד. מ., און ס'איז, נאטירליך, נאך צו פריה צו שרייבען געניי וועגען דער עמבראידערי סיטואציע. איך וויל בלויז זאגען, אז מיר האבען שוין ארגאניזירט כמעט איינגאנצען דעם טרייד, און מיר ערווארטען, אז די בעלי בתים זאלען זיך רעכענען מיט די אומשטענדען, אז זיי זאלען נעמען אין אכט וואס ס'איז פארגעקומען אין דרעס טרייד און אויסמיידען מיט אונז א קאמף דערמיט וואס זיי וועלען איינגעהן צו אונטערשרייבען מיט אונז א קאלעקטיווען אגרימענט.

די אינטערנעשאנעל ביי דער פראווינציעלער טרעיד יוניאן קאנפערענץ.

מיט א פאר וואכען צוריק איז אין טרי-ריווערס קוויבעק אפגעהאלטען געווארען א פראווינציעלע קאנפערענץ פון פארשידענע טרייד-יוניאנס. דער צוועק פון דער קאנפערענץ איז געווען צו פארשטארקען די באוועגונג פון אינטערנעשאנעל יוניאנס כדי צו קענען בעסער באקעמפען די פילע שונאים, וועלכע זוכען פארשידענע מיטלען ווי צו אפשוואכען און פארניכטען דעם איינפלוס פון די אינטערנעשאנעל יוניאנס אויף די ארבייטער-מאסען אין קוויבעק פראווינץ.

אונזער אינטערנעשאנעל, וועלכע פארנעמט איצט אן אויבענאן פאזיציע צווישען די אינטערנעשאנעל יוניאנס אין קענעדע און איז אקטיוו אויף אלע געביטען פון טרייד-יוניאן ארבייט, איז ביי דער דאזיגער קאנפערענץ געווען פארטראטען מיט א דעלעגאציע פון 19 פערזאן. 9 דעלעגאטען זיינען געשיקט געווארען פון דעם דזשאינט-קאונסיל, 7 דעלעגאטען פון די דרעסמאכער און דריי פון די דרעס-קאטערס. אונזער דעלעגאציע האט זיך דארט שטארק אנגעזעהן און אונזערע מיטגלידער זיינען שטאלץ צו זעהן וואס פאר א ווירקענדע ראליע אונזער אינטערנעשאנעל שפילט איצט אין דער טרייד-יוניאן באוועגונג פון קענעדע.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XIX. No. 10. Jersey City, N. J., October, 1937 Price: 10 Cents

די אַרבייט פון אָוּוערלעפּינג דעפּאַרטמענט

אַ קלאָוקמאַכער פרעגט אונז: וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס די אַמאַלגאַמייטעד שעפער, וואו מען מאַכט די מענערשע פאַסאָן קלאָוקס, ווערען געשטעלט אונטער דער קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווען די קלאָוקס בלייבען דאָרטען סאַי ווי סאַי?

מיר פאַרשטעהען פון דער קורצער פראַגע, אַז דער פראַגע־שטעלער וואָלט געווען מער צופרידען, ווען מען וואָלט אַנשטאָט אָוועקצונעמען די שעפער פון דער אַמאַלגאַמייטעד און זיי אָוועקגעגעבען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, זאָל מען בעסער אָוועקנעמען פון די שעפער די קלאָוקס און זיי אָוועקגעבען די קלאָוקמאַכער.

נו, מיר ווילען דאָ זיך ניט פיל אָפּשטעלען אויף דער פראַגע ווי עס וואָלט געווען בעסער. עס קען זיין, אַז פאַר׳ן מאָמענט וואָלט עס געווען פאַר די קלאָוקמאַכער בעסער, אַז מען זאָל אָוועקנעמען די קלאָוקס פון די אַמאַלגאַמייטעד שעפער, איידער אָוועקנעמען די קלאָוק־שעפער פון דער אַמאַלגאַמייטעד, אָבער עס וואָלט געווען שפּעטער ערגער, ווייל די געבליבענע לידיגע אַמאַלגאַמייטעד שעפער וואָלטען באַלד ווידער אָנגעפאַנגען מאַכען קלאָוקס און מען וואָלט ווידער געדאַרפט קעמפען מיט זיי. אָבער מיר ווילען דאָ ניט, ווי שוין געזאָגט, זיך אַריינלאָזען אין אַ ברייטער דיסקוסיע וועגען דעם וואָס עס איז בעסער. וואָרים סוף כל סוף קען מען ניט אַלעמאָל קריגען דאָס בעסטע און דערצו איז ניט אַלעמאָל וואָס עס איז בעסער אויך גערעכטער.

די הויפּט פראַגע איז: וואָס באַצוועקט די יוניאָן מיט איר קאַמף געגען דעם, וואָס קלאָוקס ווערען געמאַכט אין אַמאַלגאַמייטעד שעפער?

עס איז לייכט צו ענטפערען, אַז דער צוועק איז, אַז קלאָוקס זאָלען געמאַכט ווערען בלויז פון קלאָוקמאַכער. אָבער ווען מען זאָגט „קלאָוקמאַכער" מיינט מען ניט סתם באַלמעלאָכעס וואָס קענען מאַכען קלאָוקס, ווייל עס זיינען אויך פאַראַן אַרבייטער אין די אַמאַלגאַמייטעד שעפער, וועלכע קענען מאַכען קלאָוקס. דער באַווייז איז, אַז זיי מאַכען. ווען מען זאָגט דעריבער „קלאָוקמאַכער" מיינט מען מיטגלידער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. און דאָס אַליין איז נאָך אויך ניט גענוג. עס קען טרעפען אַז מיטגלידער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן זאָלען טאָן וואָס מען דאַרף ניט און די יוניאָן וועט זיי ניט לאָזען מאַכען קיין קלאָוקס. קומט עס דאָך פאָר, אַז די יוניאָן נעמט אַראָפּ קלאָוקמאַכער פון שאָפּ, ווען זיי האָבען געטאָן וואָס מען טאָר ניט. און דאָס וויכטיגסטע וואָס מען טאָר ניט, איז אַרבייטען אונטער׳ן פרייז און אַרבייטען לייגגערע שטונדען. און גוטע יוניאָן לייט ווייסען פאַרוואָס דאָס איז אַזאַ גרויסע עבירה. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע יוניאָן עבירה ווי אונטערגראָבען די אויסגעקעמפּטע יוניאָן באַדינגונגען. עס הייסט, אַז דאָס וויכטיגסטע אין דעם קאַמף פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן געגען דער אַזוי גערופענער „אָוּוערלעפּינג" איז, אַז קלאָוקס זאָלען געמאַכט ווערען אונטער דער קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אונטער די יוניאָן באַדינגונגען וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט אויסגעקעמפּט.

דערפון איז קלאָר, אַז ווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן אָדער די אינטערנעשאָנאַל געפינט אויס, אַז ערגעץ וואו מאַכט מען קלאָוקס אין אַ שאָפּ, וואָס שטעהט ניט אונטער דער קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איז איר אויפגאַבע אים צו שטעלען אונטער איר קאָנטראָל. עס איז אין דעם פּרט קיין אונטערשייד ניט, אויב עס איז אינגאַנצען ניט קיין יוניאָן שאָפּ, אָדער עס איז אַ שאָפּ, וואָס באַלאַנגט צו אַנאַנדער יוניאָן, וואו עס ווערט געאַרבייט ניט לויט די באַדינגונגען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. דער וויכטיגסטער אינטערעס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אין דעם פאַל, אַז קלאָוקס זאָלען ניט געמאַכט ווערען אונטער נידעריגערע סטאַנדאַרדס, ווי זיי עקזיסטירען אין די שעפער וואָס שטעהען אונטער איר קאָנטראָל און אַז עס זאָל ניט געשאַפען ווערען קיין קאָנקורענץ צווישען איין שאָפּ און צווייטען, וואָס קען רואינירען דעם טרעיד פאַר די אַרבייטער.

דער אָוּוערלעפּינג דעפּאַרטמענט טוט דעריבער די ריכטיגע אַרבייט, וואָס ער נעמט איבער די אַמאַלגאַמייטעד שעפער, וואו מען מאַכט קלאָוקס, און שטעלט זיי אונטער דער קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

⁂

צו דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר

עס וואָלט געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג, ווען אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר וואָלט באַשלאָסען געוואָרען, אַז מען דאַרף מאַכען שלום מיט די יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ. און צוריק גאַנץ מאַכען די אַמעריקענער טרייד יוניאָן באַוועגונג. דאָס וואָלט אייגענטליך געווען גאַנץ לייכט. פּרעזידענט דובינסקי האָט עס קלאָר, קורץ און איינפאַך פאָרמולירט אין זיין רעדע אויף דער קאָנווענשאָן פון די אויטאָמאָביל אַרבייטער: די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר דאַרף בלויז באַשליסען, אַז זי אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם און אַז די אינדוסטריעס פון מאַסען־פּראָדוקציע דאַרפען אָרגאַניזירט ווערען אינדוסטריעל.

אין דער פּראַקטיק האָט די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר די לעצטע צייט שוין אָנערקענט דעם אינדוסטריעלען יוניאָניזם. דאָס האָט איר געצוואונגען דער קאַמף געגען דער סי. אַי. אָ. עס האָט זיך דערמיט געשאַפען אַ גאַנץ קוריאָזער צושטאַנד. די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר האָט ערקלערט מלחמה דער סי. אַי. אָ. צוליב דעם, וואָס די סי. אַי. אָ. איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די אַרבייטער אין די גרויסע אינדוסטריעס פון מאַסען פּראָדוקציע זאָלען אָרגאַניזירט ווערען אין אינדוסטריעלע יוניאָנס, אָבער ווען די אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר האָט דערזעהן ווי גרויס עס זיינען די דערפאָלגען פון דער סי. אַי. אָ., האָט זי אַליין אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירען אינדוסטריעלע יוניאָנס! עס הייסט, אַז עס דאַרף איצט זיין גאַנץ לייכט פאַר דער פעדערעישאָן צו שליסען שלום מיט דער סי. אַי. אָ., ווי פּרעזידענט דובינסקי האָט עס פאָרלאַנגט אין זיין דערמאָנטער רעדע.

נאָר מען דאַרף זיין אַ צו גרויסער אָפּטימיסט צו גלויבען, אַז די אָנגענעמע איבעראַשונג וועט ווירקליך קומען פון דער איצטיגער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר. וויניגסטענס קען מען עס ניט פאָראויסזאָגען פון דעם „פרידענס־פאָרשלאַג", וואָס פּרעזידענט וויליאַם גרין האָט געמאַכט, אַז די יוניאָנס, וואָס זיינען סוספּענדירט געוואָרען, זאָלען זיך צוריקציען פון דער סי. אַי. אָ.

פאַר צייטונג נייעס איז דאָס, מוז מען צוגעבען, אַ גאַנץ גוטער פרידענס־פאָרשלאַג. די צייטונגען האָבען טאַקע געדרוקט, אַז וויליאַם גרין האָט אָנגעבאָטען די יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ. שלום. עס איז ניט דער עסק פון די נייעס שרייבער אין די צייטונגען זיך פאַנאַנדערצוקלייבען, אַז וויליאַם גרינ׳ס פרידענס פאָרשלאַג מיינט לחלוטין גאָרנישט. וואָרום ווען די באַטרעפענדע יוניאָנס וואָלטען איינגעשטימט זיך צוריקצוציהען פון דער סי. אַי. אָ., וואָלט מען דאָך זיי פון אָנפאַנג אָן ניט סוספּענדירט.

אָבער אויב עס איז צו גוט צו דערוואַרטען פון דער פעדערעישאָן קאָנווענשאָן אַ שלום, קען מען אָבער דאָך דערוואַרטען, אַז די קאָנווענשאָן וועט ניט טאָן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל דעם ריס גרעסער מאַכען.

עס איז פאַראַן אַ וואונש פאַר שלום אין ביידע לאַגערען, אָבער עס זיינען, ליידער, אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זוכען צו מאַכען דעם שטרייט שאַרפער און ביטערער, וואָס זאָל פירען צו אַ פולשטענדיגער שפּאַלטונג און צו אַן אונאויפהערליכער מלחמה. דזשאָהן פרעי, דער פּרעזידענט פון מעטאַל טרעיד דעפּאַרטמענט פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר, איז איינער פון זיי. אָדער ריכטיגער, איינער פון די ערגסטע פון זיי.

דזשאָהן פרעי איז איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פירער אין דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר. ער האָט אַ גרויסען חלק אין דעם, וואָס דער קאַמף געגען דער סי. אַי. אָ. האָט אָנגענומען אַזאַ פאַרביטערטען כאַראַקטער און ער טוט אַלץ וואָס אין זיינע כחות צו פירען צו אַ פולשטענדיגער שפּאַלטונג. דזשאָהן פרעי האָט שוין געלאָזט וויסען, אַז ער וועט פאָדערען אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר אין דענווער, אַז די סוספּענדירטע יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען צו דער סי. אַי. אָ., זאָלען אינגאַנצען אויסגעשלאָסען ווערען. ער פאַרזיכערט, אַז ער וועט קומען מיט אַזאַ רעזאָלוציע פון דעם מעטאַל טרעיד דעפּאַרטמענט, וואָס וועט אָפּהאַלטען אַ קאָנווענשאָן מיט אַ וואָך פריהער.

צום גליק אָבער זיינען ניט אַלע פירער פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר אַזוי רעאַקציאָנער ווי דזשאָהן פרעי, ניט אַזוי שמאַלקעפּיג ווי ער און ניט פאַרביטערט ווי ער. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואָלטען וועלען זעהן אַ סוף צו דעם ברודער־קריג אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג, און זיי דערלאָזען ניט, אַז די פרעיס זאָלען דורכפירען זייערע שפּאַלטונגס פּלענער. און אויב עס זאָל ניט פאָרקומען קיין פּלוצימדיגע ענדערונג, וועט די עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר קומען צו דער קאָנווענשאָן מיט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז די יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ. זאָלען אויף ווייטער בלייבען סוספּענדירט, אָבער ניט אויסגעשלאָסען ווערען. עס הייסט, אַז עס וועט געלאָזען ווערען אָפען אַ טיר פאַר שלום.

נאָר די אין דער אַמעריקען פעדערעישאָן, וואָס ווילען באמת שלום, דאַרפען אָנשטרענגען זייערע כוחות, אַז די טיר פאַר שלום זאָל ברייטער געעפענט ווערען. עס דאַרף בלויז באַשטעטיגט ווערען דער געשעענער פאַקט, אַז אין די אינדוסטריעס פון מאַסען פּראָדוקציע איז דער פּרינציפּ פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם באַרעכטיגט.

פריהער, ווען דער שטרייט האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז עס געווען אַ פראַגע אויב דער פּרינציפּ פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם זאָל אָנגענומען ווערען אָדער ניט. איצט אָבער איז עס דאָך שוין אַ געשעהענער פאַקט. די אינדוסטריעס פון מאַסען פּראָדוקציע זיינען שוין דאָך אָרגאַניזירט אויף דעם פּרינציפּ פון אינדוסטריעלען יוניאָניזם. די אַמעריקען פעדערעישאָן אַליין וועט דאָך ניט זאָגען, אַז מען דאַרף אָט די יוניאָנס רעאָרגאַניזירען אין פאַך יוניאָנס. טאָ וועגען וואָס איז איצט דער שטרייט? צוליב וועלכען צוועק דאַרף איצט זיין די אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן באַוועגונג צוריסען?

אַ פאַראייניגטע אַרבייטער באַוועגונג פון אַזאַ פיל מיליאָניגער אָרגאַניזאַציע וואָלט דאָך איצט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גוואַלדיגען כח, וואָס וואָלט געקענט אויפטאָן וואונדער. און ווען די קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר אין דענווער וואָלט עפענען אַ ברייטערע טיר פאַר שלום, וואָס זאָל פירען צו פאַראיי־

אויסנאַמען געגען אימיגראַנטען ארבייטער אין בעלגישע שניידער־יוניאָנס וועלען אָפּגעשאַפט ווערען, טעלעגראַפירט וויס־פּרעזידענט דזשוליוס האָכמאַן

וויס־פּרעזידענט דזשוליוס האָכמאַן, וועלכער האָט פאַרטראָטען די אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן ביים אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס פון דער פעדעראַציע פון באַקליידונגס ארבייטער, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קאָפּענהאַגען לעצטען שבת און זונטאג, מעלדעט אין אַ קאַבעל צו פּרעזידענט דובינסקי, אַז דער פאַרטרעטער פון די בעלגישע שניידער יוניאָנס, ליבאַן, האָט פאַרשפּראָכען ביים קאָנגרעס אַז די רעזאָלוציע וואָס איז דאָרט אָנגענומען געוואָרען, מאַכענדיג אויסנאַמען פאַר אימיגראַנטען ארבייטער, וועט אָפּגעשאַפט ווערען.

די בעלגישע שניידער יוניאָנס האָבען מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז קיין איינגעוואַנדערטער ארבייטער פון אַ פרעמד לאַנד זאָל קענען האַלטען אַן אַמט אין אַ בעלגישער יוניאָן, סיידען ער איז 15 יאָר אין לאַנד. דער פאַרבאָט האָט זיך באַצויגען ניט בלויז אויף באַצאָלטע און העכערע עקזעקוטיוו עמטער, נאָר אויך אויף לאָקאַלע עמטער אין דער יוניאָן. דאָס האָט געמיינט, אַז איינגעוואַנדערטע ארבייטער, וואָס זיינען ווייניגער ווי 15 יאָר אין בעלגיען, קענען אַפּילו ניט זיין קיין שאַפּ טשערלייט.

ווען די נייעס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט פּרעזידענט דובינסקי, פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, די גרעסטע אָרגאַניזאַציע וואָס איז אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די באַקליידונגס ארבייטער, אָן וועלכער אויך די בעלגישע שניידער יוניאָנס זיינען אָנגעשלאָסען, גלייך אַריינגעשיקט אַ שאַרפען פּראָטעסט צום סעקרעטאַריאַט פון דער פעדעראַציע געגען דער דיסקרימינאַציע געגען אימיגראַנטען ארבייטער. וויס פּרעזידענט האָכמאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרען אלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון דער אינטערנעשאָנעל, איז געגעבען געוואָרען די אויפגאַבע פאַרצוברענגען די פראַגע ביים קאָנגרעס און זען אַז די אויסנאַמען געגען אימיגראַנטען אין די בעלגישע יוניאָנס זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען. דאָס האָט ער געטאָן, און אין זיין טעלעגראַמע צו דובינסקי'ן מעלדעט ער, אַז דער פירער פון די בעלגישע יוניאָנס האָט פאַרשפּראָכען, אַז די רעזאָלוציע וועט צוריקגעצויגען ווערען. זיין טעלעגראַמע לייענט זיך ווי פאָלגט:

„פּרעזידענט דוד דובינסקי,
אינט. לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן,
3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק.

„ליבאַן, בעלגישער פירער, האָט פאַרשפּראָכען דער קאָנווענשאָן, אַז די רעזאָלוציע פאַרבאָטענדיג אימיגראַנטען האַלטען עמטער אין דער יוניאָן, סיידען זיי זיינען אין לאַנד 15 יאָר, וועט צוריקגעצויגען ווערען. גלייכע רעכט פאַר אַלע מיטגלידער, איינגעשלאָסען אימיגראַנטען, וועט עטאַבלירט ווערען.

(אונטערגעשריבען)
דזשוליוס האָכמאַן.

וויס־פּרעזידענט האָכמאַן געפינט זיך איצט אין וואַרשע, וואו ער זוכט זיך צו באַקענען מיט דעם לעבען און ארבייטס־באַדינגונגען פון די נאָדעל־טרייד ארבייטער אין פּוילען אין אַלגעמיין, און מיט די באַדינגונגען פון די פרויען קליידער ארבייטער בפרט. ער וועט אויך באַזוכען פראַנקרייך, טשעכאָ סלאָוואַקיע און ענגלאַנד. ער וועט אין לאָנדאָן ביישוינען דעם בריטישען טרייד־יוניאָן קאָנגרעס וואָס ווערט ערעפענט היינטיגע וואָך.

„יוניטי הויז" גרייט זיך צו אַ פּראַכטפולען ‚פינאַל' דעם לייבאָר־דעי ‚וויק־ענד'

די יוניטי הויז, די וואונדער־שיינע זומער־היים פון דער אינטערנעשאָנאַל אין פאָרעסט פּאַרק, פּענסילווייניא, גרייט זיך צו שליסען דעם היי־יאָריגען סעזאָן וואָס זאָל זיך שטאַרק אָנזען און איינקריצען אין זכרון אַפּילו אין אַזאַ רייכער אומגעבונג ווי דער גאַנצער היינטיגער סעזאָן אין דער יוניטי הויז איז געווען.

אַלע וועלכע האָבען באַזוכט די יוניטי הויז דאָס יאָר און האָבען דאָרטען פאַרבראַכט עטליכע טעג אָדער עטליכע וואָכען, גיבען צו, אַז אין אַלע הינזיכטען, סיי אין דער באַקוועמליכקייט פון די צימערען; אין די זעלטען רייכע און פאַרשיידענאַרטיגע מאכלים; אין די קינסטלערישע קאָנצערטען און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען; אין די פאַרשיידענע ספּאָרט־שפּילען און אין דער פריינדליכער, הויך־קולטורעלער אַטמאָספערע וואָס האָט דאָרט געהערשט, האָט די פאַרוואַלטונג דאָס יאָר, אונטער דער פירערשאַפט פון מענעדזשער עלנער זיך אַליין איבערטראָפען, און ווייט איבערשטיגען אַלעס וואָס די „יוניטי הויז" האָט געהאַט אין די פריהערדיגע יאָרען.

און איצט, צום פינאַל, צו דער לעצטער וואָך פון דעם סעזאָן וואָס די יוניטי הויז וועט זיין אָפען, פאַרשפּרעכט די פאַרוואַלטונג עטוואָס אַזוינס, וואָס וועט פאַרטונקלען די אויסערגעוויינליכע דערגרייכונגען פון דער יוניטי הויז דעם גאַנצען סעזאָן.

דאָס יאָר פאַלט צוזאַמען אין דעם ערשטען „וויק־ענד" פון סעפּטעמבער אַ אידישער און אַן אַלגעמיינער יום־טוב. לעיבאָר דעי און ראש השנה פאַלען אויס דאָס יאָר צוזאַמען, מאָנטאג און דינסטאג. דאָס מאַכט מעגליך פאַר'ן ברייטען עולם אָפּצורוהען זיך גאַנצע פיר־פינף טעג נאָכאַנאַנד. די פאַרוואַלטונג פון יוניטי הויז האָט עס געהאַט אין זינען און צוגעגרייט אַן אמת'ן יום־טוב אויפ'ן שענסטען שטייגער. די גרעסטע קינסטלער פון אָפּערא און טעאַטער, פאָלקס־זינגער מיט אינטערנאַציאָנאַלע רעפּוטאַציעס וועלען אויפטרעטען אין רייכע פּראָגראַמען. דערצו — ספּאָרט שפּילען, געזאַנג און געלעכטער, דורכגעפלאָכטען מיט מאָלצייטען — אמת'ע באַנקעטען, וועט מאַכען יעדע מינוט פון דעם וויק־ענד אומפאַרגעסליך.

נאָך די צוגרייטונגען איז ניט קיין וואונדער וואָס ביי דעם שלוס ווערען דערוואָרט די גרעסטע צאָל געסט און באַזוכער וואָס די יוניטי הויז האָט ווען עס איז געהאַט מיט איין מאָל. די וועלכע ווילען זיך באַזאָרגען מיט אַ פּלאַץ אין דער יוניטי הויז דאַרפען דעריבער בעסער זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין אָפּיס, 3 וועסט 16טע סטריט.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XIX. No. 9 — September, 1937

Entered as Second Class matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919

העלפט די סטרייקערס אין די אַטאָמאַט־רעסטאָראַנען געווינען זייער קאַמף!

אין פאַרבינדונג מיט דעם סטרייק, וואָס די ארבייטער פון די אָטאָמאַט־רעסטאָראַנען פירען איצט אָן געגען זייערע בעלי בתים פאַר יוניאָן אָנערקענונג און מער מענשליכע ארבייטס־באַדינגונגען, האָט די דזשאָינט באָאַרד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פאַרעפענטליכט פאָלגענדען אַפּיל צו אַלע אירע מיטגלידער צו העלפען די סטרייקער געווינען זייער גערעכטען קאַמף:

„צו אַלע קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

„שוועסטער און ברידער:

„אין דער שטאָט ניו יאָרק געהט איצט אָן אַ פאַרביטערטער סטרייק געגען די האָרן און האַרדאַרט (אָטאָמאַט) רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס. די ארבייטער פון דער פירמע, וועלכע האָבען געקרגען קלעגליכע שכירות און זיינען געווען געצוואונגען צו ארבייטען אונטער אונערטרעגליכע באַדינגונגען, זיינען ארויס אין סטרייק פאַר דאָס רעכט צו פאַרהאַנדלען מיט די בעלי בתים קאָלעקטיוו און פאַר מענשליכע ארבייט באַדינגונגען. דער סטרייק געגען דער פירמע פאַרדינט די סימפּאַטי פון יעדען רעכטדענקענדען מענשען און עס איז די פליכט פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער צו שטיצען די בראַווע סטרייקער אין זייער קאַמף געגען דער געלד־גייציגער פירמע, וועלכע האָט פון די ניקעלס און דיימס וואָס די ארבייטער מאַסען ספּענדען אין אירע רעסטאָראַנען און קאַפעטעריאַס זיך ערוואָרבען אַ ריזיגען פאַרמעגען אין דער צייט וואָס די ארבייטער, וועלכע זיי באַשעפטיגען, ווערען געצוואונגען צו ארבייטען פאַר אַ הונגער־לוין.

„די קאָמפּאַני האַלט אַן אַ צאָל פלעצער אין דעם גאַרמענט דיסטריקט, וואו עס ארבייטען צענדליגער טויזענדער ארבייטער פון די נאָדעל־טריידס און די קלאָוקמאַכער צווישען זיי. עס זיינען אין דעם דיסטריקט פאַראַן גענוג יוניאָן רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס, וואו איר, קלאָוקמאַכער, קענט קריגען דיזעלבע שפּייז און פאַר די זעלביגע פּרייזען, צוגעגרייט און סערווירט פון יוניאָן ארבייטער. קלאָוקמאַכער! טוט אייער פליכט אלס יוניאָן לייט! ווייזט ארויס אייער סאָלידאַריטעט מיט די בראַווע סטרייקער. פּאַטראָניזירט בלויז יוניאָן רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס!

דזש. באָאַרד קלאָוקמאַכער יוניאָן.
לואיס ע. לאַנגער, סעקרעטער."

אינטערנעשאַנאַל טשאַרטערט ניין נייע לאָקאַלס אין פאַרשיידענע שטעדט איבער'ן לאַנד

די ענערגישע אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט וואָס די אינטערנעשאָנאַל פירט אָן איבער'ן גאַנצען לאַנד און הויפּטזעכליך אין די קאַטען גאַרמענטס און מיסעלייניאָוס טריידס זינט נאָך דער קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי ווייזט זיך אַמבעסטען ארויס אין דער צאָל נייע לאָקאַלס וואָס ווערען כסדר געטשאַרטערט פון דער אינטערנעשאָנאַל אין נייע שטעט וואו עס זיינען פריהער קיין לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל ניט געווען אָדער אין טריידס וואו די ארבייטער זיינען פריהער ניט געווען אָרגאַניזירט.

לויט דער ערקלערונג פון פּרעזידענט דובינסקי, זיינען דורך די לעצטע פּאָר וואָכען געטשאַרטערט געוואָרען די פאָלגענדע ניין נייע לאָקאַל יוניאָנס אין פאַרשיידענע שטעט:

אין אַרקענזאָ סטייט: פרויען קליידער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 286 אין פאָרעסט סיטי; פרויען קליידער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 287 אין ליטעל ראָק.

אין מיזורי סטייט: מיס און דזשוניאָר דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 288 אין קענזעס סיטי און קאַטאָן קליידער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 283, סיינט לואיס.

פרויען קליידער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 290 אין הענדערסאָן, קענטאַקי; פרויען קליידער ארבייטער לאָקאַל 285 אין האָסיק פאָלס, ניו יאָרק; ניט־גודס און ספּאָרטוועער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 291, מאָלדען, מאַסאטשוזעטס; פרויען קליידער ארבייטער לאָקאַל 289, מעקלענסבאָרא, אילינאָי; און פרויען קליידער ארבייטער יוניאָן לאָקאַל 284, אין ניו אַלבאַני, אינדיאַנאַ.